# רחל ה. קאָרן

# 9 דערציילונגען

אַרויסגעגעבן
פֿון אַ קאָמיטעט
מאָנטרעאָל
1957 — התשי״ח

## 9 דערציילונגען

### ערד

1928־1934


ערד . . . . . . . . . . . . . . . . זייט 9
מגפה אין דאָרף . . . . . . . . . . . . . ״ 37
א שד אין פעלד . . . . . . . . . . . . . ״ 57
שלמה „נוזשדע״ . . . . . . . . . . . . . ״ 107


### שאָטנס

1948־1957


דער לעצטער וועג . . . . . . . . . . . . ״ 201
בראָניא . . . . . . . . . . . . . . . ״ 211
הענט . . . . . . . . . . . . . . . . ״ 229
שאָטנס . . . . . . . . . . . . . . . ״ 257
בלומע זעלינגער . . . . . . . . . . . . ״ 291

# ערד

## I

עס איז מרדכין אָנגעקומען שווער צום צווייטן מאָל חתונה צו האָבן. הינטער זיין פּלייצע האָט מען זיך דערציילט אין צען דערפער אַרום, אַז ער האָט פאַרפייניקט צום טויט מיט אַרבעט זיין ערשט ווייב, פּונקט אַזוי, ווי ער מטשעט זיינע פערד. אין נאָענטן וואַלד איז געווען אויסגעגראָבן אַ טיפער טאָל, און כמעט יעדן חשוון נאָך דער פעלד־אַרבעט האָט מרדכי צוגעשפּאַנט מיט אָרטשיקעס צו דער פרישער נבלה די איבערגעבליבענע פערד און געשלעפּט זיי אין וואַלד. דעם צווייטן טאָג האָבן קי, וואָס זענען געגאַנגען צום פּאַשען, פאַרשאַרט מיטן שטויב פון אונטער זייערע פיס די שמאָלע, לאַנגע ראָווס, וועלכע עס האָבן איינגעקריצט אינם ווייכן פעלד־וועג די אַרויסשטאַרנדיקע ריפּן פון דעם טויטן פערד.

צו זיין פערד, דעם „בולאַן", וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער פון אַנדערע, האָט מרדכי דריי מאָל געמוזט צוקויפן אַ פּאָר. די שווערסטע פרילינגס־אַרבעטן האָט שוין מרדכי געהאַט הינטער זיך, און ס'איז אים געבליבן נאָך צו באַאַרבעטן אַ שטיק פון ליימיקן באַרג, ווען ס'איז אינמיטן דער אַרבעט געפאַלן דאָס דריטע פערד. מרדכי האָט עס געריסן ביים עק, אַרונטערגערוקט אַ דראָנג אונטערן בויך און עס געפּרואווט אויפהויבן. אַ ציטער איז דורכגעלאָפן דורך דער קאַשטאַנברוינער פעל, דאָס פערד האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די פאָדערשטע פיס, אַ הויב־געטון דעם קאָפּ, נאָר באַלד האָבן זיך די קני איינגעבראָכן, דער קאָפּ איז אַרונטערגעפאַלן אָן אַ זייט און נאָר די מילדע, גרויסע אויגן זענען מיט בליקן נאָכגעגאַנגען די באַוועגונגען פון מענטש, וועלכער האָט זיך מיט דראָנג און בייטש אַרומגעפּאָרעט אַרום זיין גוססדיקן גוף:

— אַנו, קאַשטאַן, וויאָ, וויאָ!

זעענדיק, אַז מען קאָן שוין דאָ גאָרנישט אויפטאָן, נישט מיט שלעכטן, נישט מיט גוטן, האָט מרדכי מיט כעס אַ זעץ געטון מיטן שטיוול אין דעם פערדס שווער אָטעמדיקער זייט, אויסגעשפּאַנט עס פון פלוג און זיך געלאָזט מיטן „בולאַן" פאַרענדיקן דאָס אַקערן פון באַרג. צוגלייך מיטן זונפאַרגאַנג האָט מרדכי פאַרענדיקט דעם אַקער. „בולאַן" איז געבליבן שטיין אויף ציטערדיקע פיס און מיט אַ סווישטשענדיקן אָטעם פול געמאַכט די מילדע, פאַרנאַכטיקע לופט. מרדכי האָט זיך אומגעקוקט אויף דעם צעאַקערטן פעלד,

אַ שמייכל האָט זיך פאַרלוירן אין דער געדיכטער, קיילעכדיקער באָרד, דאַן האָט ער אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פון קאָפּ און, פאַרנייגנדיק זיך דריי מאָל פאַרן פערד, אַ זאָג געטאָן הויך אויף אַ קול: „דזשענקויען צי בולאַנקו". אין דריי טעג אַרום האָט מרדכי אויך בולאַנעקס נבלה אַרויסגעפירט אין וואַלד.

ווען די ערשטע פרילינגס־זון האָט אָנגעהויבן אויסצוטריקענען די ווינטערדיקע פייכטקייט פון דער ערד, און די ערשטע פיאַלקעס האָבן זיך ווי פיאַלעטע נישט דרייסטע פּרעגצייכנס געהויבן איבער די גרינע בלעטער, האָט זיך אָנגעהויבן צו ־טראָגן פון וואַלד אַ פאַרעיפּושטער ריח. די גויעס, וועלכע זענען געקומען גנבענען כרויסט און גראָז, זענען אַנטלאָפן אויפן צווייטן עק וואַלד, צוהאַלטנדיק זיך די נעז. „קאָנסקאַ סמערט" האָט שוין ווידער געעפנט זיין „אוצר־קעסטעלע" — האָבן זיי געחוזקט.

די ייִדן האָבן זיין נאָמען פאַריידישט און גערופן אים „מאַלכעמאָוועס".

און מען האָט אויך געוואוסט אין אַלע אַרומיקע דערפער, אַז מרדכי שדכנט זיך צו זישעס טאָכטער, סימען.

יעדן שבת נאָכן עסן, פלעגט מרדכי גיין אין דאָרף, זעצן זיך פאַר דער שטוב מיט זישען און פון דער זייט בלויז צוקוקן זיך צו סימען, וועלכע איז געזעסן אויף איין באַנק מיט אירע צוויי שוועסטערלעך, יונהס מיידל, עליס בחורים און דעם גאָזשעלניקס זון, וועלכער האָט נישט געקאָנט איינזיצן אויף קיין שום פּאָסטן און איז יעדע צוויי חדשים אַהיימגעקומען. די ייִנגלעך האָבן זיך וואָס אַמאָל נענטער צוגעשאַרט צו די מיידלעך, באַקוקט די נייַע קליידער און וועלנדיק כלומרשט פּרוּוון די קוואַליטעט פון שטאָף אַ האַרטן קניפּ געטאָן אין די מיידלשע, פולע אָרעמס. זישע האָט פון צייט צו צייט אויסגעדרייט צו זיי דעם לאַנגן, דאַרן האַלז, אויף וועלכן ס'האָבן זיך געהויבן בלאָע בייטשעלעך פון אָדערן. — וואָס איז דאָרט עפּעס, וואָס? גייען וואָיעוועןן ווי עץ ווילט, באַ מיר איז נישט קיין גראָמאַדסקע בלאָניע.

מרדכי האָט פאַרשטאַנען, אַז זישע וויל זיך בלויז אויספּיינען פאַר אים מיט דער צניעותדיקייט פון זיין טאָכטער. ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, בשעת אַ נישט־פאַרגינעריש שמייכעלע איז אים אַראָפּגערונען פון די ליפּן און פאַרפאַלן געוואָרן אין דער געדיכטער באָרד. — לאָזט זיי, רב זישע, ס'איז דאָך אַזוי, ווי יונגע לאָשאַקעס אויפן ערשטן גראָז!

זינט מרדכי איז געוואָרן ביי אים אַן אָפטער גאַסט, האָט זיך זישע נישט געמוזט זאָרגן מיט זיין שטיקל פעלד. מרדכי האָט עס באַאַרבעט מיט זיינע פערד, און אַז זישע האָט געוואָלט מכלומרשט באַצאָלן, האָט מרדכי געענטפערט מיט אַ הנאהדיק שמייכעלע, גלייך אַיעדעס וואָרט וואָלט שוין



אָפּגעגעבן אַ ברייטן מזל־טוב דער גאַנצער וועלט: מ'עט זעך אָפּדינגען אין פריידן.

סימע האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע, גלייך זי פאַרשטייט נישט מרדכיס בליקן, וועלכע פלעגן אַרומקריכן אויף איר ווי אומרואיקע כרישטשעס. ווען מרדכי איז געזעסן ביי זיי אין שטוב, פלעגט זי זיך קיינמאָל נישט אָפּרייסן פון איר אַרבעט. אָבער אַז זי פלעגט אים דערזען דורכן פענצטער גיין איבער דער בלאָניע מיט זיין שווערן, וויגנדיקן שריט, האָט זי גיך אַרויסגעשלעפּט פון קופערט אַ נייַ בלוזקעלע אָדער אַ געשטריקט שערצל. דעם גאָזשעלניקס זון האָט מען נישט געטאָרט צופיל גלויבן — שוין דאָס דריטע יאָר פאַרדרייט ער איר דעם קאָפּ, און קיין סוף צו דעם אַלעמען איז נישטאָ.

II

ס'איז אָבער אַלץ געקומען אַנדערש און נישט אַזוי, ווי מרדכי האָט זיך עס פאָרגעשטעלט. איינמאָל פאַרנאַכט, ווען ער האָט אויסגעשפּאַנט די פערד פון אַקעראייזן, איז מיט דער שמאָלער סטעזשקע הינטער דער שטאַל אָנגעקומען זיין זון יאַנקל. אין מרדכיס פאַרחידושטן בליק איז געלעגן דאָס אומנאַטירלעכע, זעלטענע פון זיין זונס פריען צוריקקומען פון דאָרף. ווען מרדכי איז אַהיימגעקומען, איז שוין יאַנקל געזעסן אויף אַ באַנק, די לאַנגע פיס אויסגעשטרעקט ביז אין דער מיט פון שטוב. ער האָט געהאַלטן זיינע הענט אין די קעשענעס און געדרייט מיט די פינגער אין די לעכער, וועלכע האָבן זיך געשוואַרצט אין דעם אַלטן, אָפּגעריבענעם שטאָף.

— טאַטע, כ'דאַרף האָבן אַ פּאָר הויזן, כ'שעם מעך צו קומען אַזוי צווישן מענטשן!

ער האָט געצויגן פּאַמעלעך די ווערטער, גלייך ער וואָלט געוואָלט פאָראויס אויספּרוּוון דעם טעם פון פאָטערס קומענדיקן כעס.

מרדכיס בייזע שטים האָט טאַקע נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך.

— ווער הייסטעך גיין, ווער, קענסט נישט זיצן אין דער היים און אַרבעטן, ווי עך? ווער וועט אויפשטיין מאָרגן פאַרטאָג אַקערן, ווער וועט פאָרן נעכטיקן מיט די פערד אין וואַלד? אַלץ עך און עך, און צו דער אַרבעט איז קיינער נישטאָ, נאָר צו דער שיסל —

דאָס מאָל האָט זיך יאַנקל נישט אַנטקעגנגעשטעלט דעם פאָטער מיט אַן ענטפער. ער האָט בלויז אַ צי געטון מיט איין אַקסל, אָבער מרדכי האָט דערפילט, אַז דווקא אין אָט דער לייכטקייט ליגט איינגעקנוילט עפּעס גליטשיקס, פרעמדס, וואָס וועט זיך אַ ליאַדע מינוט אויפוויקלען מיט עפּעס

שמיכל האט זיך פארלוירן אין דער געדיכטער, קילעכדיקער באָרד, דאַן
ום ער אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פון קאָפּ און, פאַרנייגנדיק זיך דריי מאָל
רן פערד, אַ זאָג געטאָן הויך אויף אַ קול: „דזשענקויען צי בולאַנקו".
ן דריי טעג אַרום האָט מרדכי אויך בולאַנעקס נבלה אַרויסגעפירט אין
אַלד.

וועז די ערשטע פרילינגס־זון האָט אָנגעהויבן אויסצוטריקענען די
נטערדיקע פייכטקייט פון דער ערד, און די ערשטע פיאַלקעס האָבן זיך
פיאַלעטע נישט דרייסטע פּרעגצייכנס געהויבן איבער די גרינע בלעטער,
ס זיך אָנגעהויבן צו טראָגן פון וואַלד אַ פאַרעיפושטער ריח. די גויעס,
לכע זענען געקומען גנבענען כרויסט און גראָז, זענען אַנטלאָפן אויפן
ייטן עק וואַלד, צוהאַלטנדיק זיך די נעז. „קאַנסקאַ סמערט" האָט שוין
דער געעפּנט זיין „אוצר־קעסטעלע" — האָבן זיי געחוזקט.

די יידן האָבן זיין נאָמען פאַריידישט און גערופן אים „מאַלכעמאָוועס".

און מען האָט אויך געוואוסט אין אַלע אַרומיקע דערפער, אַז מרדכי
כנט זיך צו זישעס טאָכטער, סימען.

יעדן שבת נאָכן עסן, פלעגט מרדכי גיין אין דאָרף, זעצן זיך פאַר
ר שטוב מיט זישען און פון דער זייט בלויז צוקוקן זיך צו סימען, וועלכע
ז געזעסן אויף איין באַנק מיט אירע צוויי שוועסטערלעך, יונהס מידל,
יס בחורים און דעם גאָזשעלניקס זון, וועלכער האָט נישט געקאָנט
ינזיצן אויף קיין שום פּאָסטן און איז יעדע צוויי חדשים אַהיימגעקומען.
יינגלעך האָבן זיך וואָס אַמאָל נענטער צוגעשאַרט צו די מידלעך, באַקוקט
נייע קליידער און וועלנדיק כלומרשט פּרוּוון די קוואַליטעט פון שטאָף
האַרטן קניפּ געטאָן אין די מידלשע, פולע אָרעמס. זישע האָט פון צייט
צייט אויסגעדרייט צו זיי דעם לאַנגן, דאַרן האַלז, אויף וועלכן ס'האָבן
געהויבן בלאָע בייטשעלעך פון אָדערן. — וואָס איז דאָרט עפּעס, וואָס?
ך וואַיעווען ווי עך ווילט, באַ מיר איז נישט קיין גראָמאַדסקע בלאַניע.

מרדכי האָט פאַרשטאַנען, אַז זישע וויל זיך בלויז אויספּיינען פאַר
מיט דער צניעותדיקייט פון זיין טאָכטער. ער האָט אַ מאַך געטון מיט
ר האַנט, בשעת אַ נישט־פאַרגינעריש שמייכעלע איז אים אַראָפּגערונען
די ליפּן און פאַרפאַלן געוואָרן אין דער געדיכטער באָרד. — לאָזט זיי,
זישע, ס'איז דאָך אַזוי, ווי יונגע לאָשאַקעס אויפן ערשטן גראָז!

זינט מרדכי איז געוואָרן ביי אים אַן אָפּטער גאַסט, האָט זיך זישע
ט געמוזט זאָרגן מיט זיין שטיקל פעלד. מרדכי האָט עס באַאַרבעט מיט
ע פערד, און אַז זישע האָט געוואָלט מכלומרשט באַצאָלן, האָט מרדכי
ענטפערט מיט אַ הנאהדיק שמייכעלע, גלייך איעדעס וואָרט וואָלט שוין



אָפּגעגעבן אַ ברייטן מזל-טוב דער גאַנצער וועלט: מ'עט זען אָפּדינען אין פרידן.

סימע האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע, גלייך זי פאַרשטייט נישט מרדכיס בליקן, וועלכע פלעגן אַרומקריכן אויף איר ווי אומרואיקע כרישטשעס. ווען מרדכי איז געזעסן ביי זיי אין שטוב, פלעגט זי זיך קיינמאָל נישט אָפּרייסן פון איר אַרבעט. אָבער אַז זי פלעגט אים דערזען דורכן פענצטער גיין איבער דער בלאָניע מיט זיין שווערן, וויגנדיקן שריט, האָט זי גיך אַרויסגעשלעפּט פון קופערט אַ ניי בלוזקעלע אָדער אַ געשטריקט שערצל. דעם גאָזשעלניקס זון האָט מען נישט געטאָרט צופיל גלויבן — שוין דאָס דריטע יאָר פאַרדרייט ער איר דעם קאָפּ, און קיין סוף צו דעם אַלעמען איז נישטאָ.

## II

ס'איז אָבער אַלץ געקומען אַנדערש און נישט אַזוי, ווי מרדכי האָט זיך עס פאָרגעשטעלט. איינמאָל פאַרנאַכט, ווען ער האָט אויסגעשפּאַנט די פערד פון אַקעראייזן, איז מיט דער שמאָלער סטעזשקע הינטער דער שטאָל אָנגעקומען זיין זון יאַנקל. אין מרדכיס פאַרחידושטן בליק איז געלעגן דאָס אומנאַטירלעכע, זעלטענע פון זיין זונס פריצן צוריקקומען פון דאָרף. ווען מרדכי איז אַהיימגעקומען, איז שוין יאַנקל געזעסן אויף אַ באַנק. די לאַנגע פיס אויסגעשטרעקט ביז אין דער מיט פון שטוב. ער האָט געהאַלטן זיינע הענט אין די קעשענעס און געדרייט מיט די פינגער אין די לעכער, וועלכע האָבן זיך געשוואַרצט אין דעם אַלטן, אָפּגעריבענעם שטאָף.

— טאַטע, כ'דאַרף האָבן אַ פּאָר הויזן, כ'שעם מעך צו קומען אַזוי צווישן מענטשן!

ער האָט געצויגן פּאַמעלעך די ווערטער, גלייך ער וואָלט געוואָלט פאַראויס אויספּרוּוון דעם טעם פון פאָטערס קומענדיקן כעס.

מרדכיס בייזע שטים האָט טאַקע נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך.

— ווער הייסטעך גיין, ווער, קענסט נישט זיצן אין דער היים און אַרבעטן, ווי עך? ווער וועט אויפשטיין מאָרגן פאַרטאָג אַקערן, ווער וועט פאָרן נעכטיקן מיט די פערד אין וואַלד? אַלץ עך און עך, און צו דער אַרבעט איז קיינער נישטאָ, נאָר צו דער שיסל —

דאָס מאָל האָט זיך יאַנקל נישט אַנטקעגנגעשטעלט דעם פאָטער מיט אַן ענטפער. ער האָט בלויז אַ צי געטון מיט איין אַקסל, אָבער מרדכי האָט דערפילט, אַז דווקא אין אָט דער לייכטקייט ליגט איינגעקנוילט עפּעס גליטשיקס, פרעמדס, וואָס וועט זיך אַ ליאַדע מינוט אויפוויקלען מיט עפּעס

אַן אומגעריכטן, בייזן שטאָך, ווי אַ שלאַנג אויף דער וואַלד־סטעזשקע. די שטילקייט האָט זיך געלייגט אויף די מענטשן אין שטוב, ווי אַ געדיכטע פּאַרע, אין וועלכער מען קאָן נישט אָטעמען. יאַנקלס אומרואיקע פינגער, וועלכע האָבן זיך תמיד געזוכט אַ באַשעפטיקונג אַרום אייגענעם לייב, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז אויב זיי וועלן זיך לאָזן אַביסל ווייטער, וועט מען זיי איינשפּאַנען צו עפּעס אַן אַרבעט, האָבן אַראָפּגעצויגן דאָס וועסטל, בשעת ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער שוועסטער.

— איטע, האָסט שוין אַ קליד? מ׳עט דעך בעטן באַלד פּאַר אַ קראַנצל־פריילין.

איטע האָט אַ פרעג געטון אַן נייגעריקייט מיט דער האָפענונגסלאָזער מידקייט פון אַ מענטש, וועלכער דערוואַרט שוין גאָרנישט פון לעבן.

— וועמען מיינסטו עס?

און בשעת יאַנקל האָט געענטפערט, אַז זישעס טאָכטער איז אַ כלה געוואָרן מיטן גאָזשעלניקס זון, האָט זיין בליק געצאָלט דעם טאַטן מיט צינזן. פאַר די צעריסענע הויזן, פאַר דעם אויפוועקן צו דער אַרבעט אינמיטן דער נאַכט, פאַר די שטעכווערטלעך, וועלכע האָבן אַזוי ביטער אָפּגעחוזקט פון אים און פון אַלע זיינע האָפענונגען. מרדכי איז געבליבן זיצן שטיל, זיינע פיס זענען געבליבן שווער, ווי צוויי קלעצער. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין טיש, און זיין דערשטיקט, קייכנדיק לאַכן, פאַר וועלכן ס׳האָבן אַלע אַזוי מורא געהאַט, האָט אויסגעפילט די גאַנצע שטוב.

— כאַ, כאַ — וועסט אויך טאַנצן — טאַנצן — אין דיינע צעריסענע הויזן — דו, דייך מאַמעס מעזינעקל! — ער איז צוגעגאַנגען פּאַוואָליע צו דער שוועל, אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר און באַלד האָט פאַרביי דעם פענצטער אַ מיניע געטאָן אַ הויכער שאָטן, און ס׳האָט זיך דערהערט דאָס דאָפּטשען פון פערדישע קאָפּיטעס. אינעם מידן גאַלאָפּ פון די פערד האָט זיך איינגעפלאָכטן הויך און גרילצנדיק דער ניגון פון אַ דאָרפיש לידל. מרדכי האָט געפייפט צווישן די ציין, רייטנדיק אויף בייניאַכט אין פעלד פּאַשען די פערד.

## III

איצט פלעגט שוין וואָס אָפטער אַריינקומען דער אַלטער קאָפּל. ער האָט זיך געסודעט מיט מרדכין אין די ווינקלען, נאָר אַז איטע האָט זיך דערנענטערט, האָבן זיי אויפגעהערט צו רעדן, און קאָפּל האָט אָנגעהויבן צו דערציילן זיינע מעשהלעך. אַז עס האָט זיך אים איינגעגעבן אַ גוט, זאַפטיק ווערטל, האָבן די קנייטשן אין זיינע איינגעפאַלענע באַקן צעפירט דעם שמייכל איבערן גאַנצן פּנים.



דעם גאַסט צוליב האָט זיך איטע אָנגעטאָן אַ ווייס בלוזקעלע. קאָפּל האָט עס אָבער ווי נישט באַמערקט. ער האָט אַראָפּגעצויגן די שווערע, געפּאַלדעוועטע ברעמען אַזוי, אַז פון זיינע קליינע, גראָע אייגעלעך זענען בלויז געבליבן שמאָלע שפּעלטלעך.

— עס איז הייס ביי אייך אין שטוב —

האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מרדכין, אַבי פּטור צו ווערן פונם מיידלס בליק, וואָס האָט זיך עקשנותדיק אַריינגעבויערט אין זיינע אויגן און אים געוואָלט דווקא דערמאָנען, אַז ערשט נישט לאַנג איז ער דאָ געקומען טאַקע צוליב איר. די מאַמע האָט נאָך דעמאָלט געלעבט. מסתמא האָט איטע נישט געוואָלט פאַרגעסן דעם שוואַרצן יונגנמאַן, בערל אָסטרעזשעצערס בחור, וועלכן ער האָט אַמאָל געברענגט צו פירן. ער האָט גוט געזען מיט זיינע צוגעזשמורעטע אויגן, ווי אירע הענט האָבן געציטערט, בשעתן אַראָפּנעמען די טעלער פון טיש, ווי אירע אויגן האָבן געוואָלט באַהאַלטן אונטער די ווייסלעכע, שיטערע ברעמען די גאַנצע פאַרשעמטע אומבאַהאָלפנקייט פון אַ קנאָכיקן, נישט שיינעם גוף.

ווען קאָפּל האָט זיך איבערגעוואָונקען מיטן טאַטן און בײדע זענען אַרויס פון שטוב, האָט זי אויסגעטון צוגלייך מיטן בלוזקעלע דעם שמייכל פון פּנים און די אַרויסשטאַרנדיקע באַקן־קנאָכן האָבן זיך געביילט אונטער די אויגן, ווי אָנטבלויזטע סענקעס.

מרדכיס עלטסטע, אויסגעגעבענע טאָכטער, באַסיע, האָט זיך, אפנים, דערוואוסט וועגן דעם אַלעם, ווייל איינמאָל אין אַ מאַרק־טאָג איז זי געקומען צו פאָרן מיטן שופּטס פור. אירע שוואַרצע, קיילעכדיקע, תמיד הונגעריקע אויגעלעך זענען פול געזוען אין אַ יעדן ווינקל, געציילט אַ יעדעס נייע טעפּל, אַ יעדעס איי אויף דער פּאָליצע. עס האָט זיך געדאַכט, אַז איר שפּיציק בייכל איז פונקט אַזוי זשעדנע, ווי אירע אויגן, האָט מורא צו פאַרלירן אַביסל צייט און דערפאַר ווערט אַ יעדעס יאָר די שטוב פולער מיט אַ קינד.

— האָסט דיר אויפגעכאָוועט קיין איינע־האָרע אַ טאָכטער, נאַ—אַ! וועגן אַ שידוך האָסטו שוין אַ טראַכט געטאָן?

און באַסיע האָט אָנגעהויבן אויסצורעכענען אַלע מעלות פון איר שוואָגערס זון. אפשר וואָלט זיך טאַקע איטעס גורל אַ נויג געטון צו איר אומגעריכט מיט אַ רייכן, ברייטפּלייציקן בהמה־סוחר, ווען די שוועסטער וואָלט נישט געווען פאַרלאַנגט דעם צווייטן טאָג אינדערפרי דער מאַמעס ירושה. צוויי שנירלעך פּערל, דאָס דימענטענע רינגל און די אוירינגלעך. מרדכי האָט אַפילו נישט געענטפערט דער טאָכטער, ער האָט בלויז גע־

שמייכלט, בעת זיינע אויגן זענען אַרומגעשפּרונגען ווי וועווערקעס אין אַן ענגער שטייג. איטע, וועלכע האָט אַזוי גוט געקענט דעם פֿאָטערס שמייכל, האָט גיך געכאַפּט די מאָטיקע און איז אַרויס אַרבעטן אין גאָרטן. פֿון דער שטוב האָט זיך געהערט אַ קריגעריי. דער שוועסטערס דין, הויך קול האָט געגרילצט ווי אַ שטומפּיק זעגל אויף דעם האַרטן סענק פֿון אַן אומבייגזאַמען ווילן. דאַצווישן, ווי טעמפּע, שווערע קלעפּ פֿון אַ האַק האָט אָפּגעהילכט דעם פֿאָטערס באַס.

דורך אָט דעם פֿאַרפּלאָנטערטן ווירוואַר פֿון אָפּגעהאַקטע ווערטער האָט זיך פֿאַר איטען אַנטבלויזט אומדערבאַרעמדיק און נאָענט די געוויסקייט, אַז איר זיווג רוקט זיך אָפּ פֿון איר וואָס אַמאָל ווייטער.

פּלוצים איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב באַסיע אַ צעפּלאָמטע, מיטן טעשל אין האַנט. זי איז צוגעפֿאַלן צו איטעס אַקסל און זיך צעוויינט מיט אַ ניגון.

— נישטאָ אונדזער מאַמע, נישטאָ —

די טרערן האָבן געקיצלט איטעס נאַקעטן האַלז, און אין דער נאָז האָט געזעגבערט און געריצט צום ניסן דער זיסלעכער ריח פֿון שימל, מיט וועלכן ס'איז געווען אָנגעזאַפּט באַסיעס שוואַרץ שפּיצן־שאַליקל.

די שוועסטער האָבן נאָך, אייגנטלעך, נישט גערעדט איינע מיט דער צווייטער. איטע האָט געוואָלט פֿרעגן אַסך, און דער עיקר וועגן דעם, ווי אַזוי עס זעט אויס דעם שוואָגערס זון. אפֿשר איז ער ענלעך צו בערל אַסטרעזשעצערס בחור? אָבער באַסיע האָט גיך אָפּגעזעגנט די שוועסטער און מיט איילנדיקע, דרעבלענדיקע שריט איז זי אַוועק אין דאָרף דינגען אַ פֿור אויף צוריקוועגס אַהיים. אויפֿן וועג האָט זי זיך נאָך אַמאָל אויסגעדרייט און הויך, אַז דער טאַטע זאָל הערן, אָנגעזאָגט דער שוועסטער:

— מעגסט עים זאָגן, אַז עך וועל עים דאָ שיקן מיין חיימען, און אַז ער וועט נישט געבן מיט גוטן, ווייסט שוין מיין מאַן אַליין, וויהין צו טרעפֿן.

איטע האָט גוט געוווּסט, אַז חיים האָט מורא אין דער היים דעם קאָפּ אויפֿצוהייבן און אַז ער וואָלט זיך נישט דערוועגט צו פֿאָרן צום שווער אויף אָפּצונעמען זיין שוויגערס ירושה. זי האָט נאָכגעקוקט דער שוועסטער, ביז יענע איז פֿאַרשוואונדן הינטער די ערשטעביימער פֿון וואַלד. דעמאָלט האָט זי אָנגעהויבן צו גראָבן גיך, צעקלאַפּט די גרודעס מיט אַזאַ ווילדקייט, אַז די צעברעקלטע ערד האָט געשפּריצט ווי שוואַרצער, פֿעטער רעגן. ווען זי האָט אויפֿגעהערט אויף אַ רגע צו גראָבן און אויסגעגלייכט די פּלייצע, האָט זי פּלוצים דערפֿילט אַזאַ שווערקייט אין אירע קניען און אַזאַ מידקייט אין איר גאַנצן לייב, אַז זי האָט אַריינגעהאַקט די מאָטיקע אין נישט־



צעגראָבענער ערד און אַליין זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ נאָענטן בוים. קיינמאָל האָט נאָך נישט געשמעקט דאָס יונגע גראָז, ווי היינט. עס האָט אַ זעץ געטאָן אין אירע צעעפֿנטע נאָזלעכער מיט זיין גאַנצער פֿייכטער האַרבקייט, ביז דער קאָפּ האָט זיך איר פֿאַרדרייט, ווי פֿון צופֿיל ווייַן. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד און אויסגעשטרעקט די שווער־געוואָרענע גלידער. און מיטאַמאָל ווי ס'וואָלט איר בלוט דערפֿילט דעם ריטם פֿון דער, מיט יוירנדיקע זאַפֿטן אָנגעפֿילטער, ערד, האָט עס איר אָפּגעענטפֿערט מיט ווילדע, האַרטע קלעפּ פֿון האַרץ. איר שלוכצענדיקער שריי, הייס און אָפּגעהאַקט, ווי דאָס ליבעס־רופֿן פֿון וואַסערפֿייגל אין קורצע זומערנעכט, האָט זיך איבערגעחזרט דריי מאָל נאָכאַנאַנד. דאַן איז איר קערפּער ווי צעשוואומען געוואָרן, זיך אויפֿגעלייזט אין אַ שטילן, באַפֿרייענדיקן וויינען.

## IV

דעם טאָג איז מרדכי אויפֿגעשטאַנען נאָך פֿריער, ווי תמיד. ווען ער האָט געפּאָיעט די פֿערד, האָט ערשט דאָס פֿאַרטאָגיקע ווינטל אָפּגעטיילט דורך נעפּלען דעם טאָג פֿון דער נאַכט. דאָס אָפּגעציילטע, פֿאַרן פּריץ צוגעגרייטע געלט, וואָס ער האָט געהאַלטן אונטערן קישן, האָט מרדכין געבּרענט דעם מוח און אים נישט געלאָזט צומאַכן קיין אויג. עס האָט אים דערמאָנט, אַז דאָס פֿעלד, אויף וועלכן ער האָרעוועט טאָג און נאַכט, איז נישט זיינס, אַז צוליב איין נישט צוגעהאַלטענער ראַטע מוז ער אַלץ איבערלאָזן און אַרויס פֿון דאַנען. מרדכי געדענקט, אַז מיט עטלעכע יאָרן צוריק איז דאָ געשטאַנען אַ וואַלד, אַ געדיכטער גראַבאָווער וואַלד, וועלכער האָט געקענט דעם זוניקסטן טאָג אַריינגאַרן צווישן די מאָכבאַוואַקסענע ביימער־שטאַמען און אים פֿאַרוואַנדלען אין גראָער דעמערונג. ער געדענקט, ווען דער פּריץ האָט אָנגעהויבן אויסצוהאַקן דעם וואַלד. די ערשטע צייט איז דאָרט געראָטן בלויז פּראָסע. דער פּריץ האָט באַזעצט אויף דער „אַלטער לעשניטשוווקע" אַ פֿאַראָבעק, ער זאָל היטן די תבואה. אָבער תיכף, דעם צווייטן טאָג אין דער פֿרי, איז ער צוריקגעקומען אין הויף נישט אויסגעשלאָפֿן, בלאַס, צעשויבערט. צלמענדיק זיך האָט ער דערציילט:

— כ'וואָלט דאָרט נישט געבליבן פֿאַר קיין שום געלט, עס שרעקט עפּעס בייַנאַכט, אַן אומריינער אָרט. — פֿון דער צייט האָט שוין יעדער אַפֿילו בייטאָג אויסגעמיטן די „אַלטע לעשניטשוואָוקע".

דאָס אויסגעקאַרטשעוועטע שטיק פֿעלד איז געווען גענוג ווייט פֿונעם הויף, און איידער די פֿאַראָבקעס זענען אַהין צוגעפֿאָרן מיט פֿערד און אַקעראייזנס, האָט זיך שוין די זון גענייגט צו מיטאָג. די דינער, נישט

מייכלט. בעת זיינע אויגן זענען אַרומגעשפּרונגען ווי וועווערקעס אין אַן גער שטייג. איטע, וועלכע האָט אַזוי גוט געקענט דעם פֿאָטערס שמייכל, ט גיך געכאַפּט די מאָטיקע און איז אַרויס אַרבעטן אין גאָרטן. פֿון דער טוב האָט זיך געהערט אַ קריגערײַ. דער שוועסטערס דין, הויך קול האָט גרילצט ווי אַ שטומפּיק זעגל אויף דעם האַרטן סענק פֿון אַן אומבייגזאַמען לן. דאַצווישן, ווי טעמפּע, שווערע קלעפּ פֿון אַ האַק האָט אָפּגעהילכט ם פֿאָטערס באַס.

דורך אָט דעם פֿאַרפּלאָנטערטן ווירוואַר פֿון אָפּגעהאַקטע ווערטער האָט פֿאַר איטען אַנטבלויזט אומדערבאַרעמדיק און נאָענט די געוויסקייט, איר זיווג רוקט זיך אָפּ פֿון איר וואָס אַמאָל ווייטער.

פֿלוצים איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב באַסיע אַ צעפלאַמטע, מיטן טעשל האַנט. זי איז צוגעפֿאַלן צו איטעס אַקסל און זיך צעוויינט מיט אַ ניגון.

— נישטאָ אונדזער מאַמע, נישטאָ —

די טרערן האָבן געקיצלט איטעס נאַקעטן האַלז, און אין דער נאָז ט געגעבערט און געבייצט צום ניסן דער זיסלעכער ריח פֿון שימל, ט וועלכן ס׳איז געווען אָנגעזאַפּט באַסיעס שוואַרץ שפּיצן־שאַליקל.

די שוועסטער האָבן נאָך, אייגנטלעך, נישט גערעדט איינע מיט דער ייטער. איטע האָט געוואָלט פֿרעגן אַסך, און דער עיקר וועגן דעם, אַזוי עס זעט אויס דעם שוואָגערס זון. אפֿשר איז ער ענלעך צו בערל טרעזשעצערס בחור? אָבער באַסיע האָט גיך אָפּגעזעגנט די שוועסטער מיט איילנדיקע, דרעבלענדיקע שריט איז זי אַוועק אין דאָרף דינגען פֿור אויף צוריקוועגס אַהיים. אויפֿן וועג האָט זי זיך נאָך אַמאָל אויסגעדרייט הויך, אַז דער טאַטע זאָל הערן, אָנגעזאָגט דער שוועסטער:

— מעגסט עים זאָגן, אַז עך וועל עים דאָ שיקן מײַן חיימען, און אַז וועט נישט געבן מיט גוטן, ווייסט שוין מײַן מאַן אַליין, וויהין צו עפֿן.

איטע האָט גוט געוואוסט, אַז חיים האָט מורא אין דער היים דעם פּ אויפֿצוהייבן און אַז ער וואָלט זיך נישט דערוועגט צו פֿאָרן צום שווער ף אָפּצונעמען זײַן שוויגערס ירושה. זי האָט נאָכגעקוקט דער שוועסטער, יענע איז פֿאַרשוואונדן הינטער די ערשטע ביימער פֿון וואַלד. דעמאָלט ט זי אָנגעהויבן צו גראָבן גיך, צעקלאַפּט די גרודעס מיט אַזאַ ווילדקייט, ט די צעברעקלטע ערד האָט געשפּריצט ווי שוואַרצער, פֿעטער רעגן. ווען האָט אויפֿגעהערט אויף אַ רגע צו גראָבן און אויסגעגלייכט די פּלייצע, ט זי פֿלוצים דערפֿילט אַזאַ שווערקייט אין אירע קניען און אַזאַ מידקייט איר גאַנצן לײַב, אַז זי האָט אַרײַנגעהאַקט די מאָטיקע אין נישט־



צעגראָבענער ערד און אַליין זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ נאָענטן בוים. קיינמאָל האָט נאָך נישט געשמעקט דאָס יונגע גראָז, ווי היינט. עס האָט אַ זעץ געטאָן אין אירע צעעפֿנטע נאָזלעכער מיט זײַן גאַנצער פֿייכטער האַרבקייט, ביז דער קאָפּ האָט זיך איר פֿאַרדרייט, ווי פֿון צופֿיל ווײַן. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד און אויסגעשטרעקט די שווער־געוואָרענע גלידער. און מיטאַמאָל ווי ס׳וואָלט איר בלוט דערפֿילט דעם ריטם פֿון דער, מיט יוירנדיקע זאַפֿטן אָנגעפֿילטער, ערד, האָט עס איר אָפּגעענטפֿערט מיט ווילדע, האַרטע קלעפּ פֿון האַרץ. איר שלוכצענדיקער שרײַ, הייס און אָפּגעהאַקט, ווי דאָס ליבעס־רופֿן פֿון וואַסערפֿייגל אין קורצע זומערנעכט, האָט זיך איבערגעחזרט דריי מאָל נאָכאַנאַנד. דאַן איז איר קערפּער ווי צעשוואומען געוואָרן, זיך אויפֿגעלייזט אין אַ שטילן, באַפֿרייענדיקן וויינען.

## IV

דעם טאָג איז מרדכי אויפֿגעשטאַנען נאָך פֿריער, ווי תמיד. ווען ער האָט געפּאָיעט די פֿערד, האָט ערשט דאָס ערשטע פֿאַרטאָגיקע ווינטל אָפּגעטיילט דורך נעפּלען דעם טאָג פֿון דער נאַכט. דאָס אָפּגעציילטע, פֿאַרן פּריץ צוגעגרייטע געלט, וואָס ער האָט געהאַלטן אונטערן קישן, האָט מרדכין געבערנט דעם מוח און אים נישט געלאָזט צומאַכן קיין אויג. עס האָט אים דערמאָנט, אַז דאָס פֿעלד, אויף וועלכן ער האָרעוועט טאָג און נאַכט, איז נישט זײַנס, אַז צוליב איין נישט צוגעהאַלטענער ראַטע מוז ער אַלץ איבערלאָזן און אַרויס פֿון דאַנען. מרדכי געדענקט, אַז מיט עטלעכע יאָרן צוריק איז דאָ געשטאַנען אַ וואַלד, אַ געדיכטער גראַבאָווער וואַלד, וועלכער האָט געקענט דעם זוניקסטן טאָג אַרײַננאַרן צווישן די מאָכבאַוואַקסענע ביימער־שטאַמען און אים פֿאַרוואַנדלען אין גראָער דעמערונג. ער געדענקט, ווען דער פּריץ האָט אָנגעהויבן אויסצוהאַקן דעם וואַלד. די ערשטע צייט איז דאָרט געראָטן בלויז פּראָסע. דער פּריץ האָט באַזעצט אויף דער „אַלטער לעשניטשאַוווקע" אַ פֿאַראַבעק, ער זאָל היטן די תבואה. אָבער תיכף, דעם צווייטן טאָג אין דער פֿרי, איז ער צוריקגעקומען אין הויף נישט אויסגעשלאָפֿן, בלאַס, צעשויבערט. צלמענדיק זיך האָט ער דערציילט:

— כ׳וואָלט דאָרט נישט געבליבן פֿאַר קיין שום געלט, עס שרעקט עפּעס בײַנאַכט, אַן אומריינער אָרט. — פֿון דער צייט האָט שוין יעדער אַפֿילו בײַטאָג אויסגעמיטן די „אַלטע לעשניטשאַוווקע".

דאָס אויסגעקאַרטשעוועטע שטיק פֿעלד איז געווען גענוג ווייט פֿונעם הויף, און אײדער די פֿאַראַבקעס זענען אַהין צוגעפֿאָרן מיט פֿערד און אַקעראײַזנס, האָט זיך שוין די זון גענייגט צו מיטאָג. די דינער, נישט

פילנדיק הינטער דער פליִיצע דעם אָקעמאַן, האָבן זיך נישט געאײַלט, יעדע האַלבע שעה האָבן זיי אָפּגעשטעלט אין מיטן דער אַרבעט די פערד, און רייכערנדיק ציגאַרן דערציילט זיך מעשיות וועגן „פּרייסן", וואוהין ס'קלויבט זיך צו פאָרן כמעט אַ האַלב דאָרף. דעם פריץ האָט נישט געלוינט דער גאַנצער עסק. ער האָט איינמאָל אַרייַנגערופן צו זיך זיין מילכיקער, מרדכין.

— כ'וויל פאַרדינגען דעם „קלין" הינטערן וואַלד, זוך מיר אויס אַ מענטש, וואָס זאָל זיך גוט פאַרשטיין אויף ווירטשאַפט און צאָלן צו דער צייט —

— יאַשניע פּאַניע, ס'עט זיין שווער.

— פאַרוואָס שווער?

דער פּריץ איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— מען שמועסט, אַז עס שרעקט דאָרט עפּעס.

— פּשיאַקרעוו, דער רוח וועט זיי נישט נעמען.

— עך וועל זוכן, יאַשניע פּאַניע. און וויפל פון יאָך?

— אַנדערטהאַלבן קאָרץ קאָרן, אַבי פּטור און שוין.

— אַנדערטהאַלבן קאָרץ תבואה פאַר אַזאַ העק איז אַפילו נישט ווייניק, און נישט יעדער וועט זיך וועלן אַנטשליסן צו אַזאַ קליינער ווירטשאַפט.

אַ גאַנצן טאָג האָט מרדכי געקלערט וועגן אָט דעם ענין. דער געדאַנק פון אָפּדינגען דעם „קלין" מיט דער אַלטער לעשניטשאַווקע האָט אים נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין איין רגע. ער איז אַרומגעגאַנגען צווישן טעפּ מיט סמעטענע און געחשבונט. ער האָט אַפילו נישט געהערט וואָס זיין ווייב רעדט צו אים פון ווינקל. עס איז אים שוין נמאס געוואָרן דאָס צעפּאָרענע וועגעלע, עס איז אים דערעסן געוואָרן דאָס אַרומגיין טאָג־אויס טאָג־איין מיט אַ פאַרזשאַווערטער קאַן און פאַרבויגענער ליטער איבער די שטעטישע נגידישע שטיבער. נישט איין מאָל זענען ווינטערצייט די פינגער צוגעפרוירן געוואָרן צו דער בלעך, און שטיקער הויט האָבן זיך אָפּגעשיילט פון נאַקעטן, רויען פלייש. איצט פילט מרדכי, אַז דורך די אַלע יאָרן פון מילך־פירן איז אין טיפסטן וויבקל פון זיין האַרץ געלעגן באַהאַלטן די בענקשאַפט צו אַן אייגן שטיקל פעלד, צו אַזאַ ווירטשאַפט, ווי ס'איז געוועזן ביי זיי אין דער היים, איידער זיין פאָטער האָט דאָס גאַנצע פאַרמעגן פאַרפּראָצעסירט מיטן אייגענעם ברודער.

און מרדכי האָט טאַקע אָפּגעדונגען ביים פּריץ דעם „קלין" הינטערן וואַלד אויף צוועלף יאָר, כאָטש זיין ווייב האָט ביטער געוויינט אין די ווינקלען און זיך באַקלאָגט פאַר אַלע שכנים אין דאָרף.



— וואו שלעפּט ער מעך דאָס, וואו? אין אַזאַ העק זאָל עך וואוינען, וואו מע זעט נישט קיין מענטש פאַר די אויגן? און דערצו דערציילט מען נאָך, אַז ס'איז דאָרט —

זי האָט זיך אַ קלאַפּ געטון מיט די פינגער אין מויל.

— זאָל עס גיין אויף אַלע וויסטע פעלדער און וועלדער.

זי האָט אונטערגעשיקט רב יאַנציעס ווייב, נאָה אומזיסט האָט זיסל געשאָקלט איבער דער גאַנצער בלאָניע אירע ברייטע קליבעס. מרדכי האָט איר געענטפערט געלאַסן און רואיק, בעת זיינע אויגן האָבן געשמייכלט מיט זיין אייגן בייז שמייכעלע, וואָס די שטוב־מענטשן האָבן אַזוי גוט געקענט און אין וועלכן ס'איז געלעגן באַהאַלטן דער גאַנצער צוריקגעהאַלטענער כעס.

— אַז איר האָט אייך שוין יאָ מטריח געווען, זיסל לעבן, טאָ בעט עך אייך, זאָגט איר פון מיר, מייך חנהן, אַז עך ווער איר נישט דאָ צו בלייבן. אדרבה, זאָל זי טון, ווי זי פאַרשטייט. זי קאָן, אויב זי וויל, טראָגן די באַנקעס צו די שטעטישע פּאַניענקעס, פאַרוואָס נישט? —

די ערשטע נאַכט אין דער נייער היים איז קיינער נישט געשלאָפן. עס איז געווען אַ סוף־מערץ־נאַכט. אונטער דעם צפון־מזרחדיקן ווינט האָט געטרעשטשעט דער דאַך און די קראָקוועס. טיילמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז אויפן בוידעם, גראָד איבערן קאָפּ, טאָפּטשען אַרום באָרוועסע פיס. די קינדער זענען אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג בלאַס און נישט אויסגעשלאָפן. זיי האָבן באַכגעקוקט מיט שרעק דער זון — ווי ווייט ס'איז נאָך ביז נאַכט. דאָס ווייב איז אַרומגעגאַנגען מיט רויטע אויגן און אין די ווינקלען באַקלאָגט אירן און די קינדערס גורל, אָבער מרדכי האָט זיך איינגעעקשנט.

— עך בלאַב דאָ — און שוין.

ער האָט טאַקע אויסגעפירט און נישט בלויז דאָס אַליין. פון מאָגערן, נישט געמיסטיקטן פעלד האָט ער עס אַרויסגעבראַנגט אויף צוועלף מעטער פון אַ יאָך. אין שטאַל זענען געשטאַנען פינף יונגע שווערע קי מיט צוויי יאַלעווקעס. מרדכי האָט נישט פאַרגונען קיין איין פרייע רגע נישט זיך, נישט דעם ווייב מיט די קינדער, נישט די פערד.

— לעת-עתה בין עך באַ יענעם, עך האָב נאָך דאָ גאָרנישט, אַז אַלץ וועט זיין מיין, וועט מען זעך קענען אויסרוען און עסן ווייסע חלה אַפילו.

דערפאַר האָבן זיך די פויערן, גייענדיק אין צווייטן דאָרף אין קלויסטער, אָפּגעשטעלט לעבן זיינע תבואות און ציענדיק דורך די פינגער די ברייטע, גרינע סטענגעס פון יונגן ווייץ, געשאָקלט מיט די קעפּ.

— אַז פעלד פאַלט אַריין אין די הענט פון אַ גוטן באַלעבאָס, מוז עס אָפּגעבן די שווערע האָרעוואַניע מיט אַ היפּשן פּראָצענט דערצו. האָ, ברודער! האָ, עס מוז! —

די דאָרפס־יידן האָבן געשמועסט צווישן זיך, אַז מרדכי וויל אָפּקויפן ביים פריץ דאָס גאַנצע שטיק פעלד. אויף אַ העלפט האָט ער זיך שוין אַפילו צונויפגעלייגט געלט.

— וואָדען, אַ מענטש פאַרגינט זעך נישט דאָס מינדסטע, לעבט אַרגער, להבדיל, פון אַ גוי, — זאָל ער נישט האָבן? אָבער דאָס מיידל וועט ביי עים בלאַבן זיצן ביזן גראָען צאָפּ, ער וועט איר נישט געבן קיין נדן —

האָבן זיך געטרייסט צוביסלעך די נישט־פאַרגינערס.

בשעת מרדכי איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב, געטאַפּט מיט דער האַנט דאָס געלט אין בוזעמטאַש און געוואָלט זיך וואָס לענגער אָנפרייען מיט די צונויפגעלייגטע, צאַרט־שאָרכנדיקע פּאַפּירלעך — האָט ער געזוכט עפּעס אָן וואָס ער זאָל זיך קאָנען אָנהעקלען מיט זיין כעס.

איטע, וועלכע האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז היינט אוודאי טראָגט עס דער טאַטע די ראַטע צום פריץ, האָט אים אויסגעמיטן אויף שריט און טריט. דאָס האָט אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי איטען, וועלכע האָט גראָד געפּוטערט אין אַ ווינקל און מיט אַ צווייגל אַוועקגעיאָגט די פליגן.

— לייזער־נאָטע פרעגט, פאַרוואָס מען ברענגט עים איצט אַזוי ווייניק קעז — און — פּוטער?

איטע האָט געוואוסט, אַז אַלץ, וואָס זי וועט זאָגן, וועט נאָך מער צעפלאַקערן דעם פאָטערס צאָרן. פונדעסטוועגן האָט זי געפּרוואווט ענטפערן:

— דו ווייסט דאָך, טאַטע, אַז „סאָראָקע" מיט „קוויאַטען" זענען קאָלביק.

— זאָג בעסער, אַז מען פרעסט צופיל, מע פראָסט מיט אַלעמען, נישטאָ קיין באַלעבאָסטע אין שטוב. עך וועט מעך נאָך לאָזן מיט די טאָרבעס אויף מיינע אַלטע יאָרן. כ'ווייס, אַז עך ווילט דאָס, דו מיט דיין ברודער — שוין אוודאי אין דאָרף דאָס בחורל, ביי די מיידלעך, ביי די קאָרטן. הערסט, זאָלסט זעך נישט דערוועגן עים אַריינצולאָזן איבער דער שוועל, הערסט? —

ער האָט אַרויסגענומען דאָס פּוטערפעסל פון איטעס הענט, און גלייך דאָס וואָלט געקאָנט איינשטילן זיינע געדאַנקען, אָנגעהויבן צו פּוטערן. פון צייט צו צייט האָט ער אַ שאָקל געטון מיטן פעסל, זיך איינגעהערט, צי די פליסיקע געדערים רופן זיך נישט אָן מיט אַ האַרטלעכן שטיקל פּוטער. שפּעטער האָט ער אַרויסגענומען די פאַרטיקע פּוטער, אויסגעשווענקט פון דער מאָשלינקע, פאַרשלאָסן זי אין הויז־שאַפּקעלע און דעם שליסל אַריינגעלייגט אין לאַנגן, לייזונטענעם טייסטער צוזאַמען מיטן געלט. ערשט דאַן



האָט ער זיך באַרואיקט. אַ צופרידענער מיט זיך אַליין, איז ער מיט שווערע שריט, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף זיין גראָבן שטעקן, געגאַנגען דעם שווערסטן וועג, דעם וועג צום פריץ מיט דער האַלביעריקער ראַטע.

## V

איינמאָל איז קאָפּל שדכן געבליבן נעכטיקן. איטע האָט אים אויסגעבעט אַ בונט שטרוי אינמיטן שטוב, און דער אַלטער האָט אַ גאַנצע נאַכט געקרעכצט, גערעדט פון שלאָף, נישט געלאָזט קיינעם צומאַכן קיין אויג. עטלעכע מאָל האָט ער זיך אָנגעכאַפּט, אויסגעריבן די פאַרשלאָפענע אייגעלעך און גערופן מרדכין.

— ר' מרדכי, רב מרדכי! איז שוין אפשר צייט?

פאַרטאָג, ווען די ראָסע איז נאָך געלעגן אויף דער ערד, ווי גרוי, בלישטשענדיק שפּינוועבס, האָט מרדכי איינגעשפּאַנט די פערד און איז אַוועק מיט קאָפּלען. אין שטוב האָט קיינער נישט געוואוסט וואוהין און אויף ווי לאַנג ער פאָרט, נאָר אַז איטע האָט געוואָלט אַראָפּנעמען דאָס שפּיגעלע פון פּאָליצע, האָט זי דערזען, אַז עס פעלט דעם טאַטנס תפילין־זעקל.

נאָך דעם זעלבן טאָג איז יאַנקל געוואָר געוואָרן פון אַ באַלעוועניצער בהמה־סוחר, אַז דער טאַטע זיצט ביי זיי אין דאָרף ביי חיים־לייבס טאָכטער, מיט וועלכער עס שדכנט אים דער אַלטער קאָפּל. יאַנקל האָט דאָס אינאָוונט איבערדערציילט דער שוועסטער מיט אַ נחתדיק שמייכעלע, גלייך דאָס, וואָס עס איז געשען, איז בלויז דער פועל־יוצא פון זיינע וואָרענישן.

— האָב עך דען נישט געזאָגט, איטע קו: אַרבעט נישט, האָרעווע נישט, ס'איז נישט פאַר דיר, דער רוח וועט אַלץ צונעמען. האָב עך אפשר נישט געזאָגט?

איטע האָט אומגלייביק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— גיי, גיי, וואָס מענטשן רעדן — אַז מע זוכט זעך נישט קיין אַרבעט, געפינט מען תמיד עפּעס אַנדערש. אָבער אויף יעדן פאַל האָט זי געוואָלט דורכקוקן נאָך אַמאָל און אויסלופטערן דער מאַמעס זאַכן.

נאָר די שאַפּע איז געווען פאַרשלאָסן, און דער שליסל איז נישט געלעגן אויף זיין אָרט אינעם אַלטן טעפּל אונטער דעם אויוון.

ערשט אין דריי טעג אַרום, ווען איטע האָט געמאָלקן די קי אין שטאַל, איז מרדכי געקומען צו פאָרן מיט זיין יונג ווייב. אויף דעם הינטערשטן געזעס, די הענט פאַרלייגט אין שויס, איז געזעסן חיים־לייב „ליפּאַקס" טאָכטער. מרדכי האָט אויסגעשפּאַנט די מידע, שוויס באַדעקטע פערד, וועלכע

האָבן אומרואיק געקייט דאָס שוימבאַדקעטע איַזן צווישן די ציין. ער האָט אַ פרעג געטאָן פון אונטערן דישעל אַפער:

— פאַרוואָס קריכסטו נישט אַראָפּ פון וואָגן, ביילטשע?

ביילטשע איז נאָך אַלץ געזעסן און געקוקט אויף דעם פריש־פאַרלאַטעטן דאַך, אויף דעם וואַלד, וועלכער האָט ווי אַ טונקעלע רעם אַרומגענומען דאָס באַגרינטע, בערגלדיקע פעלד און עס אָפּגעזונדערט פון דער איבעריקער וועלט. די אונטערגייענדיקע זון האָט מיט די רויטע פראַנזן פון שטראַלן געשאַרט איבער די בייטן פון יונגע תבואות און באַגילדט די גרינע קעפּלעך פון די זאַנגען. איבער די פעלדער איז געהאַנגען, ווי גרינלעכער נעפּל, דער שטויב פון בליענדיקן קאָרן. עס האָט זיך נישט געהערט קיין שום מענטשלעך קול, אַלץ אַרום איז געווען, ווי אויסגעשטאָרבן. ביילע האָט אויפגעשוידערט. די טערקישע שאַל האָט זיך איר אַראָפּגערוקט אויף די אַקסלען, פון שוואַרצן שפּיצנשאַליקל האָט זיך אַרויסגערוקט אַ שמאָל, ברוין־באַשפּרענקלט פּנימל, ווי פון אַ נעסט, דאָס קראַסע פויגלשע איי.

מרדכי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, געוואָלט העלפן ביילטשען ביים אַראָפּקריכן פון וואָגן, נאָר באַלד האָט ער אַראָפּגעלאָזט די האַנט. ער האָט זיך פאַרשעמט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיין טאָכטער שטייט הינטער דער שטאַל־טיר און קוקט אויף אים דורך אַ שפּאַרע.

## VI

זייט דעם טאָטנס חתונה איז יאַנקל געזעסן לענגער אין דער היים. עס איז געווען מער וואָס צו עסן, די שטיפמאַמע האָט געהייצט אונטער דער קיך דריי מאָל אַ טאָג, און דער טאַטע האָט אויך נישט אָנגעיאָגט צו דער אַרבעט, אַזוי ווי פריער. דערפאַר האָט ער אַליין נאָך מער געאַרבעט, ווי ס׳וואָלטן זיינע כוחות באַנייט געוואָרן. ער האָט אויסגעקאָסעט בײדע לאָנקעס און דעם סאָד, אַליין געטריקנט און צונויפגענומען דאָס גאַנצע היי.

איטעס אויגן אונטער די ווייסע, שיטערע ברעמען האָבן איצט באַקומען רויטע, שמאָלע רענדער. זייט דעם טאַטנס חתונה, איז זי געשלאָפן אין פירהויז אויף אַ שטרוי־באַדעקטער פּריטש, אונטער דער לייטער, וועלכע איז געווען צוגעשטעלט צום בוידעם. נישט איין מאָל אין דער נאַכט פלעגט זי אויפוועקן דאָס דערשראָקענע פלאַטערן פון הינער, וועלכע זענען אַנטשלאָפן געוואָרן אויפן וועג צו זייערע נעסטן. טיילמאָל האָט זי אין דער פרי אַראָפּגעשאַרט פון איר פּנים ווייכן, הינערשן קויט.

ביילטשע האָט זיך באַלד צוגעוואוינט צו איר נייער היים. זי איז עס געוואוינט געווען צו זיין יעדע עטלעכע חדשים צווישן נייע מענטשן, אויף



אַ ניי „אָרט״. מיטן אינסטינקט פון אַ געוועזענער דינסט האָט זי באַלד געוואוסט, וואו איעדעס פּיצעלע צו געפינען. קיין איין מאָל האָט זי נישט געפרעגט ביי איטען, און וועלכער זי האָט פון דער ערשטער מינוט אָן דערפילט אַ פאַרביסענעם שונא.

זי האָט זיך אַביסל פאַרקרימט, ווען זי האָט דערזען אין ברוינעם קליינעם שאַפקעלע פיר באַבלימלטע שיסעלעך, עטלעכע בלעכענע טעלער, הויכע אייזערנע געווייסטע טעפּ און הילצערנע לעפל. יעדן שבת האָט געמוזט זיין פליש און חלה. ביילטשע, וועלכע האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך אַ טייל פון יענער זאַטער סאָלידקייט, וואָס מען טרעפט אַזוי אָפט אין נגידישע, יידישע הייזער, האָט זיך פאַרמאָסטן אויף דעם קמצנישן מין לעבן, וואָס הייסט ציילן דעם ביסן אין מויל אַריין. אויך איצט, ביי זיך, פלעגט ביילטשע צושמעלצן בגנבה די זופּ אויף איר טעלער, אָפּברעכן אַ שטיק קעז און אויפעסן אין סאָד, ווען קיינער זעט נישט. אַזוי האָט עס איר עפּעס בעסער געשמעקט.

זי איז אַרומגעגאַנגען מיט שטילע, שלעפּנדיקע טריט, צעשטעלט די טעפּלעך און שיסלען מיט צערטלעכע, גלעטנדיקע באַוועגונגען, גלייך ס׳וואָלט ביי איר תמיד געווען זעקס אַזייגער אין דער פרי, און זי האָט מורא אויפצוּוועקן אירע באַלעבאַטים. עס האָט זי נישט אַרויסגעשלעפּט פון בעט פאַרטאָג דער אומרו, עס האָט זי נישט אָנגעיאָגט דער פאַרלאַנג צו האָבן וואָס מער ערד, וואָס מער פאַרמעגן. שטיל האָט זי זיך געטאָן איר אַרבעט, און שטיל און זאַט זענען געווען אירע טעג מיט דער זיכערקייט פון איר נייעם „אָרט״, ווי דאָס שפּעדיקע פעלד אַרום.

טיילמאָל פלעגט זי באַפאַלן אַ בענקשאַפט צו מענטשן, צו דער שטאָט און עפּעס אַ נאָגנדיק געפיל פון שרעק.

איר טאַטע פלעגט, גייענדיק אין מאַרק־טעג פון דער שטאָט אַהיים, אָפּטרעטן ביי דער טאָכטער. ער האָט, ביי אַ שיסל מיט קעז און סמעטענע, נישט אויפגעהערט צו לויבן מרדכין.

— האָסט באַקומען אַ מאַן אַ ברעליאַנט, שאַנעווע עים — אַזיסט ביסטו עים ווערט, כ׳זאָל אַזוי פּגרן אויפן אָרט, אַז נישט —

ביילטשע האָט זיך געשעמט מיט איר פאָטער. זי פלעגט דאַנקען גאָט, ווען דער אַלטער האָט זיך אָפּגעטראָגן. זיין בראָנפן־אָנגעזאָפּטער אָטעם האָט זי דערמאָנט אָן איר היים, אָן דער מאַמעס ווילדע געשרייען, בעת איר אָנגעשיכורטער מאַן האָט זי געוואָרפן אויף דער ערד און געטרעטן מיט די פיס. אָבער אַפילו דער שאַרפסטער בראָנפן האָט נישט געקאָנט אינגאַנצן פאַרשלאָגן דעם ריח פון נבלה, מיט וועלכן ס׳זענען אָנגעזאַפּט געוואָרן זיינע מלבושים, זיינע הענט און האָר. חיים־לייבן האָט מען גערימט

האָבן אומרואיק געקייט דאָס שוימבאַדעקטע אייזן צווישן די ציין. ער האָט אַ פרעג געטאָן פון אונטערן דישעל אַפער:

— פאַרוואָס קריכסטו נישט אַראָפּ פון וואָגן, ביילטשע?

ביילטשע איז נאָך אַלץ געזעסן און געקוקט אויף דעם פריש־פאַרלאַטעטן אַך, אויף דעם וואַלד, וועלכער האָט ווי אַ טונקעלע רעם אַרומגענומען אָס באַגרינטע, בערגלדיקע פעלד און עס אָפּגעזונדערט פון דער איבעריקער ועלט. די אונטערגייענדיקע זון האָט מיט די רויטע פראַנזן פון שטראַלן עשאַרט איבער די בייטן פון יונגע תבואות און באַגילדט די גרינע קעפּלעך ון די זאַנגען. איבער די פעלדער איז געהאַנגען, ווי גרינלעכער נעפּל, ער שטויב פון בליענדיקן קאָרן. עס האָט זיך נישט געהערט קיין שום ענטשלעך קול, אַלץ אַרום איז געווען, ווי אויסגעשטאָרבן. ביילע האָט אויפגעשווידערט. די טערקישע שאַל האָט זיך איר אַראָפּגערוקט אויף די אַקסלען, פון שוואַרצן שפּיצנשאַליקל האָט זיך אַרויסגערוקט אַ שמאָל, רוין־באַשפּרענקלט פּנימל, ווי פון אַ נעסט, דאָס קראַסע פויגלשע איי.

מרדכי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, געוואָלט העלפן ביילטשען ביים ראָפּקריכן פון וואָגן, נאָר באַלד האָט ער אַראָפּגעלאָזט די האַנט. ער האָט יך פאַרשעמט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיין טאָכטער שטייט הינטער ער שטאָל־טיר און קוקט אויף אים דורך אַ שפּאַרע.

## VI

זייט דעם טאַטנס חתונה איז יאַנקל געזעסן לענגער אין דער היים. ס איז געווען מער וואָס צו עסן, די שטיפמאַמע האָט געהייצט אונטער ער קיך דריי מאָל אַ טאָג, און דער טאַטע האָט אויך נישט אַנגעיאָגט צו ער אַרבעט, אַזוי ווי פריער. דערפאַר האָט ער אַליין נאָך מער געאַרבעט, י ס'וואָלטן זיינע כוחות באַנייט געוואָרן. ער האָט אויסגעקאָסעט ביידע אַנקעס און דעם סאָד, אַליין געטריקנט און צונויפגענומען דאָס גאַנצע היי.

איטעס אויגן אונטער די ווייסע, שיטערע ברעמען האָבן איצט באַקומען ויטע, שמאָלע רענדער. זייט דעם טאַטנס חתונה, איז ד׳ געשלאָפן אין ירהויז אויף אַ שטרוי־באַדעקטער פּריטש, אונטער דער לייטער, וועלכע יז געווען צוגעשטעלט צום בוידעם. נישט איין מאָל אין דער נאַכט פלעגט אויפוועקן דאָס דערשראָקענע פלאַטערן פון הינער, וועלכע זענען אַנטשלאָפן וואָרן אויפן וועג צו זייערע נעסטן. טיילמאָל האָט זי אין דער פרי ראָפּגעשאַרט פון איר פּנים ווייכן, הינערשן קויט.

ביילטשע האָט זיך באַלד צוגעוואוינט צו איר נייער היים. זי איז עס עוואוינט געווען צו זיין יעדע עטלעכע חדשים צווישן נייע מענטשן, אויף



אַ ניי „אָרט״. מיטן אינסטינקט פון אַ געוועזענער דינסט האָט זי באַלד געוואוסט, וואו איעדעס פּיצעלע צו געפינען. קיין איין מאָל האָט זי נישט געפרעגט ביי איטען, אין וועלכער זי האָט פון דער ערשטער מינוט אָן דערפילט אַ פאַרביסענעם שונא.

זי האָט זיך אַביסל פאַרקרימט, ווען זי האָט דערזען אין ברוינעם קליינעם שאַפקעלע פיר באַבלימלטע שיסעלעך, עטלעכע בלעכענע טעלער, הויכע אייזערנע געווייסטע טעפּ און הילצערנע לעפל. יעדן שבת האָט געמוזט זיין פליש און חלה. ביילטשע, וועלכע האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך אַ טייל פון יענער זאַטער סאָלידקייט, וואָס מען טרעפט אַזוי אָפט אין נגידישע, יידישע הייזער, האָט זיך פאַרמאָסטן אויף דעם קמצנישן מין לעבן, וואָס הייסט ציילן דעם ביסן אין מויל אַריין. אויך איצט, ביי זיך, פלעגט ביילטשע צושמעלצן בגנבה די זופּ אויף איר טעלער, אָפּברעכן אַ שטיק קעז און אויפעסן אין סאָד, ווען קיינער זעט נישט. אַזוי האָט עס איר עפּעס בעסער געשמעקט.

זי איז אַרומגעגאַנגען מיט שטילע, שלעפנדיקע טריט, צעשטעלט די טעפּלעך און שיסלען מיט צערטלעכע, גלעטנדיקע באַוועגונגען, גלייך ס'וואָלט ביי איר תמיד געווען זעקס אַזייגער אין דער פרי, און זי האָט מורא אויפ־צוּוועקן אירע באַלעבאַטים. עס האָט זי נישט אַרויסגעשלעפּט פון בעט פאַרטאָג דער אומרו, עס האָט זי נישט אַנגעיאָגט דער פאַרלאַנג צו האָבן וואָס מער ערד, וואָס מער פאַרמעגן. שטיל האָט זי זיך געטאָן איר אַרבעט, און שטיל און זאַט זענען געווען אירע טעג מיט דער זיכערקייט פון איר נייעם „אָרט״, ווי דאָס שפּעדיקע פעלד אַרום.

טיילמאָל פלעגט זי באַפאַלן אַ בענקשאַפט צו מענטשן, צו דער שטאָט און עפּעס אַ נאָגנדיק געפיל פון שרעק.

איר טאַטע פלעגט, גייענדיק אין מאַרק־טעג פון דער שטאָט אַהיים, אָפּטרעטן ביי דער טאָכטער. ער האָט, ביי אַ שיסל מיט קעז און סמעטענע, נישט אויפגעהערט צו לויבן מרדכין.

— האָסט באַקומען אַ מאַן אַ ברעליאַנט, שאַנעווע עים — אַזיסט ביסטו עים ווערט, כ'זאָל אַזוי פגרן אויפן אָרט, אַז נישט —

ביילטשע האָט זיך געשעמט מיט איר פאָטער. זי פלעגט דאַנקען גאָט, ווען דער אַלטער האָט זיך אָפּגעטראָגן. זיין בראָנפן־אָנגעזאָפּטער אָטעם האָט זי דערמאָנט אָן איר היים, אָן דער מאַמעס ווילדע געשרייען, בעת איר אָנגעשיכורטער מאַן האָט זי געוואָרפן אויף דער ערד און געטרעטן מיט די פיס. אָבער אַפילו דער שאַרפסטער בראָנפן האָט נישט געקאָנט אינגאַנצן פאַרשלאָגן דעם ריח פון נבלה, מיט וועלכן ס'זענען אָנגעזאָפּט געוואָרן זיינע מלבושים, זיינע הענט און האָר. חיים־לייבן האָט מען געריימט

אַלס דעם בעסטן שינדער אין דער גאַנצער געגנט, ער האָט די פעל אַראָפּגע־נומען גאַנץ, נישט צעקאַליעטשעט אין אַלע זייטן, ווי אַנדערע האָבן עס געטון. אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ שטיקל אַרבעט, האָט זיך חיים־לייב קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט דערפון. עס איז געוועזן אויף נאָך עטלעכע גלעזלעך בראָנפן.

אַלץ איז אים געפעלן געוואָרן אין זיין אײדעמס שטוב, תמיד האָבן זיך זיינע קליינע פאַרנעפּלטע אייגלעך אָפּגעשטעלט אויף עפּעס אַ זאַך, וועלכע איז אים גראָד איצט אַזוי נויטיק אין דער היים. אַמאָל איז עס געוועזן אַ האַלב־פאַרפוילט שטריקל, אַ האַלב ברייטל, אַ טויפן זאַלץ, אָדער אַ מעסטל פאָשליאַד *) פאַר די הינער.

נאָך דעם אַלטנס וויזיט פלעגט יאַנקל אָנבלאָזן די באַקן, פאַרמרוזשען די אויגן און פלאָנטערנדיק מיט דער צונג צווישן די ציין, נאָכמאַכן חיים־לייבס שעפּעליאַווע לשון.

און איטע האָט תיכּף געפרעגט ביילטשען, אַזוי, דער טאַטע זאָל הערן, צי האָט זי ערגעץ נישט געזען דאָס העמערל מיטן האַלבן הענטל, אָדער דאָס לייטערל פון אונטער דער שטאַל, דאָס בינטל פלאַקס.

— גנבים קומען דאָך נישט אַהער נעמען אַלטע זאַכן. וואו־זשע קומט עס אַהין? — פאַרוואָס־זשע היט מען נישט?

האָט זיך מרדכי געבייזערט, און איטע האָט נישט אָפּגעווענדט אויף קיין רגע די אויגן פון ביילטשען. ביילטשע האָט געפילט, ווי זי ווערט וואָס אַמאָל רויטער, זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פענצטער:

— זעסט, מרדכי, ס'כמאַרעט זעך שוין ווידער.

## VII

ווי ס'וואָלטן טייכן זון אַרויס פון זייערע ברעגעס און פאַרפלייצט די ערד, אַזוי האָבן געכוואַליעט פעלדער מיט צייטיקער תבואה. די עלטסטע מענטשן אין דאָרף האָבן נישט געדענקט אַזאַ געראָטעניש. אויף די פעלדער האָבן מענטשן איינגעבויגן זייערע לייבער מיט קנעכטישער הכנעה פאַר דעם זון־געצייטיקטן ברויט. די סערפּן האָבן אויפגעבליצט, ווי זילבערנע האַלב־לבנות, און פאַרלאָשן געוואָרן צווישן דער געדיכטער תבואה. דער זיסלעכער ריח פון טרוקענעם שטרוי האָט זיך אויסגעמישט מיט דער פרישער קילקייט פון אומגעריכט־אַנטבלויזטער ערד די זון האָט ווי אַ צעגליטע יאַרמע אַרומגענומען די געבויגענע קאַרקעס. פון מענטשן איז

*) אָפּפאַל פון תבואה.



געפלאָסן הייסער שווייס, צוגעקלעפּט די העמדער צום לייב און פאַרטונקלט די אויגן.

פּלוצים האָט די ידיעה, ווי אַ רויטע קראַיקע, וועלכע ס'האָבן אויסגע־שטעפּט שרייבמאַשינקעס אין ווייטע, גרויסע שטעט, אַרומגענומען די פעלדער מיט אַ בלוטיקן זוים. ערגעץ האָט זיך אָנגעהויבן דער קריג. די מענטשן האָבן אויסגעגלייכט די פּלייצעס, געקוקט אין בלויען, צעשטראַלטן הימל, צי ס'האָט זיך נישט אָפּגעשלאָגן ערגעץ אויף אים מיט אַ שוואַרצן פלעק דאָס איינע וואָרט: קריג.

נאָך עקשנותדיקער האָבן זיך אַריינגעביסן די סערפּן אין דער תבואה, נאָך העכער האָבן געקלונגען די קאָסעס אין אומרואיקע הענט. די ווייבער האָבן שוין געגרייט פּעקלעך אין וועג אַריין, דער שופט האָט פונאַנדערגעשיקט צעטלען צו אַלע יונגע געזונטע מענער פון דאָרף.

יאַנקל איז אַרומגעגאַנגען אין די טעג אַ פריידיקער, גלייך דאָס לאַנג־געגאַרטע גליק וואָלט זיך צו אים אַ נויג געטון. פאַר אים האָט זיך אויסגע־שפּרייט אַ נייער וועג אין דער וועלט אַריין. אפשר צען מאָל אין טאָג האָט ער אַרויסגענומען דעם שופטס צעטל און געלאַכט צו אים. ווען ער איז אַוועקגעפאָרן פון דער היים, האָט אים קיינער נישט באַגלייט צו דער באַן. דורך איטעס שיטערע ברעמען זענען גיך דורכגעלאָפן עטלעכע ווייסע זאַלציקע טראָפּנס און איינגעטריקנט געוואָרן אויף די דאַרע באַקן. ביילטשע האָט אים אָפּגעוואַרט אין סאָד, הינטערן פּלויט. זי האָט געהאַלטן אונטער דעם שאַלעכל אַ קליין פּעקל.

— יאַנקל, פאַר געזונטערהייט — און דאָס גיט דיר מיט גאָלדע יונהס. היינט אין דער פרי, ווען דו ביסט נאָך געשלאָפן, איז זי דאָ געווען. זי האָט נישט געקאָנט וואַרטן אויף דיר. זי האָט מורא געהאַט פאַר דיין טאַטן. וואָס באַפעלסטו איר, יאַנקל?

ער האָט צונויפגעפּרעסט די ציין, גלייך ער וואָלט צעדריקט צווישן זיי אַ וואָרט, ווי אַ האַרט קערל, און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— זאָגט איר ליבער גאָרנישט — מע דאַרף נישט. עך וועל נישט צוריקקומען — אַזוי, צי אַזוי.

## VIII

איידער ס'איז נאָך צייט געווען אַריינצונעמען די תבואה אין די שייערס, האָבן קאָפּיטעס פון פלינקע קאָזאַקישע פערד צעטראַטעוועט די פעלדער. די נעכט האָבן אונטערגעשפּאַרט דעם אויסגעשטערנטן הימל מיט פייערדיקע סלופּעס, בייטאָג האָבן גראָע סטענגעס רויך פון טליענדיקע חורבות זיך אונטערגעגעבן הכנעהדיק אַלע קאַפּריזן פון ווינט.

לס דעם בעסטן שינדער אין דער גאַנצער געגנט, ער האָט די פעל אַראָפּגע־ ומען גאַנץ, נישט צעקאַליעטשעט אין אַלע זייטן, ווי אַנדערע האָבן עס עטון. אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ שטיקל אַרבעט, האָט זיך חיים־לייב קיינמאָל ישט אָפּגעזאָגט דערפון. עס איז געווען אויף נאָך עטלעכע גלעזלעך ראַנפן.

אַלץ איז אים געפעלן געוואָרן אין זיין אײדעמס שטוב, תמיד האָבן יך זיינע קליינע פאַרנעפּלטע אייגלעך אָפּגעשטעלט אויף עפּעס אַ זאַך, עלכע איז אים גראָד איצט אַזוי נויטיק אין דער היים. אַמאָל איז עס וועזן אַ האַלב־פאַרפוילט שטריקל, אַ האַלב ברייטל, אַ טויפן זאַלץ, אָדער מעסטל פּאָשליאַד*) פאַר די הינער.

נאָך דעם אַלטנס וויזיט פלעגט יאַנקל אָנבלאָזן די באַקן, פאַרמרוזשען י אויגן און פלאָנטערנדיק מיט דער צונג צווישן די ציין, נאָכמאַכן יים־לייבס שעפּעליאַווע לשון.

און איטע האָט תיכף געפרעגט ביילטשען, אַזוי, דער טאַטע זאָל הערן, י האָט זי ערגעץ נישט געזען דאָס העמערל מיטן האָלבן הענטל, אָדער אָס לייטערל פון אונטער דער שטאַל, דאָס בינטל פלאַקס.

— גנבים קומען דאָך נישט אַהער נעמען אַלטע זאַכן. וואו־זשע קומט ס אַהין? — פאַרוואָס־זשע היט מען נישט?

האָט זיך מרדכי געבייזערט, און איטע האָט נישט אָפּגעווענדט אויף יין רגע די אויגן פון ביילטשען. ביילטשע האָט געפילט, ווי זי ווערט אָס אַמאָל רויטער, זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פענצטער:

— זעסט, מרדכי, ס'כמאַרעט זעך שוין ווידער.

VII

ווי ס'וואָלטן טייכן זון אַרויס פון זייערע ברעגעס און פאַרפלייצט י ערד, אַזוי האָבן געכוואַליעט פעלדער מיט צייטיקער תבואה. די עלטסטע ענטשן אין דאָרף האָבן נישט געדענקט אַזאַ גערעטעניש. אויף די פעלדער האָבן מענטשן איינגעבויגן זייערע לייבער מיט קנעכטישער הכנעה פאַר עם זון־געצייטיקטן ברויט. די סערפּן האָבן אויפגעבליצט, ווי זילבערנע אַלב־לבנות, און פאַרלאָשן געוואָרן צווישן דער געדיכטער תבואה. דער סלעכער ריח פון טרוקענעם שטרוי האָט זיך אויסגעמישט מיט דער רישער קילקייט פון אומגעריכט־אַנטבלויזטער ערד. די זון האָט ווי אַ עגליטע יאַרמע אַרומגענומען די געבויגענע קאַרקעס. פון מענטשן איז

---

*) אָפּפאַל פון תבואה.



געפלאָסן הייסער שוויס, צוגעקלעפּט די העמדער צום לייב און פאַרטונקלט די אויגן.

פּלוצים האָט די ידיעה, ווי אַ רויטע קראַיקע, וועלכע ס'האָבן אויסגע־שטעפּט שרייבמאַשינקעס אין ווייטע, גרויסע שטעט, אַרומגענומען די פעלדער מיט אַ בלוטיקן זוים. ערגעץ האָט זיך אָנגעהויבן דער קריג. די מענטשן האָבן אויסגעגלייכט די פּלייצעס, געקוקט אין בלויען, צעשטראַלטן הימל, צי ס'האָט זיך נישט אָפּגעשלאָגן ערגעץ אויף אים מיט אַ שוואַרצן פלעק דאָס איינע וואָרט: קריג.

נאָך עקשנותדיקער האָבן זיך אַריינגעביסן די סערפּן אין דער תבואה, נאָך העכער האָבן געקלונגען די קאָסעס אין אומרואיקע הענט. די ווייבער האָבן שוין געגרייט פּעקלעך אין וועג אַריין, דער שופט האָט פונאַנדערגעשיקט צעטלען צו אַלע יונגע געזונטע מענער פון דאָרף.

יאַנקל איז אַרומגעגאַנגען אין די טעג אַ פריידיקער, גלייך דאָס לאַנג־געגאַרטע גליק וואָלט זיך צו אים אַ נויג געטון. פאַר אים האָט זיך אויסגע־שפּרייט אַ נייער וועג אין דער וועלט אַריין. אפשר צען מאָל אין טאָג האָט ער אַרויסגענומען דעם שופטס צעטל און געלאַכט צו אים. ווען ער איז אַוועקגעפאָרן פון דער היים, האָט אים קיינער נישט באַגלייט צו דער באַן. דורך איטעס שיטערע ברעמען זענען גיך דורכגעלאָפן עטלעכע ווייסע זאַלציקע טראָפּנס און איינגעטריקנט געוואָרן אויף די דאַרע באַקן. ביילטשע האָט אים אָפּגעוואַרט אין סאָד, הינטערן פּלויט. זי האָט געהאַלטן אונטער דעם שאַלעכל אַ קליין פּעקל.

— יאַנקל, פאַר געזונטערהייט — און דאָס גיט דיר מיט גאָלדע יונהס. היינט אין דער פרי, ווען דו ביסט נאָך געשלאָפן, איז זי דאָ געווען. זי האָט נישט געקאָנט וואַרטן אויף דיר. זי האָט מורא געהאַט פאַר דיין טאַטן. וואָס באַפעלסטו איר, יאַנקל?

ער האָט צונויפגעפּרעסט די ציין, גלייך ער וואָלט צעדריקט צווישן זיי אַ וואָרט, ווי אַ האַרט קערל, און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— זאָגט איר ליבער גאָרנישט — מע דאַרף נישט. עך וועל נישט צוריקקומען — אַזוי, צי אַזוי.

VIII

איידער ס'איז נאָך צייט געווען אַריינצונעמען די תבואה אין די שייערס, האָבן קאָפּיטעס פון פלינקע קאָזאַקישע פערד צעטראַטעוועט די פעלדער. די נעכט האָבן אונטערגעשפּאַרט דעם אויסגעשטערנטן הימל מיט פייערדיקע סלופּעס, בייטאָג האָבן גראָע סטענגעס רויך פון טליענדיקע חורבות זיך אונטערגעגעבן הכנעהדיק אַלע קאַפּריזן פון ווינט.

מיט וויינענדיקע קינדער אויף די הענט, שלעפנדיק הינטער זיך אויף שטריק די קי, זענען די מענטשן אַנטלאָפן אין די נאָענטע וועלדער. דאָס גאַנצע דאָרף איז געבליבן, ווי אויסגעשטאָרבן. די עופות האָט מען פאַרשפאַרט אין די ליידיקע שטאַלן, אָנגעגרייט פאַר זיי וואַסער אין הילצערנע שיסלען און נישט־געדראָשענע סנאָפעס גערשטן. די הינט, אַראָפּגעלאָזטע פון די קייטן, זענען אַרומגעלאָפן ווילדע, מיט אויסגעשטרעקטע צונגען, נישט געקאָנט זיך קיין עצה געבן מיט דער אומגעריכטער פרייקייט. די קראַנקע זענען אויפגעשטאַנען פון די בעטן און זיך נאָכגעשלעפּט קרעכצנדיק. אין גאַנצן דאָרף זענען געבליבן בלויז צוויי מענטשן, דער געליימטער הרינקע אין זיין שנורס שטוב און מענדל סאַדעווניקס ווייב, וועלכע איז פון שרעק משוגע געוואָרן. זי האָט געריסן פון זיך די קליידער און אַ נאַקעטע אַרומגעלאָפן צווישן די דערשראָקענע וויינענדיקע קינדער:

— אַ רוח זאָל נעמען מענדל פאָרך, אייער טאַטן, ממזרים!

די ווערטער ווי אַראָפּגעריסענע באַנדאַזשן האָבן אַנטבלויזט אַ וואונד, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן אונטער זיי דורך לאַנגע יאָרן, ביז זי האָט זיך איינגעפרעסן וואָס אַמאָל טיפער. די גאַנצע אומבאַהאָלפנקייט פון אַ פּריוואַטער, אויסגעמוטשעטער לייב, וועלכער האָט געמוזט אויסטראָגן יעדעס יאָר אַ קינד, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין ווילדער, חיהשער שנאה צו דער גאַנצער וועלט און אין דער ערשטער ריי — צו איר מאַן און קינדער.

שכנים האָבן זי צוגעבונדן מיט אַן אייזערנער קייט צו דער וואַנט און מיטגענומען מיט זיך די פאַרווייַנטע קינדער, וועלכע האָבן מורא געהאַט צו בלייבן מיט דער מאַמען.

מרדכי איז צוגעקומען צום וואַלד דער לעצטער, ער האָט געמוזט לאַנג אַרומזוכן צווישן די ביימער, איידער ער האָט געפונען דאָס ווייב מיט דער טאָכטער.

אַיעדער קאָרטש האָט זיך געראָיעט מיט אַ קופּקעלע מענטשן, ווי מיט מאָראַוואָליעס. די קליינע שקצים, צוגעקלעפּטע מיט די האַלב־נאַקעטיקע לייבער צו די ביימער־שפּיצן, האָבן דערזען, ווי ס'רוקט זיך אָן און ס'קומט צו וואָס־אַמאָל נענטער אַ שווערע כמאַרע שטויב. טיילמאָל האָט דורך דעם געדיכטן גראָען וואָלקן דורכגעבליצט דער זילבערנער שטראַל פון אויסגעשפּיזטע באַיאָנעטן. די מענטשן האָבן איינגעהאַלטן זייער אָטעם, מען האָט גיך אַרומגעבונדן די פערדישע און קואישע פּיסקעס מיט שנורן. די מאַמעס האָבן צעעפנט די פאַרקרימטע מיילעכלעך פון די קליינע קינדער און מיט געוואַלד אַריינגעשפּריצט די מילך פון זייערע בריסטן, כדי צו דערשטיקן דאָס קינדישע געוויין. יעדעס בלעטל, וואָס האָט זיך גערירט





מיטן ווינט, יעדער שאָרך פון אַ טרוקענעם, פאַלנדיקן צווייג, האָבן זיך אַריינגעשניטן אין די אויערן און פאַר פּחד האָט דאָס בלוט געקלאַפּט, ווי אַ האַמער.

ערשט, ווען דער לעצטער שטויב האָט זיך געזעצט אויף די בלעטער און זיי איינגעהילט, ווי גראָע וואַטע, און דער קלאַנג פון די פערדישע קאָפּיטעס האָט זיך פאַרלוירן אין דער ווייטקייט, האָבן די מענטשן פאַרזיכטיק אַוועקגעשאַרט די צווייגן און אויסגעגלייכט די איינגעקאָרטשעטע גלידער.

— האָסט געזען?

— קאָזאַקן.

— וויפל האָט עס געקאָנט זיין?

— טויזנט!

— גיי, דו ווייסט דען עפּעס? קאָנסט בלויז שיילן בולבעס ביי דיין מאַמען. מעך פרעג, עך בין אַן אַלטער זעלנער, האָ־האָ! די ציין אויפגעגעסן אויף פראַנץ־יאָזעפס קאָמיסבראָט! עך זאָג, אַז ס'איז נישט געווען מער ווי דריי הונדערט.

מען האָט אויפגעבונדן דעם פּי די צונויפגעשנירטע פּיסקעס. די פערד האָבן אָנגעהויבן ניסן, די קי האָבן אויפגעמאַכט די מיילער מיט אַ ברייטן, זאַפטיקן געניץ און זיך באַלעקט מיט די האַרטע צונגען. די צווייגן האָבן זיך צעוויגט מיט לאַנג־איינגעהאַלטענעם קינדערשן געוויין.

הרינקעס ייִנגסטער זון איז געקומען צו לויפן פון עק וואַלד אַ דערשוויצטער און פאַרסאָפּעטער.

— טאַטוניאַ, יאַנטעק פון אונטערן באַרג גייט, יאַנטעק!

— וועלכער יאַנטעק?

— דער, וועלכער איז אַוועק דינען אין קריסעוויצער הויף.

דאָס ייִנגל איז אַנטקעגנגעלאָפן דעם גאַסט און אים שוין מער נישט אָפּגעלאָזט.

יאַנטעק האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און זיך אומגעקוקט פאַרחידושט:

— וואָס איז דאָ אַזוינס?

— אָהאָ, פונוואַנען קומסטו דאָס, וואָס דו ווייסט נישט אַפילו, אַז די רוסן זענען שוין אַריינגעקומען. ערשט נישט לאַנג זענען דאָ פאַרבייגעריטן קאָזאַקן מיט פּיקעס, אפשר דריי הונדערט שטיק.

— איז וואָס? איר האָט דען וואָס מורא צו האָבן? לאָזן זיך שרעקן די רייכע פּריצים און די יידן. אָט קום איך פון קריסעוויץ. דאָרט זענען

מיט וויינענדיקע קינדער אויף די הענט, שלעפנדיק הינטער זיך אויף שטריק די קי, זענען די מענטשן אַנטלאָפן אין די נאָענטע וועלדער. דאָס גאַנצע דאָרף איז געבליבן, ווי אויסגעשטאָרבן. די עופות האָט מען פאַרשפאַרט אין די ליידיקע שטאַלן, אָנגעגרייט פאַר זיי וואָסער אין הילצערנע שיסלען און נישט־געדראָשענע סנאָפּעס געררשטן. די הינט, אַראָפּגעלאָזטע פון די קייטן, זענען אַרומגעלאָפן ווילדע, מיט אויסגעשטרעקטע צונגען, נישט געקאָנט זיך קיין עצה געבן מיט דער אומגעריכטער פרייקייט. די קראַנקע זענען אויפגעשטאַנען פון די בעטן און זיך נאָכגעשלעפּט קרעכצנדיק. אין גאַנצן דאָרף זענען געבליבן בלויז צוויי מענטשן, דער געליימטער הערינקע אין זיין שנורס שטוב און מענדל סאָדעוונִיקס ווייב, וועלכע איז פון שרעק משוגע געוואָרן. זי האָט געריסן פון זיך די קליידער און אַ נאַקעטע אַרומגעלאָפן צווישן די דערשראָקענע וויינענדיקע קינדער:

— אַ רוח זאָל נעמען מענדל פאַרך, אייער טאַטן, ממזרים!

די ווערטער, ווי אַראָפּגעריסענע באַנדאַזשן, האָבן אַנטבלויזט אַ וואונד, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן אונטער זיי דורך לאַנגע יאָרן, ביז זי האָט זיך איינגעפרעסן וואָס אַמאָל טיפער. די גאַנצע אומבאַהאָלפנקייט פון אַ פריי־פּאַרוויאַנעטן, אויסגעמוטשעטן לייב, וועלכער האָט געמוזט אויסטראָגן יעדעס יאָר אַ קינד, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין ווילדער, חיהשער שנאה צו דער גאַנצער וועלט און אין דער ערשטער ריי — צו איר מאַן און קינדער.

שכנים האָבן זי צוגעבונדן מיט אַן אייזערנער קייט צו דער וואַנט און מיטגענומען מיט זיך די פאַרווייניטע קינדער, וועלכע האָבן מורא געהאַט צו בלייבן מיט דער מאַמען.

מרדכי איז צוגעקומען צום וואַלד דער לעצטער, ער האָט געמוזט לאַנג אַרומזוכן צווישן די ביימער, איידער ער האָט געפונען דאָס ווייב מיט דער טאָכטער.

אַיעדער קאָרטש האָט זיך געראָיעט מיט אַ קופּקעלע מענטשן, ווי מיט מאָראַוואוליעס. די קליינע שקצים, צוגעקלעפּטע מיט די האַלב-נאַקעטיקע לייבער צו די ביימער־שפּיצן, האָבן דערזען, ווי ס'רוקט זיך אָן און ס'קומט צו וואָס־אַמאָל נענטער אַ שווערע כמאַרע שטויב. טיילמאָל האָט דורך דעם געדיכטן גראָען וואָלקן דורכגעבליצט דער זילבערנער שטראַל פון אויס־געשפּיזטע באַיאָנעטן. די מענטשן האָבן איינגעהאַלטן זייער אָטעם, מען האָט גיך אַרומגעבונדן די פערדישע און קואישע פּיסקעס מיט שנורן. די מאַמעס האָבן צעעפנט די פאַרקרימטע מיילעכלעך פון די קליינע קינדער און מיט געוואַלד אַריינגעשפּריצט די מילך פון זייערע בריסטן, כדי צו דערשטיקן דאָס קינדישע געוויין. יעדעס בלעטל, וואָס האָט זיך גערירט



מיטן ווינט, יעדער שאָרך פון אַ טרוקענעם, פאַלנדיקן צווייג, האָבן זיך אַריינגעשניטן אין די אויערן און פאַר פחד האָט דאָס בלוט געקלאַפּט, ווי אַ האַמער.

ערשט, ווען דער לעצטער שטויב האָט זיך געזעצט אויף די בלעטער און זיי איינגעהילט, ווי גראָע וואַטע, און דער קלאַנג פון די פערדישע קאָפּיטעס האָט זיך פאַרלוירן אין דער ווייטקייט, האָבן די מענטשן פאַרזיכטיק אָוועקגעשאָרט די צווייגן און אויסגעגלייכט די איינגעקאָרטשעטע גלידער.

— האָסט געזען?

— קאָזאַקן.

— וויפל האָט עס געקאָנט זיין?

— טויזנט!

— גיי, דו ווייסט דען עפּעס? קאָנסט בלויז שיילן בולבעס ביי דיין מאַמען. מעך פרעג, עך בין אַן אַלטער זעלנער. האָ־האָ! די ציין אויפגעגעסן אויף פראַנץ־יאָזעפס קאָמיסבראָט! עך זאָג, אַז ס'איז נישט געווען מער ווי דריי הונדערט.

מען האָט אויפגעבונדן דעם פי די צוגויפגעשנירטע פּיסקעס. די פערד האָבן אָנגעהויבן ניסן, די קי האָבן אויפגעמאַכט די מיילער מיט אַ ברייטן, זאַפטיקן געניץ און זיך באַלעקט מיט די האַרטע צונגען. די צווייגן האָבן זיך צעוויגט מיט לאַנג־איינגעהאַלטענעם קינדערשן געוויין.

הערינקעס ייִנגסטער זון איז געקומען צו לויפן פון עק וואַלד אַ דער־שוויצטער און פאַרסאָפּעטער.

— טאַטוניאַ, יאַנטעק פון אונטערן באַרג גייט, יאַנטעק!

— וועלכער יאַנטעק?

— דער, וועלכער איז אַוועק דינען אין קריסעוויצער הויף.

דאָס ייִנגל איז אַנטקעגנגעלאָפן דעם גאַסט און אים שוין מער נישט אָפּגעלאָזט.

יאַנטעק האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און זיך אומגעקוקט פאַרחידושט:

— וואָס איז דאָ אַזוינס?

— אָהאָ, פונוואַנען קומסטו דאָס, וואָס דו ווייסט נישט אָפילו, אַז די רוסן זענען שוין אַריינגעקומען. ערשט נישט לאַנג זענען דאָ פאַרבייגעריטן קאָזאַקן מיט פּיקעס, אפשר דריי הונדערט שטיק.

— איז וואָס? איר האָט דען וואָס מורא צו האָבן? לאָזן זיך שרעקן די רייכע פּריצים און די ייִדן. אָט קום איך פון קריסעוויץ. דאָרט זענען

זיי דאָ שוין פון נעכטן אין דער פרי. געהרגעט וועמען, צי וואָס ? וואָס דער אמת, זענען זיך מײַנע פּריצים צעלאָפן, ווי די פאַרסמטע מײַז. קיין איינער איז נישט געבליבן. אָבער די רוסן, גוטע „כלאָפּעס״, זיי האָבן בלויז איבערגעלאָזט „וואַרטעס״, כדי עס זאָל זײַן אַביסל היימלעכער אונדזערע יונגע מיידלעך.

די יונגע שקצים האָבן זיך צעלאַכט אויף אַ קול און די עלטערע גויים האָבן געקנייטשט לאַנג און אָנגעשטרענגט זייערע שטערנס, איידער זיי האָבן זיך אָנגערופן.

— ווייזט אויס, אַז ער איז טאַקע גערעכט, אויף אַן אמת גערעכט.

אָבער ערשט פאַרנאַכט האָט מען זיך געלאָזט צוריק אין די היימען. מרדכי איז מיט ווייב און טאָכטער און מיטן פּי געבליבן אין יורקעס סטאָדצלע, וואַרטנדיק וואָס ווייטער וועט זײַן. נאָר לאַנג האָט ער נישט געקאָנט אַזוי זיצן, ווייט פון דער אייגענער היים. פאַרטאָג, ווען איטע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי שוין דעם טאַטן נישט געטראָפן אויף זײַן געלעגער. זי האָט אים אומעטום אַרומגעזוכט, געוועקט די פאַרשלאָפענע שטיפמאַמע.

— מומע, מומע. וואו איז דער טאַטע ? —

אָבער ביילטשע האָט בלויז אַ בייזן קרעכץ געטאָן און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום היי. איטע איז געלאָפן מיט די פעלדער, הינטנאַרום צו דער „לעשניטשאַוקע״. שוין פונדערווייטנס האָט זי דערזען אין מיטן פעלד אַ ברייטע מאַסיקע געשטאַלט. אַן איינזאַמער מענטש איז געגאַנגען מיט פאַמעלעכע שריט. די פּיס, איינגעזונקענע ביז צו די קניען אין צייטיקן האָבער, האָבן זיך עקשנותדיק איינגעעקבערט מיט די שטיוול־אָפּצאַסן אין דער ערד, כדי דער קערפּער זאָל זיך נישט צופיל אונטערגעבן דעם ריטם פון דער קאָסע. די אָרעמס אין בלויזע אָרבל פון העמד האָבן געצייכנט ברייטע האַלברעדער אין דער לופטן, און פונקט אין אַזעלכע האַלברעדער האָט זיך געלייגט צו די פּיס די געשניטענע תבואה.

מרדכי האָט געקאָסעט זײַן שפּעטן, געדיכטן האָבער. די צייטיקע האַרטע האָבער־שטענגלעך האָבן זיך ביים מינדסטן בלאָז פון ווינט צעקלונגען, ווי זילבערנע, קליינע גלעקעלעך ביי די בשמים־פּושקעס.

די זשיוואָראָנקעס האָבן זיך איבער זײַן קאָפּ אַריינגעשניטן אין דעם יונגן פרימאָרגן. זיי האָבן אויסגעזען, ווי ברוינע גרודעס, אַרויפגעשליידערט מיט אַ ייִנגלשער האַנט צו דער אויפגייענדיקער זון.

ערגעץ פון הינטערן וואַלד האָבן זיך געהערט די ערשטע האַרמאַטן־שאָסן, ווי ס'וואָלט זיך אַ ווילדע חיה צערעוועט דעם מאָרגן אַנטקעגן, בלוטדורשטיק און שווער.



איטע האָט זיך געשטעלט בײַנדן דעם האָבער, נאָך אירע שריט זענען אויסגעוואַקסן נידעריקע ברייטע סנאָפּעס מיט בלאָנדע צעשויבערטע קעפּ.

## IX

מרדכי איז אַהיימגעגאַנגען פון דאָרף מיט דער סטעזשקע הינטערן וואַלד, די אַלע רייד פון די עלטסטע דאָרפס־באַלעבאַטים אין שופטס שטוב האָבן צעפלאַמט זײַן פּנים, ווי דער שטאַרקסטער בראָנפן. אונטער זײַנע שווערע שריט האָבן געטרעשטשעט די טרוקענע צונויפגעדרייטע בלעטער. פון וואַלד זענען אַרויסגעקראָכן פּיאַלעטע פאַרנאַכט־שאָטנס און באַטאַפּט, ווי די הענט פון אַ בלינדן, וואָס אַמאָל אַן אַנדער שטיק פעלד. דער וואַלד, וועלכער האָט זיך ערשט נישט לאַנג געהויבן מיט אַ גרינער כוואַליע פון בוימער־שפּיצן, האָט זיך איצט געבויגן קרומפּלייציק, נאַקעט, און אַנטבלויזט די וואונדן פון אָפּגעהאַקטע ביימער. אויף די בייטן מיט דער אויפגייענדיקער ווינטער־תבואה האָט זיך געזילבערט דער ערשטער פראָסט. אָט וועט דאָס מיט זײַן שוויס־דורכגעווייקטע פעלד געהערן באַלד צו אים אײַנגאַנצן. ער וועט נישט מוזן הרגענען פערד מיט אַרבעט, כדי אַרויסצופרעסן פון דער ערד אי פאַרן פּריץ, אי פאַר זיך. גוט כאָטש וואָס ער האָט נישט חתונה געמאַכט די טאָכטער. וואָלט ער איר געגעבן דעם נדן, וואָלט ער היינט נישט געקאָנט קויפן קיין איין סקיבע ערד. ער וואָלט געמוזט אָוועק פון דאַנען, שאָקלען די אָפּגעאַרבעטע ביינער אויף צעפאָרענע וועגעלעך, אַרומטראָגן באַנקעס מיט מילך און דאָ וואָלט אַן אַנדערער געזעסן, געזייעט אויף דעם פעלד, וועלכעס ער האָט אויסגעמיסטיקט מיט אַזויפיל מי און אַרבעט.

ווען מרדכי איז אַהיימגעקומען האָט שוין אין שטוב געברענט דער לאָמפּ. ביילטשע האָט מיט אַ שטעקעלע אַרויסגעשאַרט פון אונטער דער קיך געבראָטענע בולבעס, און בלאָזנדיק אויף זיי, געוואָרפן פון איין האַנט אין דער צווייטער.

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט ? —

האָט זי אַ פרעג געטון, נישט אייפהויבנדיק די פון פייער צערויטלטע אויגן.

מרדכי האָט זיך געזעצט אָקעגנאיבער דעם געעפנטן קיך־טירל. דער אָפּשײַן פון פייער האָט געלעקט זײַנע שטיוול ווי די רויטע צונג פון אַ הונט. ער האָט געענטפערט מיט זײַן שווערן, האַרטלעכן קול :

— די פּריצע וויל פאַרקויפן דאָס פעלד, געשיקט אין דאָרף אַריין דעם זשאַנדצע.

דאָ שוין פון נעכטן אין דער פרי. געהרגעט וועמען, צי וואָס? וואָס דער
ית, זענען זיך מיינע פריצים צעלאָפן, ווי די פאַרסמטע מייז. קיין איינער
ז נישט געבליבן. אָבער די רוסן, גוטע „כלאָפּעס״, זיי האָבן בלויז
בערגעלאָזט „וואַרטעס״, כדי עס זאָל זיין אַביסל היימלעכער אונדזערע
גע מיידלעך.

די יונגע שקצים האָבן זיך צעלאַכט אויף אַ קול און די עלטערע
ים האָבן געקנייטשט לאַנג און אָנגעשטרענגט זייערע שטערנס, איידער
האָבן זיך אָנגערופן.

— ווייזט אויס, אַז ער איז טאַקע גערעכט, אויף אַן אמת גערעכט.

אָבער ערשט פאַרנאַכט האָט מען זיך געלאָזט צוריק אין די היימען.
דכי איז מיט ווייב און טאָכטער און מיטן פּי געבליבן אין יורקעס
אָדעלע, וואַרטנדיק וואָס ווייטער וועט זיין. נאָר לאַנג האָט ער נישט
קאָנט אַזוי זיצן, ווייט פון דער אייגענער היים. פאַרטאָג, ווען איטע האָט
אויפגעכאַפּט, האָט זי שוין דעם טאַטן נישט געטראָפן אויף זיין געלעגער.
האָט אים אומעטום אַרומגעזוכט, געוועקט די פאַרשלאָפענע שטיפמאַמע.

— מומע, מומע, וואו איז דער טאַטע? —

אָבער ביילטשע האָט בלויז אַ בייזן קרעכץ געטאָן און זיך אויסגעדרייט
טן פּנים צום היי. איטע איז געלאָפן מיט די פעלדער, היינטאַרום
דער „לעשניטשוואָקע״. שוין פונדערווייטנס האָט זי דערזען אין מיטן
לד אַ ברייטע מאַסיקע געשטאַלט. אַן איינזאַמער מענטש איז געגאַנגען
ט פאַמעלעכע שריט. די פיס, איינגעזונקענע ביז צו די קניען אין צייטיקן
בער, האָבן זיך עקשנותדיק איינגעעקבערט מיט די שטיוול־אָפּצאַסן אין
ר ערד, כדי דער קערפּער זאָל זיך נישט צופיל אונטערגעבן דעם ריטם
דער קאָסע. די אָרעמס אין בלויזע אַרבל פון העמד האָבן געצייכנט
ייטע האַלבערדער אין דער לופטן, און פונקט אין אַזעלכע האַלברעדער
ט זיך געלייגט צו די פיס די געשניטענע תבואה.

מרדכי האָט געקאָסעט זיין שפּעטן, געדיכטן האָבער. די צייטיקע האַרטע
בער־שטענגלעך האָבן זיך ביים מינדסטן בלאָז פון ווינט צעקלונגען,
זילבערנע, קליינע גלעקעלעך ביי די בשמים־פּושקעס.

די זשיוואָראָנקעס האָבן זיך איבער זיין קאָפּ אַריינגעשניטן אין דעם
גן פרימאָרגן. זיי האָבן אויסגעזען, ווי ברוינע גרודעס, אַרויפגעשליידערט
ט אַ יינגלשער האַנט צו דער אויפגייענדיקער זון.

ערגעץ פון הינטערן וואַלד האָבן זיך געהערט די ערשטע האַרמאַטן־
סן, ווי ס׳וואָלט זיך אַ ווילדע חיה צערעוועט דעם מאָרגן אַנטקעגן,
טדורשטיק און שווער.



איטע האָט זיך געשטעלט בינדן דעם האָבער, נאָך אירע שריט זענען אויסגעוואַקסן נידעריקע ברייטע סנאָפּעס מיט בלאָנדע צעשויבערטע קעפּ.

## IX

מרדכי איז אַהיימגעגאַנגען פון דאָרף מיט דער סטעזשקע הינטערן וואַלד, די אַלע רייד פון די עלטסטע דאָרפס־באַלעבאַטים אין שופטס שטוב האָבן צעפלאַמט זיין פּנים, ווי דער שטאַרקסטער בראָנפן. אונטער זיינע שווערע שריט האָבן געטרעשטשעט די טרוקענע צונויפגעדרייטע בלעטער. פון וואַלד זענען אַרויסגעקראָכן פיאַלעטע פאַרנאַכט־שאָטנס און באַטאַפּט, ווי די הענט פון אַ בלינדן, וואָס אַמאָל אַן אַנדער שטיק פעלד. דער וואַלד, וועלכער האָט זיך ערשט נישט לאַנג געהויבן מיט אַ גרינער כוואַליע פון בוימער־שפּיצן, האָט זיך איצט געבויגן קרומפּלייציק, נאַקעט, און אַנטבלויזט די וואונדן פון אָפּגעהאַקטע ביימער. אויף די בייטן מיט דער אויפגייענדיקער ווינטער־תבואה האָט זיך געזילבערט דער ערשטער פראָסט. אָט וועט דאָס מיט זיין שוויס־דורכגעווייקטע פעלד געהערן באַלד צו אים אינגאַנצן. ער וועט נישט מוזן הרגענען פערד מיט אַרבעט, כדי אַרויסצופּרעסן פון דער ערד אי פאַרן פּריץ, אי פאַר זיך. גוט כאָטש וואָס ער האָט נישט חתונה געמאַכט די טאָכטער. וואָלט ער איר געגעבן דעם נדן, וואָלט ער היינט נישט געקאָנט קויפן קיין איין סקיבע ערד. ער וואָלט געמוזט אַוועק פון דאַנען, שאָקלען די אָפּגעאַרבעטע ביינער אויף צעפאָרענע וועגעלעך, אַרומטראָגן באַנקעס מיט מילך און דאָ וואָלט אַן אַנדערער געזעסן, געזייעט אויף דעם פעלד, וועלכעס ער האָט אויסגעמיסטיקט מיט אַזויפיל מי און אַרבעט.

ווען מרדכי איז אַהיימגעקומען האָט שוין אין שטוב געברענט דער לאָמפּ. ביילטשע האָט מיט אַ שטעקעלע אַרויסגעשאַרט פון אונטער דער קיך געבראָטענע בולבעס, און בלאָזנדיק אויף זיי, געוואָרפן פון איין האַנט אין דער צווייטער.

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? —

האָט זי אַ פרעג געטון, נישט אויפהויבנדיק די פון פייער צערויטלטע אויגן.

מרדכי האָט זיך געזעצט אַקעגנאיבער דעם געעפנטן קיך־טירל. דער אָפּשיין פון פייער האָט געלעקט זיינע שטיוול ווי די רויטע צונג פון אַ הונט. ער האָט געענטפערט מיט זיין שווערן, האַרטלעכן קול:

— די פּריצע וויל פאַרקויפן דאָס פעלד, געשיקט אין דאָרף אַריין דעם זשאַנדצע.

איטע איז געזעסן לעבן טיש הינטערן לאָמפּ און מיט אירע האַרטע, לאַנגע פינגער געפּליקט פעדערן. זי איז געזעסן שטיל און זיך נישט אָנגערופן. היינטיקן נאָכמיטאָג, ווען קיינער איז אין שטוב נישט געווען, האָט זי אַרומגעזוכט אין אַלע ווינקלען דאָס ווייסע קאָפּ־טיכל. זי האָט עס געפונען אונטער ביילטשעס קאָפּ־קישן. עס איז געווען צונויפגעבונדן מיט אַלע פיר עקן אַרום אַ ווייס טלומעקל. ווען זי האָט עס אויפגעבונדן, האָט זי דערזען אינעווייניק ווייסע ווינדעלעך, שפּיצן־באַנייטע לייבלעך. זי האָט געהאַלטן די העמדלעך אין האַנט, באַקוקט זיי, בשעת אַ קאַלטער דראָזש איז איר אַרומגעקראָכן איבער דער פּלייצע. שפּיצעלעך, — האָט זי געקלערט. — וואו נעמט זי געלט אויף דעם אַלעם? ער מוז איר אוודאי געבן, ער. און איטע דערמאָנט זיך פּלוצים, אַז איר מאַמען האָט דער טאַטע נישט געוואָלט געבן קיין געלט אַפילו אויף שיכבענדלעך פאַר די קינדער. די מאַמע האָט געמוזט צוליב די דאָזיקע בענדלעך פאַרקויפן בגנבה עטלעכע אייער אין דאָרפישן געוועלב.

די ווינדעלעך האָבן איר פאַרברענט די הענט, און דאָך האָט זי זיי נישט געקאָנט אָוועקלייגן. דאָס אומבאַוואוסטע, דער פרעמדער סוד, וועלכער האָט זיך אַזוי אכזריותדיק אַריינגעשניטן אין איר אייגן לעבן, האָט אָנגעיאָגט דאָס בלוט מיט אַ וואַרעמער כוואַליע צום האַלז, צו די ברייטלעכע ליפּן, צו די קנאָכיקע באַקן. איצט האָט איטע אַלץ געקוקט אויף ביילטשען, דערזען מיטאַמאָל אירע שווערע באַוועגונגען, דאָס ברווינלעך־געפּלעקטע פּנים. זי האָט זיך געוואָלט אַריינשלייכן מיט די געדאַנקען אין ביילטשעס שטילן שמייכל, וועלכער האָט אויף אַ מינוט צעשפּרייט אירע נאָזפּליגל, בעת זי האָט געקוקט מרדכי׳ן אין די אויגן אַריין מיט דער זיכערקייט פון אַ געליבט ווייב.

— איז דאָך טאַקע גוט, וועט מען פריער אַרויס פון דאַנען, זאָל זי נאָר פאַרקויפן.

— וואָס טענהט די יידענע, וואָס? קויפן וועל עך דאָס שטיק פעלד.

— אָז דו ווילסט — קויף, עך וועל דאָ נישט בלייבן אינמיטן וואַלד, אין אַזעלכע־אָ צייטן. דאָ קאָן מען הרגענען אַ מענטש און קיין האָן זאָל אַפילו נישט קיין קריעה טון.

איטע האָט געזען אין פאָטערס אויגן עפּעס אַ נישט־אַנטשלאָסנקייט. זי האָט אים נישט דערקענט. איר פאָטער, וועלכער האָט אַזוי שווער געאַרבעט, כדי אויף דער עלטער צו האָבן אַן א י י ג ן שטיקל פעלד, וויל איצט פּטרן אַלץ צוליב איר, דער פרעמדער, פוילער. וואָס ווייסט אַפילו נישט ווי אַזוי צו נעמען אַ מאָטיקע אין האַנט אַריין? עס האָבן אָנמעכטיק געציטערט די ווייסלעכע ברעמען.



זי איז אויפגעשטאַנען פון דער באַנק, די אויגן האָבן זיך פאַרשמעלערט צו צוויי קליינע שפּאַרעס.

— טאַטע, האָרך קיינעם נישט און קויף. האָסט געלט, טאָ וואָרט־זשע נישט, ביז מען וועט עס דיר אויסקויפן. ס׳וועט זיין אייגנס. וואו מען וועט שטעלן דעם פוס, וועט עס זיין אייגנס —

ביילטשע האָט אַריינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אָרעמס, גלייך זי וואָלט געוואָלט אויסמיידן דעם קלאַפּ פון אַן אומזיכטבאַרער האַנט. מיטאַמאָל האָט זי דערפילט, אַז יענע, די מיאוסע שטיפטאָכטער, וויל זי צושמידן שוין אויף אייביק צו אָט די צוואַנציק יאָך פעלד, וויל זי מאַכן פאַר אַ שקלאַף פון אָט דער ערד, ווי זי איז עס אַליין, פונקט ווי עס איז מרדכי, ווי עס איז דער בוים אויפן וועג־ראַנד.

און זי האָט זיך צעוויינט קינדיש, אומבאַהאָלפן:

— וועל עך אַליין אָוועק פון דאַנען.

דעמאָלט האָט זיך שוין איטע נישט געקאָנט לענגער איינהאַלטן:

— אָז עס איז אייך דאָ אַזוי שלעכט, טאָ גייט־זשע פון דאַנען, קיינער האַלט אייך נישט, גייט, וואו איר זענט פריער געווען — גייט דינען!

מרדכי האָט אַ קלאַפּ געגעבן מיט זיין שטעקן אין דער באַנק:

— טאָ מאָיאָ זשעטש!*)

דאָס פוילישע איז ביי אים געווען אַ סימן פון גרעסטן כעס, עס איז געווען טויזנט מאָל געפערלעכער, ווי זיין שמייכל.

— מיט מ י י ן געלט וועל עך טון, וואָס מ י ר וועט זעך גליסטן — און יענעם אַ זאַסיע.

איטעס קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעבויגן נידעריקער, אויף דעם האַלז האָבן זיך געהויבן די אָדערן, און ס׳האָט געקלאַפּט אין זיי דאָס בלוט מיט איינגעהאַלטענער שנאה.

## X

פון גאַנץ פרי אָן האָבן זיך געטליקעט קאַווקעס און קראָען. זייער אומרו האָט אָנגעזאָגט פרישן שניי. דער ווינט איז געלעגן צוגעטשאַיעט אין די טאָלן, ווי אַ חיה גרייט צום שפּרונג. שפּעטער האָט ער זיך געדרייט אין דער לופטן, ווי אַ מילעכל, געקלאַפּט מיט פאַרדאַרטע בלעטער, וועלכע זענען נאָך פון זומער געבליבן אויף דיביימער. ער האָט צונויפגעשלעפּט כמאַרעס, ווי באַלן גראָע וואַטע און געוואָלט מיט זיי פאַרשטאָפּן דאָס אָפענע

---

*) דאָס איז מיין עסק!

לאָך צווישן הימל און ערד און דאָס איז אים געלונגען. צווישן הימל און ערד איז געבליבן בלויז איין שמאָלער שפּאַלט, אין וועלכן ס׳איז אויסגעגאַנגען דער קורצער, ווינטערדיקער טאָג.

פֿון וואַלד זענען אַרויסגעפֿאָרן פֿינף רייטער. הינטער זיי זענען נאָכגעגאַנגען מיט שטריק צוגעבונדענע עטלעכע שווערע קי. די ערשטע האָט זיי דערזען ביילטשע.

— דאַכט זיך, אַז מען פֿאָרט פֿון הויף.

איטע, וועלכע איז אַרויס אויף דער שוועל אַ קוק געבן, איז צוריקגעקומען מיט אַ בלייך פּנים און אַש־גראָע ליפּן.

— טאַטע, די רוסן קומען שוין ווידער, זיי פֿירן מיט מיט זיך קי.

מרדכי האָט אַרויפֿגעצויגן דעם רימען איבער די הויזן.

— ביי מיר האָבן זיי גאָרנישט וואָס צו נעמען, עך בין נישט קיין גוטבאַזיצער. און שטיל זאָל מיר זיין, ווייבער!

עס האָבן אָנגעקלונגען פֿערדישע קאָפּיטעס אויף דער אייז־באַדעקטער ערד לעבן דעם ברונעם. צוויי רוסישע זעלנער זענען אַראָפּגעשפּרונגען פֿון די פֿערד און אַ זעץ געטאָן מיט קאָלבעס אין דער טיר. די דריי איבעריקע זענען געבליבן היטן די בהמות, וואָס האָבן זיך געדרייט אומרואיק אויף איין אָרט, פֿילנדיק אין דער נאָענט אַ שטאַל, און פֿאַרבענקט געריטשעט.

די שטוב איז עפּעס ווי קלענער געוואָרן, אויסגעפֿילט מיטן ריח פֿון יוכטענעם לעדער, שווייס און מיט אַן אומבאַשטימטן, טעמפּן פּחד.

מרדכי האָט זיי באַגריסט.

— אַ גוטן אָוונט אייך! אוודאי פֿאַרבלאָנדזשעט, האַ? נישט קיין חידוש אַפֿילו, אין דרויסן אַזאַ מראַק, אַזאַ מראַק.

איינער פֿון די זעלנער, אַ דאַרער, ברייטקנאָכיקער, מיט אַ פֿרישן, בלאָלעכן שניט איבער דער רעכטער העלפֿט פֿון פּנים, האָט זיך צעלאַכט.

— זע נאָר, אַ קלוגער איד, אַ קלוגעטשקער. נישט פֿאַרבלאָנדזשעט, מיין טייערינקער, נישט פֿאַרבלאָנדזשעט, נאָר טאַקע צו דיר צו גאַסט געקומען. און דער קאָמענדאַנט האָט געשיקט — יאָ.

איבער די ליפּן פֿון צווייטן קאָזאַק האָבן די וואָנצעס געטאַנצט פֿאַר שׂמחה.

— אויב אַזוי, טאָ זעצט אייך.

— פֿיר אונז בעסער אין שטאַל אַריין.

מרדכיס גוף איז געוואָרן שווער און ליימיק. ער האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

— דו גייסט, אָדער זאָל מען דיך אַהין צוקוילערן מיט די שטיוול?



איטע איז אויפֿגעשטאַנען פֿון דער באַנק, אַרויפֿגעשלעפּט אויף זיך דער מאַמעס אַלטן יאַקער.

— קום טאַטע!

אירע אויגן זענען געווען רואיק, אין זייער בלאָלעך־גראָער נאַקעטקייט דערמאָנט אָן די ווינטערצייט צוגעפֿרוירענע טייכלעך. נאָר אירע הענט האָבן אַביסל געציטערט, ווען זי האָט זיך צוגעקנעפּלט דעם צעריסענעם יאַקער. זי איז געגאַנגען פֿאָראויס. די קאָזאַקן זענען נאָכגעגאַנגען פֿון הינטן, כּדי מען זאָל זיך נישט באַהאַלטן ערגעץ פֿאַר זיי. די טיר איז נאָך זיי געבליבן אָפֿן.

ביילטשע האָט זיך צונויפֿגעקאָרטשעט אויף דער באַנק. די דרויסנדיקע, שאַרפֿע קעלט האָט אַריינגעשטראָמט מיט אַ געדיכטן, ווייסן נעפּל, צוגעקומען וואָס־אַמאָל נענטער צו אירע שרעק־פֿאַרשטאַרטע פֿיס. זי האָט זיך נישט געקאָנט אויפֿהויבן פֿון אָרט. פּלוצים האָבן איר אַ שלאָג געטאָן אין די אויערן צונויפֿגעקנוילטע האַרטע שטימען. זי האָט אויסגעווישט מיט די פֿינגער דאָס פֿאַרלאָפֿענע שייבל, און איר פּנים איז ווי צוגעפֿרוירן געוואָרן צום פֿענצטער. לעבן דער שטאַל זענען שוין די צוויי זעלנער געזעסן אויף די פֿערד און געהאַלטן אין די הענט די שטריק, מיט וועלכע ס׳זענען געוועזן צוגעבונדן אירע צוויי שענסטע קי. מרדכי האָט געשלעפּט דעם שטריק צו זיך. איין זעלנער האָט אים מיטן לויזן, צונויפֿגעדרייטן עק פֿון שטריק אַ קלאַפּ געטון איבער די הענט. עס איז תּיכף אויפֿגעלאָפֿן אַ בלאָ־פֿיאָלעטער בייטש. אָבער מרדכי האָט נישט אַרויסגעלאָזט די קו פֿון די הענט. פֿון אָנשטרענגונג זענען אויף זיין שטערן און האַלז אָפּגעקוואָלן שוואַרצלעך די אָדערן.

— דאָס זענען מיינע קי, מיין פּראַצע, עך גיב נישט, גייטס אין די הייף, דאָרט זענען דאָ פֿולע שטאַלן.

די זעלנער האָבן אַראָפּגענומען די ביקסן, אויף אַ רגע האָבן אַ בליץ געטון שאַרף און שמאָל די אויפֿגעשפּיזטע מעסערס.

— צום לעצטן מאָל: לאָזט די קי, אָדער נישט?

מרדכי איז בלאַס געוואָרן. אויף זיין שטערן האָבן זיך געפּערלט שווערע טראָפּנס שווייס. ער האָט זיך געשטעלט זיי אַנטקעגן, פֿאַרביסן, עקשנותדיק.

— הרגעט, אַז עך ווילט, און געבן וועל עך נישט, ס׳איז מיין.

ביילטשע האָט געזען, ווי איטע איז מיטאַמאָל צוגעלאָפֿן און אַ כאַפּ געטון דעם אויסגעשטרעקטן זעלנערישן אָרעם. שפּעטער האָט זיך געלייגט אויף אירע אויגן אַ רויטער נעפּל, וועלכער האָט איר אַלץ פֿאַרשטעלט.

אָך צווישן הימל און ערד. און דאָס איז אים געלונגען. צווישן הימל און
רד איז געבליבן בלויז איין שמאָלער שפּאַלט, אין וועלכן ס'איז אויסגעגאַנגען
ער קורצער, ווינטערדיקער טאָג.

פון וואַלד זענען אַרויסגעפאָרן פינף רייטער. הינטער זיי זענען נאָכגעגאַנגען מיט שטריק צוגעבונדענע עטלעכע שווערע קי. די ערשטע האָט זיי
ערזעןביילטשע.

— דאַכט זעך, אַז מען פאָרט פון הויף.

איטע, וועלכע איז אַרויס אויף דער שוועל אַ קוק געבן, איז צוריקגעמען מיט אַ בלייך פּנים און אַש־גראָע ליפּן.

— טאַטע, די רוסן קומען שוין ווידער, זיי פירן מיט מיט זיך קי.

מרדכי האָט אַרויפגעצויגן דעם רימען איבער די הויזן.

— ביי מיר האָבן זיי גאָרנישט וואָס צו נעמען, עך בין נישט קיין
טבאַזיצער. און שטיל זאָל מיר זיין, ווייבער!

עס האָבן אָנגעקלונגען פערדישע קאָפּיטעס אויף דער אייז־באַדעקטער ערד
עבן דעם ברונעם. צוויי רוסישע זעלנער זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון
י פערד און אַ זעץ געטאָן מיט קאָלבעס אין דער טיר. די דריי איבעריקע
ענען געבליבן היטן די בהמות, וואָס האָבן זיך געדרייט אומרואיק אויף
יין אָרט, פילנדיק אין דער נאָענט אַ שטאַל, און פאַרבענקט געריטשעט.

די שטוב איז עפּעס ווי קלענער געוואָרן, אויסגעפילט מיטן ריח פון
כטענעם לעדער, שווייס און מיט אַן אומבאַשטימטן, טעמפּן פּחד.

מרדכי האָט זיי באַגריסט.

— אַ גוטן אָוונט אייך! אוודאי פאַרבלאָנדזשעט, האַ? נישט קיין
ידוש אַפילו, אין דרויסן אַזאַ מראַק, אַזאַ מראַק.

איינער פון די זעלנער, אַ דאַרער, ברייטקנאָכיקער, מיט אַ פרישן,
לאָלעכן שניט איבער דער רעכטער העלפט פון פּנים, האָט זיך צעלאַכט.

— זע נאָר, אַ קלוגער איד, אַ קלוגעטשקער. נישט פאַרבלאָנדזשעט, מיין
יערינקער, נישט פאַרבלאָנדזשעט, נאָר טאַקע צו דיר צו גאַסט געקומען.
ין דער קאָמענדאַנט האָט געשיקט — יאָ.

איבער די ליפּן פון צווייטן קאָזאַק האָבן די וואָנצעס געטאַנצט
אַר שמחה.

— אויב אַזוי, טאָ זעצט אייך.

— פיר אונז בעסער אין שטאַל אַריין.

מרדכיס גוף איז געוואָרן שווער און ליימיק. ער האָט זיך נישט גערירט
ין אָרט.

— דו גייסט, אָדער זאָל מען דיך אַהין צוקוילערן מיט די שטיוול?



איטע איז אויפגעשטאַנען פון דער באַנק, אַרויפגעשלעפּט אויף זיך דער מאַמעס אַלטן יאַקער.

— קום טאַטע!

אירע אויגן זענען געווען רואיק, אין זייער בלאָלעך־גראָער נאָקעטקייט דערמאָנט אָן די ווינטערצייט צוגעפרוירענע טייכלעך, נאָר אירע הענט האָבן אַביסל געציטערט, ווען זי האָט זיך צוגעקנעפּלט דעם צעריסענעם יאַקער. זי איז געגאַנגען פאָראויס. די קאָזאַקן זענען נאָכגעגאַנגען פון הינטן, כדי מען זאָל זיך נישט באַהאַלטן ערגעץ פאַר זיי. די טיר איז נאָך זיי געבליבן אָפן.

ביילטשע האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט אויף דער באַנק. די דרויסנדיקע, שאַרפע קעלט האָט אַריינגעשטראָמט מיט אַ געדיכטן, ווייסן נעפּל, צוגעקומען וואָס־אַמאָל נענטער צו אירע שרעק־פאַרשטאַרטע פיס. זי האָט זיך נישט געקאָנט אויפהויבן פון אָרט. פּלוצים האָבן איר אַ שלאָג געטאָן אין די אויערן צונויפגעקנוילטע האַרטע שטימען. זי האָט אויסגעווישט מיט די פינגער דאָס פאַרלאָפענע שייבל, און איר פּנים איז ווי צוגעפרוירן געוואָרן צום פענצטער. לעבן דער שטאַל זענען שוין די צוויי זעלנער געזעסן אויף די פערד און געהאַלטן אין די הענט די שטריק, מיט וועלכע ס'זענען געווען צוגעבונדן אירע צוויי שענסטע קי. מרדכי האָט געשלעפּט דעם שטריק צו זיך. איין זעלנער האָט אים מיטן לויזן, צונויפגעדרייטן עק פון שטריק אַ קלאַפּ געטון איבער די הענט. עס איז תיכף אויפגעלאָפן אַ בלאָ־פיאָלעטער בייטש. אָבער מרדכי האָט נישט אַרויסגעלאָזט די קו פון די הענט. פון אָנשטרענגונג זענען אויף זיין שטערן און האַלז אָפּערגעקוואָלן שוואַרצלעך די אָדערן.

— דאָס זענען מיינע קי, מיין פּראַצע, עך גיב נישט, גייטס אין די הייף, דאָרט זענען דאָ פולע שטאַלן.

די זעלנער האָבן אַראָפּגענומען די ביקסן, אויף אַ רגע האָבן אַ בליץ געטון שאַרף און שמאָל די אויפגעשפּיזטע מעסערס.

— צום לעצטן מאָל: לאָזט די קי, אָדער נישט?

מרדכי איז בלאַס געוואָרן. אויף זיין שטערן האָבן זיך געפּערלט שווערע טראָפּנס שווייס. ער האָט זיך געשטעלט זיי אַנטקעגן, פאַרביסן, עקשנותדיק.

— הרגעט, אַז עך ווילט, און געבן וועל עך נישט, ס'איז מיין.

ביילטשע האָט געזען, ווי איטע איז מיטאַמאָל צוגעלאָפן און אַ כאַפּ געטון דעם אויסגעשטרעקטן זעלנערישן אָרעם. שפּעטער האָט זיך געלייגט אויף אירע אויגן אַ רויטער נעפּל, וועלכער האָט איר אַלץ פאַרשטעלט.

זי האָט אויך נישט געהערט, ווי באַלד נאָכדעם האָט פּלוצים די אָנגעשטרענגטע, אָנאָטעמדיקע דערוואַרטונג אַ קנאַל געטון מיטן זעלנערס געזונטן, דויען לאַכן, ווי אַ געשפּרונגענע רייף.

— אָט אַזאַ־אַ נישטיק יידל גייט זיך אַנטקעגנשטעלן אים, דער רוסישער מאַכט. ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט, קאָן ער אים דאָך צערייבן אויף שטויב, אַריינקוועטשן מיטן אָפּצאַס אין דער ערד, ווי אַ וואָרעם, אָט תיכף דאָ אויפן אָרט.

ער האָט געלאַכט הויך און קינדיש, דאָס לאַכן האָט געשווענקט דעם האַלז, ווי פריש וואַסער.

און אפשר וואָלט ער אויך אַזוי אויסגעזען ביי זיך אין דער היים, אוממעכטיק און נישטיק, ווען ס'וואָלטן אַזוי געקומען צו אים, למשל, די דייטשן?

— דו, אַז דו ווילסט, קום צום קאָמענדאַנט בעטן, אפשר וועט ער דיר צוריקגעבן כאָטש איין קו. איך וועל אים זאָגן, אַז ביסט אַן אָרעמער ייד. איך קאָן דיר מער גאָרנישט העלפן, איך האָב באַקומען אַ באַפעל ברענגען די קי און פאַרטיק.

ווען מרדכי איז אַריינגעקומען אין שטוב נאָכן פוטערל, איז ביילטשע געזעסן נאָך אַלץ אויף דעם זעלבן אָרט, מיט פאַרשטאַרטע הענט און פיס.

— ביילטשע, וואָס איז דיר, ביילע?

זי האָט זיך נישט אָנגערופן, אירע בלאָע ליפּן האָבן זיך פעסט צונויפגעדריקט.

מרדכי האָט אַריינגערופן איטען.

— רייב איר גאָר איין מיט שניי דאָס האַרץ און די שלייפן.

ער אַליין האָט אַריינגעגאָסן וואַסער צווישן אירע פאַרקלעמטע ציין, ביז זי האָט צעעפנט די אויגן.

— איז דיר שוין בעסער, ביילעניו?

זי האָט דערזען, אַז מרדכי איז אָנגעטאָן אין וועג אַריין אין פוטערל, דאָס היטל אַראָפּגערוקט איבער די אויערן. אירע פינגער האָבן זיך איינגעקלאָמערט אין זיין אָרעם.

— וואוהין גייסטו, מרדכי!

— כ'וועל זיין באַלד צוריק, כ'גיי נאָר אָפּנעמען מיינע קי. ווי דען?

— גיי נישט, מרדכי, גיי נישט. עך בעט דעך, וועסט גיין מאָרגן, פאַרטאָג.

— מאָרגן וועל עך שוין קענען אָפּנעמען בלויז די פעלן.

— עך האָב עפּעס אַזוי מורא, אַזוי מורא —



איר קול איז אָנגעלאָפן מיט צוריקגעהאַלטענע טרערן.

— גיי, מאַך דעך נישט נאַריש, ווי אַ קינד, בלייבסטעך נישט אַליין, איטע איז דאָ אין דער היים.

ער איז גיך אַרויסגעלאָפן פון שטוב. אין דרויסן האָט ער אָנגעהויבן צו לויפן מיטן סאַד, כדי ער זאָל נאָך קאָנען דעריאָגן די רוסן מיט די קי.

## XI

אין שטוב זענען געבליבן ביידע פרויען אַליין. דאָס לעמפּל האָט מיט קליינע, ציטערנדיקע פלעקן געלאַטעט די געבערגלטע, צעשפּרונגענע ווענט. אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט דייטלעך דאָס סיטשען פון קנויט ביים אַריינזופן דעם בלאָלעכן נאָפט.

אין דרויסן האָט געוואָיעט דער ווינט. פּלוצים האָט זיך איטען געדאַכט, אַז זי הערט פון דרויסן אַ געוויין. זי האָט ברייט צעעפנט די אויגן, אַריינוואַקסנדיק מיט אַלע חושים אין דער דרויסנדיקער נאַכט. עס האָט אָנגעהויבן צו שנייען. די האַרטע, ווייסע גרויפּן זענען אָפּגעשפּרונגען פון די שייבלעך מיט אַ דינעם, גלעזערדיקן קלאַנג. איטעס בליק האָט זיך נישט געקאָנט דורכרייסן דורך דער ווייסער, געדיכטער טעמראַווע. איצט האָט זי שוין געהערט דייטלעכער אַ צעצויגן, יאָמערלעך קול. זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם יאַקער און איז אַרויס מיטן אָנגעצונדענעם שטאַל־לאָמטערן אין דער האַנט.

צוריק איז זי אַריינגעקומען מיט אַ קליין, ווייס־רויט קעלבל אויף די הענט. דאָס קעלבל איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, געפינטלט דערשראָקן מיט די ווייס־באָברעמטע, קיילעכדיקע אויגן. נאָר אַז איטע איז צוגעגאַנגען צו דער קיך, האָט עס אָנגעהויבן איר נאָכצוגיין מיט די ברייט-צעשטעלטע, אומבאַהאָלפענע פיסלעך פון אַ צוויי־טאָגיקן נפש און עס האָט זיך אויפסניי צעמעקעט. דאָס פאַרבענקטע, יתומדיקע רופן האָט זיך געטראָגן העט־ווייט איבער די פעלדער, נאָכגעלאָפן די קואישע שריט, וואָס זענען שוין לאַנג פאַרשיט געוואָרן מיט שניי.

איטע האָט אַראָפּגענומען פון דער קיך אַ טאָפּ וואַרעמע סערוועטקע און אונטערגעשטופּט דעם קעלבל. דאָס קעלבל האָט אָבער נישט געוואָלט טרינקען, געוואָרפן דעם קאָפּ אויף צוריק. דעמאָלט האָט איטע אַריינגעלייגט איר האַנט אין שעפל און זי צוגעשטעלט צום פיסקל. דאָס קאַלב איז נאָכגעלאָפן מיט דער צונג די צעשפּרייטע פינגער, וועלכע האָבן אַזוי דערמאָנט דער מאַמעס וואַרעם אייטער. עס האָט אָנגעהויבן צו טרינקען, צמאָקענדיג און באַלעקנדיק זיך מיט דער צונג, ווי אַ קליין קינד. איטע האָט

געגלעט מיט איין האַנט די נאָך אַלץ ציטערנדיקע, ווייכע פעל און צוגעלייגט דעם קאָפּ צום קעלבלס וואַרעמען קערפּער. פּלוצים האָט אַ ווילדער, כמעט נישט מענטשלעכער שריי אַ ריס געטאָן אויף שטיקער די פאַרשלאָפענע שטילקייט. דער שריי איז געקומען פוןביילטשעס אויסגעקרימטן מויל. זי איז געלעגן איינגעקאָרטשעט אויף איר בעט. די שאַל, וועלכע זי האָט אין איילעניש אַרויפגעוואָרפן אויף דעם פרירנדיקן, ציטערנדיקן לייב, האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון איר און איז אַראָפּגעהאָנגען איבערן בעט־ראַנד, ביז צו דער ערד, ווי אַ צעבראָכענער, פויגלשער פליגל. דער הויכער בויך האָט זיך געהויבן און איז אַראָפּגעפאַלן מיט קורצע, שטויסנדיקע באַוועגונגען, ווי ס׳וואָלט געאָטעמט עפּעס אַ פרעמד נפש. איטע איז געבליבן זיצן מיט צונויפגעלייגטע, פאַרזאָרגטע הענט אין איר לידיקן שויס, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט אויסרוען אַביסל, איידער ס׳וועט זיי אויסקומען צו וואַשן די ליילעכער פון דעם שוואַרצגערונענעם, פרעמדן בלוט און די קליינע, ווייסע ווינדעלעך.

ביילטשעס יעדער אָפּגעהאַקטער שריי האָט זיך אַריינגעשטאָכן אין איטעס בלוט, ווי אַ שאַרפער שטאַכל. מיט האַרבער הנאה פון אַליינפּייניקונג האָבן אירע הענט געגלעט די אייגענע, שמאָלע היפטן.

אייגנטלעך איז דאָס געווען איר, איטעס צייט. דאָ, אויף דעם בעט, האָט זי איצט געדאַרפט ליגן און געבוירן איר קינד. און אפשר וואָלט לעבן איר געשטאַנען דער אָסטרעזשעצער שוואַרצער בחור... נאָר זי וואָלט נישט געשריגן, אַזוי ווי יענע, די פרעמדע. מיט פרייד וואָלט זי אויפגענומען יעדן נייעם ווייטיק, וועלכער טרייבט צו די צייטיקע פרוכט צו די ברעגעס פון ווילד־צעשפּאַרטן לייב, זי וואָלט די נעגל אַריינגעהאַקט אין האַרטן האָלץ פון בעט און געשמייכלט. איר מידער קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויף איין זייט און איז צוגעפאַלן צום קאַנט פון טיש. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון שלאָף.

ביילטשע איז איצט געלעגן אויסגעשטרעקט, ווי אַ סטרונע, די פיס האָבן זיך אַריינגעשפּאַרט אין דעם בעטווענטל מיטן גאַנצן כוח, און אַזוי אַרום אַנטקעגנגעשטעלט זיך דער נייער, אָנקומענדיקער כוואַליע פון ווייען.

דער, פון ווייטיק און דעם קינדס באַוועגונגען, אָנגעדראָלענער בויך האָט זיך אַראָפּגערוקט, ווי אַ פולער זאַק. פון צייט צו צייט האָט אים אויפגעהויבן אַן אומגעריכט ציטערן. ביילטשע איז געלעגן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, זי האָט זיך איינגעהאָרכט אין איר אייגן לייב, געוואַרט אויף נייע ווייען, וועלכע זענען געקומען מיט אַן אומברחמנותדיקער פּינקטלעכקייט, אַריינבויערנדיק זיך אין דער פּלייצע און קריזשעס, שאַרף, שפּיציק און ציענדיק.



— איטע, קום אַביסל נענטער, עך וועל דיר עפּעס זאָגן.

און אַז איטע האָט זיך מיט צוריקגעהאַלטענעם עקל אַריבערגעבויגן איבערן בעט, האָט ביילטשע מיט אַ לאַשטשענדיקער שטים געשעפּטשעט:

— עך בעט דעך: נעם דעם לאָמטערן און גיי אין דאָרף אַריין. דו וועסט רופן — ווייסט שוין וועמען — עס איז געקומען צו פרי — אפשר פון שרעק —

איטע האָט אַרויסגעפילט דער פרעמדער פרויס פאַרשעמטקייט. האָט זי זעך געזאָלט פריער שעמען — איז איר דורכגעלאָפן דער געדאַנק. מיטן טאַטן זעך קושן אין מיטן העלן טאָג, אַז מענטשן זאָלן לאַכן — דאָס יאָ, דער מאַמעס צירונג צוגענומען, פאַרפרעסן דאָס שווער־אָנגעהאָרעוועטע פאַרמעגן, קויפן שפּיצעלעך צו העמדעלעך, און זי ,איטען, זאָל מען נישט ווען חתונה מאַכן, ווייל ס׳איז אויף קיין נדן נישטאָ. און איצט וועט שוין אַלץ גיין אין דר׳ערד אַריין. צוליב איר וועט דער טאַטע נישט אָפּקויפן ביים פריץ דאָס פעלד, ער וועט זיך מיט איר אַרויסציען אין שטאָט אַריין, שפּילן אויף דער עלטער קליינע קינדער. יאָ, יאָ. און זי, איטע, וועט מוזן גיין דינען, דינען, פאַרבייטן דעם פּלאַץ פון יענער, אַזוי ווי יענע האָט צוגענומען איר אָרט. זי האָט דער שטיפמאַמען געענטפערט שטיל, שעפּטשענדיק מיט עפּעס אַ מאָדנער צערטלעכקייט.

— גייט איך אַליין, מומע, עך נישט.

ערשט אַז ביילטשע האָט דערזען דער שטיפטאָכטערס נאַקעטע אויגן, איז איר קלאָר געוואָרן דער זין פון די דאָזיקע ווערטער. קיין ברעקל רחמנות איז אין זיי נישט געווען. קאַלטער שווייס האָט באַדעקט איר לייב. מיט די לעצטע כוחות איז זי אַראָפּ פון בעט. אירע פיס, אָנגענומענע מיט ווייטיק ווי צוויי פולע עמערס, האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן, זי האָט זיך צוגעראַטשקעט צו איטען אויף אַלע פיר.

— איטעניו, עך בעט דעך — גיי — גיי, עך קען שוין מער נישט אויסהאַלטן — גיי רוף די אַלטע האַנקע. איטע, דערבאַרעם דעך, איטע, עס צערייסט מעך אויף שטיקער, שוין בעסער דער טויט — מאַמע־ניו!!

זי איז צוגעפאַלן צו איטעס פיס און זיי אָנגעהויבן קושן מיט די הייסע, פאַרברענטע ליפּן. ערשט, ווען פרישע ווייען האָבן ביילטשען אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד, האָט איטע זיך געקאָנט באַפרייען פון אירע קלאַמערנדיקע הענט. זי האָט גיך געכאַפּט אַ שאַל און איז אַרויס פון שטוב.

אין דער האַלבטונקעלער שטוב איז געבליבן ביילטשע איינע אַליין. אַן אומהיימלעכע שרעק האָט זיך ווי קאַלטער שטאָל אַריינגעשטאָכן צווישן די ריפּן און זיך צעגאַנגען פּאַמעלעך איבערן גאַנצן לייב. עס האָט איר

געקלעמט ביים האַרץ, ס'האָט זיך איר געוואָלט ברעכן פון דעם ריח פון קו־מיסט, וועלכער איז איר געבליבן אין די נאָזלעכער פון איטעס דורכגע־ווייקטע שיך. זי האָט זיך צוגעשלעפּט צו דער טיר. די קאַלטע אייזיקע לופט האָט אַרומגענומען איר אויפגעשוידערטן קערפּער. זי האָט אָנגענומען אַ פולע זשמעניע שניי און אים געטרונקען לאַנג און דורשטיק. אָנשפּאַרנדיק זיך מיט איר פּליצע אָן דער שטובוואַנט, האָט זי זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן. איבער די ציטערנדיקע פיס איז עס געפלאָסן הייס און קלעפּיק. ווען זי האָט אַ קוק געטון, האָט זי געזען, אַז דער שניי לעבן אירע פיס איז רויט.

אין דרויסן האָט עס אויפגעהערט צו שנייען. פון אונטער צונויפגע־קנוילטע וואָלקנס האָט זיך פון צייט צו צייט אַרויסגערוקט אַ בלאַסע, געפלעקטע לבנה. איטע איז אין ערגעץ נישט געווען. זי האָט אָנגעהויבן צו רופן איטעס נאָמען. איר קול איז אַריינגעפאַלן אין דער אַרומיקער ווייסער שטילקייט און איז אין איר דערטרונקען געוואָרן. פּלוצים איז איר בליק געפאַלן אויף שליאַדעס לענגאויס פון סאָד, אין פריש־אָנגעפאַלענעם שניי, דייטלעכע, שוואַרצע שליאַדעס. די קניען זענען ווייך געוואָרן פון זיסן, אומגעריכטן גליק. איטע איז דאָך יאָ געגאַנגען. אירע אויגן זענען מיט־געגאַנגען מיט די שליאַדעס, באַגלייט זיי ביז צום קרייצוועג לעבן טייך. דאַן האָבן זיך די אויגן צעעפנט, שוואַרץ געוואָרן פון ווילדער, חיהשער שרעק. ביים קרייצוועג זענען די שליאַדעס געוואָרן גערדיכט, אָנגעוואָרפן אויף איין אָרט, גלייך דער מענטש, צו וועלכן זיי געהערן וואָלט זיך געישובט, געגאַנגען און זיך ווידער אומגעקערט. פון דאָרט האָבן שוין די שליאַדעס געפירט בלויז אין איין ריכטונג — צום וואַלד. און ערשט איצט האָט זי דערזען איטען. זי איז געגאַנגען גיך, כמעט געלאָפן. דער ווינט האָט צעעפנט אַרום איר די שאַל, ווי שוואַרצע פליגל, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי טראָגן זי אינדערלופטן.

— איטע! איטע!

ביילטשע האָט גערופן מיט דער גאַנצער פאַרצווייפלונג, זי האָט זיך געשטיקט מיט איר אייגן קול, די אָדערן אויפן האַלז האָבן זיך אָנגעצויגן, שיר צעפּלאַצט געוואָרן. אויף איין מינוט האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז איטע דרייט אויס דעם קאָפּ אויף צוריק, הערט זי, בלייבט שטיין...

אָבער באַלד האָט זי אַריינגענומען דעם קאָפּ צווישן די אַקסל און איז פאַרשוואונדן געוואָרן אונטער די ערשטע נאַקעטעביימער פון וואַלד, נאָר אירע שליאַדעס האָבן זיך געשוואַרצט אין דער ווייסער אומענדלעכקייט פון שנייבאַדעקטע פעלדער, ווי צעעפנטע, פאַרשטאַרטע מיילער.

ביילטשעס קניען האָבן זיך איינגעבראָכן אונטער איר. זי איז געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן. דאָס בלוט האָט וואָס אַמאָל מער געפאַרבט דעם שניי אַרום איר.

# מגפה אין דאָרף

I

דער קריג האָט זיך געענדיקט אומגעריכט.

די מענער, וועלכע זענען צוריקגעקומען אַהיים פון דער מלחמה שפּעט חשוון, האָבן אָנגעטראָפן אַרום דעם דאָרף אַ נייעם קראַנץ, אַ קראַנץ פון קברים מיט פאַרשידנשפּראַכיקע אויפשריפטן אויף ברעטלעך און קרייצן, וואָס זענען, דורכגעווייקטע פון די רעגנס, אַראָפּגעשוואומען מיט שוואַרצער און פיאָלעטער פאַרב איבער דעם גראָען האָלץ. און די סאָסנאָווע און בוקאָווע קרייצן האָבן אויסגעטרונקען די נעמען פון די אַלע זין און פאָטערס און ברידער פונקט אַזוי, ווי ס'האָט געטרונקען זייער בלוט די ערד.

די ביימער אין די סעדער, אָפּגעסמאַליעטע פון האַרמאַטן־פייער, האָבן זיך עפּעס ווי פונאַנדערגערוקט, ווי אַ צעפּלאָשעטע סטאַדע שאָף. דאָ און דאָרט האָט זיך געווייסלט מיט זיין ברייטער וואונד דער פּניאַק פון אַן אָפּגעזעגטן בוים.

פון סאָד האָבן מענערישע שטימען געוועקט די פאַרשלאָפענע פענצ־טערלעך פון שטיבער: „העי, קום נאָר אַרויס, ווייב!"

„וואָס איז דאָרט אַזוינס?" האָבן די ווייבערישע שטימען אומגעדולדיק צוריקגערופן. נאָר באַלד זענען זיי דאָך אַרויס אויף די שוועלן.

נישט אין איין סאָד איז געשטאַנען אַ מאַן מיט אַן אָפּגעברענטן רויען פּנים און געגלעט מיט די האַרטע פינגער אַ סטאַרטשענדיקן פּניאַק: „העי, דאָ אויף דעם אָרט איז דאָך געוואַקסן די שטשיטינע, געהאַט פינף מעטער עפּל אַ יאָר, געדענקסט?"

„האָסט געזאָלט זיצן אין דער היים און היטן".

די מענער האָבן געטראָפן די פעלדער שוין פאַרזייעטע מיט ווינטער־תבואה, וועלכע איז אויפגעגאַנגען מיט דינינקע געל־גרינע פעדעמלעך און אינגאַנצן דערמאָנט אָן ראַכיטישע קינדער־פיסלעך. תיכף האָט מען געקענט דערזען, אַז דאָס פעלד איז געוואָרן פלאַך צעאַקערט און שלעכט געבראָ־נעוועט. אין אַ טייל ערטער זענען נאָך איצט געלעגן שווערע, גרויסע גרודעס, מיט וועלכע ס'האָט זיך געראַנגלט דאָס ערשטע, צונויפגעדרייטע גרעזעלע. וואָס דער אמת איז, האָבן די עטלעכע פּאָר פערד, וואָס זענען געבליבן ביי געציילטע באַלעבאַטים, און וועלכע מען האָט געליגן ביי זיי אויף

# רחל ה. קאָרן

# דערציילונגען

אַרויסגעגעבן
פון אַ קאָמיטעט
מאָנטרעאַל
1957 — התשי"ח

## מגפה אין דאָרף

I

דער קריג האָט זיך געענדיקט אומגעריכט.

די מענער, וועלכע זענען צוריקגעקומען אַהיים פון דער מלחמה שפּעט חשוון, האָבן אָנגעטראָפן אַרום דעם דאָרף אַ נייעם קראַנץ, אַ קראַנץ פון קברים מיט פאַרשידנשפּראַכיקע אויפשריפטן אויף ברעטלעך און קרייצן, וואָס זענען, דורכגעווייקטע פון די רעגנס, אַראָפּגעשוואָומען מיט שוואַרצער און פיאָלעטער פאַרב איבער דעם גראָען האָלץ. און די סאָסנאָווע און בוקאָווע קרייצן האָבן אויסגעטרונקען די נעמען פון די אַלע זין און פאָטערס און ברידער פונקט אַזוי, ווי ס'האָט געטרונקען זייער בלוט די ערד.

די ביימער אין די סעדער, אָפּגעסמאַליעטע פון האַרמאַטן־פייער, האָבן זיך עפּעס ווי פונאַנדערגערוקט, ווי אַ צעפּלאָשעטע סטאַדע שאָף. דאָ און דאָרט האָט זיך געוויסלט מיט זיין ברייטער וואונד דער פּניאַק פון אַן אָפּגעזעגטן בוים.

פון סאָד האָבן מענערישע שטימען געוועקט די פאַרשלאָפענע פענצטערלעך פון שטיבער: „העי, קום נאָר אַרויס, ווייב!"

„וואָס איז דאָרט אַזוינס?" האָבן די ווייבערישע שטימען אומגעדולדיק צוריקגערופן. נאָר באַלד זענען זיי דאָך אַרויס אויף די שוועלן.

נישט אין איין סאָד איז געשטאַנען אַ מאַן מיט אַן אָפּגעברענטן רויען פּנים און געגלעט מיט די האַרטע פינגער אַ סטאַרטשענדיקן פּניאַק: „העי, דאָ אויף דעם אָרט איז דאָך געוואַקסן די שטשיטינע, געהאַט פינף מעטער עפּל אַ יאָר, געדענקסט?"

„האָסט געזאָלט זיצן אין דער היים און היטן".

די מענער האָבן געטראָפן די פעלדער שוין פאַרזייעטע מיט ווינטער־תבואה, וועלכע איז אויפגעגאַנגען מיט דינינקע געל־גרינע פּעדעמלעך און אינגאַנצן דערמאָנט אַן ראַכיטישע קינדער־פּיסלעך. תיכף האָט מען געקענט דערזען, אַז דאָס פעלד איז געוואָרן פלאַך צעאַקערט און שלעכט געבראָנעוועט. אין אַ טייל ערטער זענען נאָך איצט געלעגן שווערע, גרויסע גרודעס, מיט וועלכע ס'האָט זיך געראַנגלט דאָס ערשטע, צונויפגעדרייטע גרעזעלע. וואָס דער אמת איז, האָבן די עטלעכע פּאָר פערד, וואָס זענען געבליבן ביי געציילטע באַלעבאַטים, און וועלכע מען האָט געליגן ביי זיי אויף

„אָדראָבעק”, נישט געקענט באַאַרבעטן ס׳פעלד פון גאַנצן דאָרף. און די הענט, וועלכע האָבן געפירט דעם אָקער, זענען געוועזן מערסטנס יינגלשע, זקנישע, אָדער גאָר ווייבערישע.

דאָס פאַרגאַנגענע יאָר איז אויך נישט געוועזן איבעריק מיט גערעטעניש געבענטשט. די תבואה איז אויסגעוואַקסן אַ קרענקלעכע מיט קליינטשיקע, האַלב-ליידיקע זאַנגען, פאַרטויבט פון די הויכע באָדיאַקעס און ווייסן רומאַנעק, וואָס זענען זיך צעוואַקסן אויף פעלדער געמיסטיקטע, אַנשטאָט מיט קנאָכנמעל — מיט איזן, גראַנאַטן און פאַרזשאַווערטע קאָנסערוון־פּושקעס.

די מענער, וואָס האָבן זיך אין דער מלחמה אָפּגעוויינט פון היימישער אַרבעט, פלעגן ליגן גאַנצע טעג מיט די בייכער אַרויף און געלאָזט זיך אָאוּווירן פון די ווייבער. כמעט איעדע שטוב האָט געמוזט אַ גאַנצן לאַנגן ווינטער האָדעווען אַ מענטש, וועלכער האָט זומער־צייט נישט צוגעהאָלפן מיט דער אַרבעט פון זיינע הענט אָנצוגרייטן שפּייז פאַר דער שלעכטער צייט.

און אַז די ערשטע ברוינע, קלעפּיקע פּענקעס אויף דיביימער האָבן אָנגעהויבן אָוועקצושטאָרן פון די צווייגלעך, ווי אויערן, וואָס האָרכן זיך איין אין קומענדיקן פרילינג, איז שוין דער הונגער געשטאַנען כמעט ביי איעדער טיר. די מענטשן האָבן נישט געקענט זאָט ווערן פון ברויט, וואָס איז העלפט אויף העלפט פאַרמישט געוועזן מיט וויקע, און די בהמות אין שטאָל האָבן אַ גאַנצן טאָג געשלעפּט און געשלעפּט דאָס שטרוי פון אונטער די פיס.

אין די פאַרשאָטנטע, טיפערע טאָלן איז נאָך געלעגן דער שניי, ווי ברודיק־געלער לישיי. די רידן פון די חשוונצייט אויפגעאַקערטע סקיבעס האָבן זיך געבערגלט מיט טיפער וואַסער־דורכגעווייקטער שוואַרצקייט. פון די אַרומיקע בערגלעך און וועלדער זענען געפלאָסן די טאַיענדיקע שנייען מיט מוטנע וואַסער און זיך אַריינגעגאָסן אינם טאָל פון דאָרף. זענען אין די סעדער געשטאַנען ברייט־צעגאָסענע לוזשעס, און דער וועג איז געוואָרן איין באַיאָרע, אין וועלכער ס׳זענען איינגעזונקען די פערד ביז צו די בייכער. קיינער האָט נישט איינגעשטעלט אַרויסצופאָרן איבער די גרענעצן פון דאָרף, און נאָר פעדקע דער רייכער באַלעבאָס, וועלכער האָט געהאַט אַ פּאָר אייגענע פערד, האָט זיך בעלאָזט פאָרן אין דער נאָענטער שטאָט פאַרקויפן דאָס חזיר און איינהאַנדלען פאַר דעם געלט מעל, רייז און זאַלץ.

דאָס ווייב האָט אים אויסגעקוקט ביז שפּעט אין אָונט. נאָר אַז די אַרומיקע שטיבלעך האָבן פּאַמעלעך איינס נאָכ׳ן צווייטן פאַרצויגן די שייבלעך מיט דער בעלמע פון שלאָף און צוגעפאַלן צו דער פינצטערניש, ווי הינער צו די באַנטעס, האָט האַנקע אַריינגעדרייט טיפער דעם קנויט. עס זאָל זיך



אויסלייכטן וואָס ווייניקער נאָפט, און מיט אָפענע אויערן געטרונקען יעדן מינדסטן שאָרך. נאָר די קייטן פון וואָגן האָבן נישט אָנגעקלונגען אין איר אומרואיקייט מיט פריידיקער באַגעגעניש און נישט הימלעכער געמאַכט די שווערע לופט איבער דער פאָדווירע. אפשר איז עס שוין געוועזן האַלבע נאַכט, אפשר בלויז איר ערשטע העלפט, ווען האַנקע האָט זיך פלוצים אויפגעכאַפּט און אויסגעריבן דעם שלאָף פון די אויגן. אַ קינד האָט זיך אומרואיק אַ וואָרף געטון אויף דעם אויוון און אַרויסגעוויינט פון שלאָף. דאָס קליינע לעמפּל, וואָס איז געהאָנגען צוגעקלעפּט צו דער וואַנט, ווי אַ גרויסע פעטע שפּין, האָט אַראָפּגעלאָזט איבער די טונקעלע ווענט דאָס שפּינוועבס פון דינע פּעדעמלעך ליכט.

עס האָבן זיך דערהערט טשלאַפּנדיקע שריט, וואָס זענען צוגעקומען אַלץ נעענטער. האַנקע האָט זיך געשטעלט ביים פענצטער און פון דער זייט געקוקט אין דער פינצטערקייט. פון די טשלאָפּנדיקע שריט איז אויסגע־וואַקסן אַ שווערע, מאָסיקע געשטאַלט. דער הונט האָט אַ ווילדן שפּרונג געטון און מיט שמחה געדראַפּעט די שטיוול. דעמאָלט האָט האַנקעס האַנט, טאַפּנדיק די טיר, אויפגעמאַכט דעם הילצערנעם ריגל. גלייך אין די נאָזלעכער האָט עס אַ זעץ געטון מיט שרפה. פון איר מאַנס הענט און מלבושים איז געקומען דער ריח. ביים שיין פון קליינעם לעמפּל איז זי אָזש געוואָרן בלאַס, דערזעענדיג דעם חיהש־ווילדן בליק פון מאַנס אויגן. „און וואו איז דער וואָגן מיט די פּערד ?”, דער מאַן האָט נישט געענטפערט.

„אפשר צוגעגנבעט ?” האָט זי זיך צעוויינט אויף אַ קול. „האָסט זיי אוודאי פאַרשיכורט מיט דיינע קאָמפּאַנען ערגעץ אין אַ שענק. מיין שווערע פּראַצע. און דאָס חזיר, וואָס כ׳האָב געכאָוועט און געפּלעקעט אַ גאַנץ יאָר, וואו האָסטו עס היינגעטון ?”

ווי אַ גאָלמעסער האָבן דעם מאַנס ווערטער איבערגעשניטן איר געוויין אינמיטן: „גיי רוף דיין ברודער און זאָל ער מיטנעמען דעם לאָמטערן. געדענק”.

איר גאַנצער כעס האָט זיך פלוצים פאַרוואַנדלט אין בעטנדיקער הכנעה: „איך בעט דיך, זאָג מיר דעם גאַנצן אמת”.

„אין די „קערניטשקעס” שטייען די פערד מיטן וואָגן, נישט געווען פון אָרט צו רירען. כ׳האָב פריער געפּרוואווט מיט גוטן, געצמאָקעט, געגלעט, שפּעטער געשלאָגן, צעבראָכן די בייטש, ס׳האָט נישט געהאָלפן. דאָס ליים האָט געהאַלטן מיט שדישע צוואַנגען. און אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָב איך געקלערט: וועסט דאָך נישט נעכטיקן אין בלאָטע מיט פערד און וואָגן — האָב איך אָנגעהויבן צו ברענגען ס׳שטרוי פון די געזעסן אונטער

די פערדס בייכער. ווי ווילדע זענען זיי געשפּרונגען, נאָר באַלד צוריק אריינגעפאַלן, ביז דער קאַרער האָט מיטאַמאָל אַזאַ ווילדן שפּרונג געטון אַן אַ זייט, אַזש דער וואָגן האָט זיך צעטראָסקעט אויף צוויי העלפטן, און דער גניאַדער האָט באַקומען אַזאַ זעץ מיטן דישעל אין די ריפּן, אַז ער איז געבליבן ליגן אויף איין זייט און מען מוז אים איצט אַרויסשלעפּן".

דאָס ווייב האָט זיך צעווייגט: „העי, די קערניטשקעס, דער פאַרשאָלטענער אָרט פון די זיבן פאַרשיטע קוואַלן. דעם וואַסער צוגענומען זיין פרייעם וועג, און דאָס וואַסער האָט זיך נישט וואו אהינצוטון, גריזשעט עס אונטער די ערד און מוז אַרויס".

פאַרטאָג האָבן פעדקע און זיין שוואָגער געברענגט אַהיים אויף זייערע פּלייצעס שטיקער פון צעשעדיקטן וואָגן און די האַלב אויסגעשיטע זעקלעך מיט שפּייז. די פערד זענען זיי נאָכגעגאַנגען איינציקווייז, איינס פון זיי הינקענדיק, אויף דער שמאָלער סטעזשקע צווישן די פאַרזייטע פעלדער און פון צייט צו צייט געפּרואווט מיט די ציין די ווייכקייט פון יונגן קאָרן.

דאָס דאָרף, אַ פאַרחתמעטס מיט נישט דערגרונטעוועטע בלאָטעס, איז געבליבן אַן אַ זייט פון ברייטן טראַקט פון דער איבעריקער וועלט. דער וועג, וועלכער איז תמיד געלאָפן אין דער ווייטקייט, איז דערשטיקט געוואָרן אין די צעגאָסענע, זומפּיקע לוזשעס.

בלויז איין מאָל אין דער וואָך האָט דער „הויף" געשיקט מיט פעלדער אָרום און אָרום אַ שייגעץ אויף אַ פערד ברענגען פון דער שטאָט „די פּאָטשטע" און פלייש.

די פּלוגעס זענען שוין געשטאַנען אָנגעגרייט אונטער די שייערן. מען האָט געדרייט לייצן פון פלאַקס, געשמידט די וואָגנס, געזוכט סתם אַן אַרבעט פאַר די אומרואיקע הענט. דאָס ברוינלעך־אויסגעווייקטע גראָז האָט נאָך אַלץ באַדעקט די פעלדער. אַ קאַלטער ווינט האָט געיאָגט פון צפון און מזרח. ווי שווערע קי פון דער פּאַשע זענען געגאַנגען גראָע כמאַרעס איבער דעם דאָרף. דער רעגן האָט צעווייקט דאָס לעצטע ביסל שניי און אָפּגעשווענקט די ערד פון די קוים פאַרשיטע קברים. האָבן זיך די קברים אויפגעמאַכט, ווי שלעכט פאַרהיילטע וואונדן און מיטן אייטער פון מגפה פאַרגאָסן דעם טאָל פון דאָרף, פאַרסמט איעדעס שטיקל ברויט, איעדן שלינג וואַסער פון די קערניצעס.

## II

דער ערשטער איז קראַנק געוואָרן דער אַלטער יאָקים. זיין ווייב, וועלכע עס האָט צעשפּאַרט דאָס יונגע בלוט און דער פרילינג, איז אַרומגעלאָפן ווי



אַ צויג און זיך נישט אומגעקוקט אויף דעם אַלטן. די באַלעבאָטישע זין האָבן זיך אַפילו געשעמט צו ווייזן מיט איר בייטאָג. נאָר אין די נעכט האָט אַ פייפעריי געשניטן די לופט איבער דעם דאָך פון יאָקימס הויז און זיך אריינגעשניטן אין מאַגדאַס בלוט.

און יאָקים איז געלעגן אין שטוב איינער אַליין מיט אַן איינגעפאַלענעם בויך, אויף וועלכן ס'האָט זיך געפאַלדעוועט די אויסגעצויגן־שלאַפע געלע הויט; פון צייט צו צייט האָט ער זיך אָנגעבויגן איבער דעם בעט־ראַנד און פון מויל האָט זיך אים אַ גאָס געטון אויף דער ערד אַ גרינלעכע פליסיקייט. אַ העליש פייער האָט געברענט אין די געדערים, זיין קול האָט געכאַרטשעט: „מאַגדאַ, כ'וועל אָראָפּנעמען דעם רימען פון דער וואַנט, מאַגדאַ, הערסט? וואַסער דערלאַנג, דו זאַוואָלאָקע איינע. — ס'ברענט, וואו איז דאָס וואַסער, האַ?"

ער איז געלעגן שטיל עטלעכע מינוט מיט אַרויסגעבאָלושעטע אויגן, איבער וועלכע ס'זענען געפלאָסן שמאָלע ריטשקעלעך שוויס, און באַלד אָנגעהויבן אויפסניי. „ווילסט כ'זאָל שטאַרבן? געדענק, כ'וועל דיר נישט איבערלאָזן קיין פּיצל פעלד, קיין איין סקיבע. אומזיסט געלעבט מיט אַן אַלטן פיר יאָר, אומזיסט אים געוואָרעמט אין די קאַלטע נעכט. הערסט? מאַגדאַ, מאַגדאַ!"

באַלד האָט ער אָנגעהויבן שטיל צו בעטן, ווי אַ קליין הינטל, ווען מען פאַרשפּאַרט עס אַליין אין אַ שטוב: „איך וועל דיר גאָרנישט טון, גאָרנישט, אַנו פּרואוו און קום, קום און גיב אַ שלינג וואַסער — מאַגדוניאַ..."

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן. פון סטאָדאָלע האָט זיך געהערט אַ צוגעדושעט געלעכטער פון אַ פרוי: „וואָס קלערסטו דיר, כ'בין אַזאַ איינע? לאָז!"

און דאַן אַ האַרטער קלאַפּ פון אַ פאַלנדיקן מענטשלעכן קערפּער, אַזש די ערד פון דער באַיסקע האָט זיך אָפּגערופן: „מיינסט, כ'בין יאָקים, מיט מיר ווילסטו דיך רייצן?"

טיילמאָל איז די קו געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אין שטאָל אַ נישט אָנגעפּאַיעטע און נישט אויסגעמאָלקענע און געריטשעט. יאָקים איז געלעגן און געהערט דורך דער וואַנט דאָס יאָמערלעכע געקלאָג. דאָס ריטשען האָט לכתחילה מיט אַ היימישן קלאַנג, אַ קלאַנג פון דער דרויסנדיקער, לעבעדיקער וועלט, היימלעכער געמאַכט די, מיט פיבערדיקע חלומות אָנגעגליטע, שטילקייט. — אָט ערשט פאַראַיאָרן האָט ער זי געקויפט ביים אַלטן שוואָב. אַ טייערע מאַמע אָט די „ליסע", פאַרלאָזט זיך בלויז אויף אַ דריי, פיר וואָכן. און באַלד דאַרף זי זיין מיטן קעלבל, יאָ, לאָ'מען רעכענען! —

ער האָט אָנגעהויבן צו רעכענען אויף די פינגער, פון וועלכע ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּצושיילן די האַרטע, פאַרדאַרטע הויט, נאָר בשום אופן נישט געקענט דערגיין די צייט. די אָפּגעשוואָכטע פינגער האָבן זיך איינגעבראָכן אין די קנעכלעך, און די געדאַנקען זענען פּלוצים געבליבן שטיין אין מיטן וועג.

דאָס ריטשען איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער, געצויגן זיך וואָס אַמאָל ווייטער, ביז ס'איז געבליבן ליגן אין יאָקימס אויערן און זיך איינגע־עקבערט אין מוח. יאָקים האָט נישט געקענט רואיק איינליגן. — מען וואָלט געדאַרפט פון אַזאַ באַלעבאָסטע, וואָס ווייסט נישט ווי אַזוי צו שאַנעווען אַן אייגענע קו, און לאָזט זי ריטשען פון הונגער, אָפּשינדן די הויט. —

ער האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט און מיט די ציטערדיקע הענט אַרויפגעשלעפּט אויף זיינע פאַרגעלטע קאַלטע פיס די פון לאַנגן שטיין פאַרהאַרטעוועטע שטיוול.

טאַפּנדיק די ווענט, האָט ער זיך דערשלעפּט צו דער שטאַל. די קו האָט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ מיט די גרויסע, טרויעריקע אויגן און געבליבן שטיין רואיק אין דערוואַרטונג. פון אַ ווינקל האָט יאָקים גענומען אַ בינטל האָבערן שטרוי און עס אַריינגעוואָרפן דער קו אונטער דער לייטער. דאַן האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין זשלויב און צוגעקוקט אַ גליקלעכער, ווי די קו עסט, שלעפּט פאַמעלעך די גלעט, דינע פּאַסמעס שטרוי, וואָס הענגען איר נאָך פון בײדע זייטן מויל. פון דער שאַרפער מיסט־פּאַרע און דער מילדער קו־וואַרעמקייט, וואָס האָבן אים אַ זעץ געטאָן אין די נאָזלעכער, האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ. וועלנדיק אויפשטיין, איז ער צוריקגעפאַלן און שוין אַזוי געבליבן זיצן אין זשלויב מיט נאָכהענגענדיקע פיס.

ערגעץ האָט זיך אַ הונט געריסן אויף אַ קייט. דאָס בילן איז געקומען צו יאָקימען, ווי דורך צען טויבע ווענט. הינער האָבן גייגעריק און מיט חשד אַריינגעקוקט דורך דער שטאַל־טיר, אויסגעצויגן די העלזער און שפּעטער מיט וואָזשנע, זיכערע שריט צוגעקומען נאָענט צום זשלויב.

יאָקים האָט אַ קורצן, ווי פאַרחידושטן שריי געטאָן און כאַרטשענדיק אָנגעכאַפּט זיך מיט בײדע הענט אָן דעם האַלז פון דער קו. עס האָט אָבער נישט געדויערט קיין פופצן מינוט, ווען זיינע הענט האָבן זיך צעעפנט אָנמעכטיק און אַראָפּגעגליטשט פון איר.

דעם צווייטן טאָג האָט מען געפונען יאָקימען אויף דער ערד לעבן דער קו אַ פאַרדריסקעטן מיט מיסט, די פינגער צונויפגעקלעפּטע מיט קו־אישע האָר.



מען האָט אים אָפּגעוואַשן, אָנגעטאָן אַ קלאָר העמד און געלייגט אויף דעם באַמאַלטן קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען ביים פענצטער און געווען גלייכצייטיק אַ טיש און אַ באַהעלטעניש פאַר אָנגעטועכץ און ברויט.

דעם גלח האָט מען נישט געקאָנט ברענגען צו פירן פון דריטן דאָרף. איז פאַראויסגעגאַנגען פאַר דער טרומנע דער דיאַק, און נאָך זיינע שטיוול האָבן זיך מיטגעריסן גאַנצע פלעצער לייטיקע ערד.

III

מיט צוויי טעג שפּעטער איז קראַנק געוואָרן ביי פּאַוולען אַ קינד און באַלד איז שוין געלעגן די גאַנצע שטוב.

די מענטשן האָבן זיך דערשראָקן — נישט אַנדערש עס מוז זיין די כאָלערע.

מען האָט אָנגעהאָנגען די קינדער אויף שנירן אָנגעציליעטן קנאָבל, זענען די שנירלעך אַראָפּגעהאָנגען ביז צו די האַרטע, אָוועקשטייענדיקע בייכלעך און געבאַמבלט זיך ביים שפּילן. מענער האָבן געברענגט צו טראָגן אונטער די קאַפּטאָנעס פלעשער מיט „סאַסנואווקע"*), געטרונקען און פאַרביסן מיט ציבעלעס איינגעטונקענע אין זאַלץ.

די שכנים האָבן אויסגעמיטן פּאַוועלס שטוב. אינעווייניק האָבן פאַר־ברענטע ליפּן געשריגן נאָך אַ טראָפּן וואַסער. אויף דעם אויוון, אויף אַ בינט שטרוי, אויף דעם בעט האָבן זיך געוואַלגערט זעקס מענטשן, אויס־געמאַטערטע פון פיבער און דאָרשט, און ווי משוגענע געריסן ס'איי־גענע לייב.

ביי יאָקימס אַ שכן זענען געשטאָרבן אין איין טאָג דאָס ווייב מיט צוויי קינדער. און באַלד האָט מען זיך שוין יעדן אינדערפרי דערציילט שטיל ביי די קערניצעס מיט בלאַס־בלאָע, דערשראָקענע ליפּן: „האָט איר שוין געהערט, ביי מאַטוועי קאָסטעצקי?"

„און ביי מאַרצין סאַדאָווי?"

„און פאַראַנקען די אלמנה זעט מען שוין נישט דעם דריטן טאָג גאָך וואַסער גיין."

„די סטאָליאַרעס האָבן דאָס אַ גוט יאָר. אַ גאַנצן טאָג העבלעוועט מען ברעטער."

---

*) דענאַטורירטער ברענשפּירט, וועלכן די פּויערים טרינקען מחמת ביליקייט אָנשטאָט דעם טייערן בראָנפן.

אַ זשאַנדאַר, וואָס איז געקומען אין דאָרף אַריין, האָט געלאָזט רופן צום שופט די רייכסטע באַלעבאַטים און זיי געהייסן שפּאַנען פערד און וואָגן, כדי אַראָפּצוברענגען אַ דאָקטאָר. האָבן זיי געצויגן די אַקסלען ביז צו די אויערן: ווער וועט דאָס גיין הרגענען פערד אין אַזעלכע בלאָטעס?"

„אָבער די מענטשן פאַלן דאָך ווי פליגן", האָט געטענהט דער זשאַנדאַר. מ'וועט נאָך די קרענק פאַרשלעפּן איין גאָט ווייסט וואוהין."

„און איר מיינט, פּאַניע וואָכמיסטוש, אַז אַ דאָקטאָר וועט העלפן? ס'וועט זיך אויסהוליען די מגפה, אויסהוליען, גענוג, ווען עס איז באַשערט, און אַוועקגיין, פון וואַנען זי איז געקומען."

„סיי־ווי נישטאָ וואָס צו עסן, אין בעט וועט זיין לייכטער איבער־צוקומען דעם הונגער."

דער זשאַנדאַר האָט געשראָקן מיט שטראָף. — גוט, זיי וועלן צאָלן און נישט הרגענען אומזיסט קיין בהמה. עס איז נישט געווען אויסצוקומען מיט זיי.

„אפשר מאָרגן אָדער איבערמאָרגן?" — האָט זיך דער זשאַנדאַר געאיילט אַריבערצוקומען וואָס גיכער דאָס אַלץ און אַוועקצוגיין פון דאַנען אין אַן אַנדער דאָרף.

„ווער קאָן דען דאָס וויסן?" — האָט זיך אָנגערופן אילקע, דער אונטערשופט. „די זון בריט שוין גוט זייט אַ פּאָר טעג, ס'טריקנט צו פּאַוואָליע פון אויבן, מען דאַרף נאָר אַ גוט ווינטל, ס'איז דאָך היינט נישט אָקטאָבער."

דער זשאַנדאַר האָט געשיקט צוויי שקצים אין „גראָמאַדסקע" וואַלד. אויף די דרענגלעך, וואָס זיי האָבן געברענגט, האָט דער זשאַנדאַר געהייסן צובינדן צו די סאַמע שפּיצן שטרויענע וויעכטשעס און אויפשטעלן ביי דער טיר פון איעדער שטוב, וואו ס'ליגט אַ קראַנקער, אַזאַ דרענגל, פאַר אַ סימן, אַז דאָס הויז זאָל מען וייכן. פאַרבייגייענדיק לעבן אַזאַ שטוב, האָבן מענטשן געמאַכט אַ גרויס ראָד אַרום. נאָר דער „הראַבאַר"*) איז אַרומגע־געגאַנגען איבער דעם גאַנצן דאָרף אַן אָנגעשיכורטער און געזונגען פאַר יעדער שטוב, וואו ר'איז געבליבן שטיין.

הערינקעס עלטסטע טאָכטער, האַלקע, וועלכע איז געבליבן אַלס לעצטע פון די איבעריקע שטוב־מענטשן און אַפּגעלעגן איינע אַליין אין דער גרויסער פאַריתומטער שטוב אוודאי אַ דריי מעת־לעת, האָט זיך אין אַ פאַרנאַכט אַרויסגעריסן אין דרויסן און מיט אַן אַנגעצונדענעם לאָמטערן אַרומגעטאַנצט איבער דער קופּע פאַרפוילט שטרוי לעבן דער סטאָדאָלע.

*) דער באַגרעבער.



זי האָט געדרייט דעם לאָמטערן, געפאָכעט מיט אים אינדערלופטן און זיך מיטגעדרייט אין אַ ווילדן טאַנץ.

די מענטשן, וועלכע זענען זיך צונויפגעלאָפן פון אַלע זייטן, האָבן זיך אָנגעהויבן צלמען גיך־גיך, גלייך די שרעק אַליין וואָלט נאָכגעיאָגט נאָך זייערע דערשראָקענע פינגער. פאַר זייערע אויגן האָט זיך דער מיידלשער פיבער־אָנגעצונדענער קערפּער צונויפגעגאָסן מיטן ברענענדיקן לאָמטערן אין איין צעפלאַמט ראָד, וואָס יאָגט אין אין־סוף אַריין. אָט־אָט וועט דער לאָמטערן אַרויספאַלן פון איר האַנט און אונטערצינדן דאָס אויסגעטריקנטע שטרוי, וואָס וואַלגערט זיך דאָ, און אַ האַלב דאָרף קאָן אַוועקגיין מיטן רויך. פונדעסטוועגן האָט זיך קיינער נישט גערירט פון אָרט. די שרעק האָט שווער געמאַכט די מענטשלעכע פיס, ווי דעמבענע קלעצער.

פּלוצים האָט האַלקע אַ שליידער געטון דעם לאָמטערן ווייט פון זיך. ער איז געפלויגן איבער דער פאָדווירע און אַראָפּגעפאַלן אויף דעם מיסט לעבן דער שטאַל. דער קנויט האָט געסיטשעט, ווי אַ שלאַנג, איידער ער איז דערשטיקט געוואָרן אין דער גנאָיאָווקע. האַלקעס צעפלאַמט פּנים איז געוואָרן בלאַס, ווי אַן אויסגעבלייכט שטיק לייוונט, די אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט, און פּאַוואָליע אויסשטרעקנדיק בידע פיס — איז זי געפאַלן אויף דער פריזבע לעבן דער געגרוזידזעטער סטאָדאָלע־וואַנט און שוין אַזוי געבליבן ליגן.

מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, שעמענדיק זיך איינער פאַר דעם צווייטן, זענען זיך די מענטשן פונאַנדערגעגאַנגען, יעדער צו זיך אַהיים, נישט אומקוקנדיק זיך אַפילו.

## IV

יאַנקלס קליין מיידעלע איז אַריינגעלאָפן אין שטוב מיט אַ געוואַלד: „מאַמע, מאַמע, האַלקע הערינקעס טאַנצט אויף דער פאָדווירע, טאַנצט אַ—ז—אוי!"

יאַנקל האָט עפּעס נישט געקאָנט גלויבן: „גיי, גיי, דו נאַריש קינד, וואָס עפּעס אַ כאָלערע אין מיטן דרינגען?"

ער האָט די קינדער אַרויפגעטריבן אויף דעם אויוון שלאָפן, נאָר אַליין איז ער דאָך געגאַנגען אַ קוק טאָן, וואָס עס הערט זיך אויף דער וועלט. אונטערשפּאַרנדיק זיך מיטן שטעקן, איז ער אַריבערגעשפּרונגען די באַיאַרעס, זוכנדיק אין דער צעווירענער בלאָטע אַ קיילעכדיק, האַרט פלעצל, אויסגעבאַקן מיט דער וואַרעמקייט פון מענטשלעכע, באָרוועסע פיס. נאָר דער שפּריז פון יאַנקלס קורצע, דינע פיס האָט זיך נישט

געקאָנט פאַרמעסטן מיט די ברייטע, גויישע שריט. ער האָט זיך אַ צעוויג געטאָן, פאַרויסגעשטעלט דעם לאַנגן שטעקן און — היץ. נאָר תמיד איז ביי אים איין פוס געבליבן הינטערשטעליק, איינגעזונקען אין בלאָטע.

די ליכטיקע פרילינגס־נאַכט האָט אַריבערגעפירט איבער דעם צעפּאָל־דעוועטן, גראָען הימל גאַנצע סטאַדעס שעפּסן־ווייסע כמאַרעס, געפירט און צוגעפירט צו דעם קרומען לבנה־סערפּ, ביז זיין קאַלטע, שטאָלענע שאַרף האָט זיך איינגעטונקען אין דער ווייסער וואָל, געשניטן און זי אַראָפּגעוואָרפן קנוילנווייז אין די מוטנע קאַלוזשעס, איבער וועלכע ס'איז פון צייט צו צייט געפאַלן דער קרומער שאָטן פון יאַנקלס קליינער געשטאַלט.

און אָט דאָס צווייטע געסל מיטן פאַרגרוידזעטן פּלויט פירט צו הרינקעס שטוב. דער שטעקן טאַפּט, זוכט מיט דעם געקאָוועטן פּיסל די שטיינער, וועלכע ער געדענקט נאָך פון פריער. און אַז עס געלינגט אים אָנצוטרעפן עפּעס האַרטס אונטער דער ווייכער בלאָטע, ווערן יאַנקלס ליפּן דער רעגנבויגן, וואָס צעפירט דעם שמייכל פון צופרידנקייט אויף דעם גאַנצן פּנים, פון אויער צו אויער.

דערזעענדיק פאַר זיך אומגעריכט דאָס דרענגל מיטן וויעכעטש, האָבן זיינע אויגן אַ פלאַטער געטון, ווי דערשראָקענע וואָראָבליעס, ווען ס'באַוויזט זיך פאַר זיי פּלוצים אין אַ ווייצן־פעלד אַ שמאַטענע סטראַשידלע. און יאַנקל איז שוין אַזוי געבליבן שטיין אויף איין אָרט, גלייך זיינע פיס וואָלטן געפּרוווט צונויפצוּוואַקסן זיך מיט דער ערד. פון דעם דרענגל האָבן זיך יאַנקלס אויגן פּאַוואָליע אַראָפּגעלאָזט צו האַלקעס קערפּער, וועלכער איז נאָך אַלץ געלעגן אויף דער פּריזבע, ווי אַ פאַרלוירענער סנאָפּ.

ער האָט זיך פאַרחידושט — אָט דאָס איז זי דאָך טאַקע, האַלקע, די יונגע און שיינע. ווי אַזוי זי פלעגט דאָס קלינגען איבערן גאַנצן דאָרף מיט אירע צען שנירלעך קרעלן און מיט איר געזונטן לאַכן! און נישט איין מאָל האָט זי אויסגעלאַכט דעם קליינעם יאַנקל, נאָכגעקרימט זיין דרעפּ־טשענדיק גענגל און די שקצים זענען זיך אַזש פאַרגאַנגען פון געלעכטער, געקלאַפּט מיט די הענט אויף זייערע האַרטע קניען, אַז עס האָט אָפּגעהילכט, גלייך מען וואָלט וועש געוואַשן מיט פּראַלניקעס. און נישט איין מאָל האָט זי אויך געברענגט אונטער איר שאַרץ אַ קריגל מילך, אַ שטיקל קעז, אַ פריש־אָפּגעבאַקענעם בולבעניק, אַנידערגעשטעלט עס אויף דער באַנק לעבן דער טיר: „פּרימקאַ, דאָס וועט זיין פאַר די קינדערלעך“, און זיך גיך אַרויסגערוקט פון שטוב.

די גאַנצע שלימזלדיקע אומבאַהאָלפנקייט פון אַן אָרעמאַנס לעבן האָט פּלוצים אַ זעץ געטון אין זיין האַרץ מיט אַ הייסער כוואַליע פון ליבשאַפט



צו אָט דעם פאַרלאָזטן נפש. ער האָט שוין נישט געקאָנט אַוועקגיין. ער האָט אָנגענומען האַלקען ביים אָרבל: „שטיי שוין אויף. די ערד איז נאָך קאַלט, וועסט כאַפּן אַ דראָזש“. נאָר האַלקע האָט זיך נישט גערירט. געבליבן ליגן ווי פריער. יאַנקל האָט אָנגעהויבן אַרומצוגיין מיט דראָבנע שריט, מאַכנדיק אַרום איר אַ ראָד, ווי אַ שוואַרצע מוראַשקע, ווען זי טרעפט אויף איר וועג אַ גרויסע, טויטע פליג; עס איז איר אַ שאָד איבער־צולאָזן, און זי האָט נישט קיין כוח זי אַליין צו דערשלעפּן אין איר נעסט.

אָבער איינע אַליין אויף אַ גאַנצער נאַכט אינדרויסן קאָן זי דאָך פאָרט נישט בלייבן. האָט ער די קלײנע דינע אָרעמס אונטערגעלייגט אונטער האַלקעס פּלייצע, און מער שלעפּנדיק, ווי טראָגנדיק, אַריינגעברענגט זי אין איר פּוסטער, טונקעלער שטוב. האַלקעס האַלב־צוגעמאַכטע אויגן האָבן זיך צעעפנט און געקוקט, ווי צוויי גלעזערנע קנעפּלעך.

V

דער פרימאָרגן האָט אויסגעוואַשן מיט בלאָקייט די מענטשלעכע פאַרשלאָפענע אויגן. פון די סעדער, פון דער בלאָניע האָט זיך געטראָגן דאָס צעצויגענע לידל פון די יונגע שיקסלעך: „אוי דאַנאָזש מאָיאַ דאַנאַ, דאַ, דאַ־אַ־אַ־נאַ!“

מען האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגעטריבן די בהמות אויף פרישער פּאַשע. די קי האָבן מיט די ציין געפּליקט דאָס גראָז גיך־גיך, גלייך זיי וואָלטן אַריין אין אַ שאָדן, און ס'לויפט זיי נאָך דער פּאַסטעך מיט אַ בייטש. נאָר די אַלטע, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין ציין צום ערשטן, נידעריקן גראָז, האָבן זיך באַלעקט מיט די האַרטע צונגען און מיט אויפגעהויבענע קעפּ געריטשעט צום הימל: ממ—ו—ו...

אויף די האַרטע סטעזשקעס, וואָס האָבן איינגעפּאַסט דעם צעוירענעם וועג פון ביידע זייטן, ווי העל־גראָע אויספּאַלירטע שינעס, האָט זיך געהערט דאָס דאָפּטשען פון גיכע שריט, וואָס האָבן זיך געאיילט אין פעלד אַריין.

דער ברייטער וועג האָט אויך אָנגעהויבן צוצוטריקענען, די בלאָטעס זענען געוואָרן געדיכט און זיך איבערגעצויגן מיט אַ פאַרשטאַרטער הויט. אין די טיפערע באַיאָרעס האָט מען אָנגעוואָרפן גאַנצע בונטן פרישן כרויסט, כדי מען זאָל קאָנען אַריבערפאָרן. מיטן קלאַנג פון ערשטן אַרויספאָרנדיקן אַקעראייזן האָט זיך ס'גאַנצע דאָרף אויפגעוועקט צו אַ ניי לעבן. מען האָט געוואוסט גאַנץ באַשטימט: א י צ ט מ ו ז די מגפה ברעכן דעם קאָפּ.

און טאַקע, די מגפה האָט זיך אָנגעהויבן לעשן. דאָ און דאָרט האָט עס נאָך אַ פלאַקער געטון, ווי אַ טליענדיקע גלאָווניע אונטער אַש, אָבער די

קלויסטער־גלעקער זענען שוין געהאַנגען רואיק אויף זייערע שטריק, און די דרענגלעך האָט מען איינציקווייז אַרויסגעשלעפּט פון די פּאַדווירעס, אַראָפּגענומען פון זיי די וויעכטשעס און איינגעשורהט זיי מיט אַנדערע, פרישע — אין די בייטן פון די ערשט־וואָס פאַרזעצטע גרויסע פּאָסאַליעס.

און טאַקע אין דעם זעלבן פרילינג־מאָרגן איז צוגעקומען צו יאַנקלען אויף דער פּאַדווירע פרימציע און אונטערגעשטעלט דעם שאָרץ אויף שפּענדלעך.

„גיי, גיב נאָר אַ קוק, יאַנקל, כ׳ווייס עפּעס אַליין נישט, וואָס מיט די קינדער איז געשען — יאָסל מיטביילציען ווילן נישט אויפשטיין, נישט אָפּווייסצורייסן זיי פון געלעגער״.

דאָס דראָבנע, ווייבערישע ציופּען פון יאַנקלס האַק, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דעם קיל־האַרבן פרילינג־מאָרגן, ווי דאָס בילן פון אַ קליין הינטל, איז מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן.

יאַנקל איז אַריין אין שטוב. די לונגען, פול מיט דעם האַרבן שמעקנדיקן פרימאָרגן, האָבן זיך צונויפגעצויגן אין דעם קליינעם, דושנעם שטיבל, אין וועלכן דאָס פענצטערל איז שוין געזעסן כמעט אויף דער ערד. ער האָט צוגעלייגט די האַנט צו די קעפּלעך פון די קינדער, פריער צום עלטערן, וואָס איז געלעגן אויף דעם אויוון, און שפּעטער צום ייִנגערן, אויף דעם בעט. און זיינע פינגער זענען שוין אַזוי געבליבן אויסגעצויגן, פאַרשטאַרטע פון אומהיימלעכער שרעק, נישט געקאָנט זיך רירן, ווי דאָס פינף־פינגערדיקע בלאַט פון אַ קאַשטאַנבוים, ווען ס׳פאַלט אַראָפּ און ווערט צוגעפרוירן צו דער ערד מיטן ערשטן פראָסט. דאָס ווייב איז צוגעקומען און געקוקט אויף אים מיט ,וואַרטנדיקע אויגן.

„מאַך אַ קאָמפּרעס פון עסיק מיט וואַסער, און ווייטער זאָל העלפן דער אויבערשטער״, האָט זיך זיין קול שווערלעך דורכגעשלאָגן דורך דעם צונויפגעצויגענעם האַלדז.

ער האָט גענומען אַרומדעקן די קינדער מיט די צעריסענע דעקעס, אַראָפּגעשלעפּט פון זיין בעט דאָס שווערע איבערבעט און איינגעטוליעט די צעהיצטע קערפּערלעך.

יאַנקל האָט מיט שולדיקע אויגן געזוכט עפּעס אַן אָרט, וואו זיך צו באַהאַלטן פאַר די קינדערישע אויגן — נישט אַנדערש, זיי זוייסן, אַז ער איז אין יענעם אומגליק שולדיק איז עם. און עבערו אין גלעזן געווען ד אָ ר ט.

ער האָט אַ וויש געטאָן די שויב מיטן אַרבל, גלייך ס׳וואָלט אים פאַרשטעלט דעם בליק אַ גראָע געדיכטע פּאַרע.

און איבער דעם וועג, וועלכער לויפט פאַרביי זיין פענצטער, האָט אַ טאָרקע געטון יאַנקלס האַרץ. אויף די סקריפּענדיקע רעדער פון בטחון איז עס



געלאָפן העט ווייט, ווייט אַוועק פון אים, אַזש ביז צום סאַמע הימל, און ווי פון אַ לעכערדיקן וואָגן אויסגעשאָקלט האַרטע, פאַרגרעבטע תפילה־ווערטער.

און ווען יאַנקל האָט זיך אויסגעדרייט פון פענצטער נאָך אַ לאַנגער, לאַנגער צייט, איז אַ זון־שטראַל אַריינגעפאַלן און געבליבן ליגן אויף דער פּאָדלאָגע, ווי אַ בלאָנדער, מיידלשער צאָפּ.

## VI

די טעג זענען געלעגן, ווי משוגעהדיקע חלום־קאָשמאַרן אויף דער ברוסט און נישט געלאָזט פרייער אָפּעטעמען, און די שעהן האָט מען געציילט מיט קאָמפּרעסן.

דאָס ערשטע איז געשטאָרבן דאָס צוויי־יעריקע, בלאָנדע ביילציאַלע. מיט די פּסילעך האָט עס געקאָפּעט אַרום זיך, געררופן די מאַמען מיט פאַרברענטע ליפּעלעך. און אַז פרימציע האָט זיך אָנגעבויגן נאָענט צום בעט, האָבן די הענטלעך אַ כאַפּ געטון די לופט, און מיט צוגעמאַכטע, ליידיקע פויסטלעך איז דאָס קינד געבליבן ליגן, דאָס דאַרע גופל אויסגעצויגן, ווי אַ סטרונע.

די זון איז אַראָפּגעקראָכן פון קינדס טויטן קערפּערל און אָנגעהויבן אַרומשליכן צווישן די טעפּ אויף דער פּאָליצע, ווי אַ לאָסע קאַץ.

פרימציע האָט שטיל געכליפּעט אין אַ ווינקל, און יאַנקל האָט, ווי פון אַ סענקעוואָטן קלאָץ אָפּגעשפּאָלטן אַ פּאָר ווערטער, וואָס האָבן געטשאַדעט, ווי נאַסע שפּענער, און געגריזשעט מיטן רויך פון ווייטיק די אויגן ביז טרערן: „מען מוז גיין דעם מת זיין רעכט טון״.

און אַז דאָס קינד איז שוין געלעגן אויף דער ערד מיט אַ צוגעדעקט פּנימל, ווייס און פרעמד, איז יאַנקל אַוועק פון שטוב. ער איז געגאַנגען צו די גויים־שכנים דינגען אַ פור אַרויסצופירן אין נאָענטן שטעטל דעם מת.

ער איז געגאַנגען צווישן די יונג־צעבליטע סעדער. דאָס יונגוואַרג האָט געאַרבעט אויף די פעלדער, און אין דער היים האָבן בלויז די אַלטע געצוימט פּלויטן, צענומען זאַהאַטעס, געקאַלכט די יונגע שטשעפּעס, ווערעם זאָלן זיך נישט אַריינכאַפּן הינטער דער קאָרע. יאַנקל האָט אָנגעוואָונטשן גליק און צוגעקומען נענטער. און אַז ער איז ענדלעך נאָך לאַנגע אַרומרעדענישן וועגן פּאַגאָדע און מיסט און אַקערן אַרויס מיט זיין בקשה, האָבן זיי איינער ווי דער צווייטער געדרייט מיט די קעפּ, געקראַצט זיך אונטער די אויערן און ווי שולדיק אונטערגעהוסט: „זעסט דען נישט, אַז מען קען נאָך נישט אַרויספאָרן פון דאָרף?״

„אין דעם גייט עס? אוי־וואַ. דער וועג איז שוין צוגעטריקנט פעסט. עס רויכערט זיך נאָך נישט קיין שטויב, אָבער פאָרן קען מען. אָט האָט קוזמע נאָך נעכטן געפירט דעם יונגערן פאַניטש צו דער באַן".

„ביזט דיר אַ חכם, מיט פריצישע פערד אפשר, אָבער כלאָפּסקע פערדלעך וועלן מיט אַ וואָגן נישט אַרויס".

נאָר דעם נאַקעטן אמת. וואָס האָט זיך אַ פאַרשעמטער באַהאַלטן אונטער די ווערטער, האָבן גאַנץ גוט געוואוסט אי די גויים אי יאַנקל. ס'איז שוין אַ כלל אַזאַ, אַז עס איז נישט גלייך אַרויסצופירן מיט פויערישע פערד אַ אידישן מת, די פערד קאָן עס נאָך שאַטן חלילה.

„כ'האָב געמיינט, אַז אַ שכן וועט טאָן אַ טובה אַן אָרעמען טאַטן", האָט זיך יאַנקל פלוצים אָפּגערופן און געבליבן שטיין אין מיטן וועג, אָבער אַחוץ אים אַליין האָט עס שוין קיינער נישט געהערט.

ער איז אַראָפּ צו דער בלאָניע און מיטן ברייטן דאָרפס־וועג אויסגע־קערעוועט זיך צום „הויף".

אַלטע צעוואַקסענע קאַשטאַנעס האָבן אויסבאַהאַלטן לאַנגיאָריקע פייכט־קייט און אין מיטן פרילינג, אָדער זומער, דערמאָנט אָן אַלע פאַרגאַנגענע חשוונס. די ביימער זענען געשטאַנען, ווי אין צוויי שורות אויסגעשטעלטע לאָקייעס, וואָס טראָגן צו צום הויכן, געמויערטן „פאַלאַץ" אויף די ברייטע טאַצן פון בלעטער דעם ריח פון פרילינג.

תמיד ווען יאַנקלען פלעגט אויסקומען צו גיין מיט אָט דעם וועג, האָט אים די קעלט, וואָס האָט זיך געטשאַיעט פון דור־דורות צווישן די אַלטע ביימער, אַרומגענומען די ריפּן און פאַרקראַכן צום האַרץ, ווי אַ גליטשיקער וואָרעם.

בלויז איין מאָל אין יאָר פלעגט עס דאָ ווערן היימלעכער, אין דער צייט פון ימים־נוראים, ווען דאָס „הויף" פלעגט אַראָפּברענגען אַ בעל־תפילה און אָפּן לאָזן דאָס טויער פאַר אַלע יידן פון זעקס דערפער אַרום, וועלכע זענען געקומען אַהער דאַווענען. די ווייבער האָבן מיטגענומען די קינדער, נישט האָבנדיק ווי מיט וועמען איבערצולאָזן אין דער היים. אין פאַרהויז, אויף דער פאָדלאָגע פלעגט ליגן אַ באַרג מיט קעפלעך. אין פאַרשידנפאַרביקע פאַטשיילעס זענען געווען איינגעוויקלט חלות און הינער און פוטערקוכנס. און נישט איין מאָל איז צווישן די פעקלעך געלעגן אַ שלאָפנדיק זויג־קינד. און אַז עס האָט אָנגעהויבן צו וויינען, האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון ווייבערישן צימערל אַ פאַרשוויצטע און פון דאַווענען צעיאַכמערטע יידענע מיט אַ פינגער אויפן מויל „נו, אַ, נו!" גלייך דאָס קליינע עופהלע וואָלט פאַר־שטאַנען, אַז מען האַלט אינמיטן שמונה־עשרה.



אין די אויסגעלידיקטע פאַטשיילעס פלעגן שפּעטער די קינדער קלויבן די בלוינגלאַנציקע, פייכטע קאַשטאַנעס און וואַרפן זיי איבער די דעכער פון די סטאַדאָלעס און שטאַלן. דעמאָלט איז די חשוונדיקע לופט אַרום „הויף" געוואָרן ווי זיסער ראָזשינקע־ווייַן, געקלאָרעוועט מיט קינדערשן, צעוואַיוועטן לאַכן.

נאָר איצט איז דאָס יידיש־פריצישע הויף געשטאַנען, ווי אין אַלע טעג, אָפּגעגרענעצט פון דעם גאַנצן דאָרף מיט אַ „לעבעדיקן" פלויט פון טאָרנינע־קושאַקעס, וואָס האָבן צווישן די קוטשעראַווע, צוגעשוירענע קעפּלעך אויס־באַהאַלטן שאַרפע, ברוינע דערנער־נאָדלען, גרייט איינצופּעדעמען אַ שטיק מלבוש, אָדער אַ שטיק נאַקעטע, מענטשלעכע הויט פון דעם, ווער ס'וואָלט געפּרואווט זוכן דאָ צווישן זיי אַ וועג.

נאָך פון דער ווייטנס האָט יאַנקל דערזען דעם רייכן גוט־באַזיצער אלי האַרטשטיין, ווי ער שטייט אויף דעם שטיינערנעם טרעפּל פון גאַניק און קוקט נאָך די פאַרנאָלעס, וואָס פאָרן היינט נאָכמיטאָג דאָס ערשטע מאָל אַרויס אין פעלד. די איבערגעקערטע אַקעראייזנס האָבן מיט דורשטיקע, שאַרפע צונגען געלעקט דעם האַרבן ריח פון ערד און אָנגעגאָסן מיט פרישער וואַרעמקייט פון זון דעם שאַרפן, גלאַטן שטאָל.

„העי, אילקע, וואַרט נאָר אויס, וואו זענען דיינע אויגן, זעסט נישט, אַז די שקאַפּע שלעפּט נאָך די שלאַיע?"

דער פאַראָבעק האָט זיך אָפּגעשטעלט און פויל אַ טאָפּ געטון דעם פערדישן קאַרק, געמאַכט אַ קניפּ און נישט אומקוקנדיק זיך הינטער זיך, אַ טרייב געטון די פערד. טריט ביי טריט איז געגאַנגען די לאַנגע שערענגע פערד, און זייערע הינטנס האָבן געגלאַנצט אין דער זון מיט גרויסע טראָפּנס שוויס, וואָס האָבן באַפּערלט די הויט.

יאַנקל איז געשטאַנען אַן אַ זייט, צוגעקוקט זיך און געפילט, ווי די וויכטיקייט פון אָט דער מושטרע לייגט זיך איבער זיין בקשה, און די לאַנגע שורה פערד פאָרט אַריבער איבער זיין חוצפּהדיקער אָרעמקייט און מאַכט זי עפּעס מיטאַמאָל אַזוי קליין און טרויעריק. פּאַמעלעך האָט ער אָנגעהויבן אַראָפּצונעמען דעם קאַפּעליטש. האַרטשטיין האָט אים ווי ערשט איצט דערזען. — „אַ, פון וואַנען קומסטו דאָס אַזוי פרי, יאַנקל? אויסגעקויפט זישען אַלע סעדער?" האָט ער זיך געמאַכט אַ שפּעסל. נאָר יאַנקלס ליפּן, וואָס זענען תמיד געווען גרייט אונטערצוטראָגן דעם רייכן ייד אַ פאַרטיק חניפהדיק שמייכעלע, זענען היינט געבליבן האַרט.

„כ'בין אייך געקומען בעטן אַ טובה, הער —"

„מיט אַלעם טרעפט מען צו מיר, נישטאָ מער קיין יידן אין דאָרף, יאַנקל, אַ?"

יאַנקל האָט אים געוואָלט אַ כלוסט טון אין פּנים מיט אַ וואָרט, ווי מיט אַ ציבער קאַלט וואַסער, נאָר דאָס וואָרט איז אים געבליבן שטיין אין האַלדז, ווי אַ פאַרדאַרט שטיק ברויט, וואָס די סלינע קאָן בשום אופן נישט אַראָפּשווענקען. אַנשטאָט דעם האָט ער אַרויסגעקוועטשט פון זיך:

„אַ קינד איז ביי מיר געשטאָרבן. כ'בין געקומען אייך בעטן אַ פּאָר פערד אויף אַ האַלבן טאָג".

האַרטשטיינס ברעמען האָבן זיך אויפגעהויבן, געזוכט ווי אַזויערנאָך אויסצודריקן יאַנקלען דאָס מיטלייד, וואָס קומט דאָך איעדן מענטש: „טאַקע אַן אומגליק, אַ גרויס אומגליק, ס'גייט איצט אַלץ קאַפּויער אויף דער וועלט, ביטערע צייטן, אַ שלעכט יאָר", נאָר באַלד האָבן זיך זיינע געדאַנקען אומגעקערט צו דעם אַנגעוויייטיקטן אָרט טיף אין זיין האַרץ, צו דעם אויפגעלאָפּענעם בלאָטער פון אוממעכטיקן כעס, וועלכן ער האָט געפּרוווט אויסקוועטשן אין לאַנגע, שלאָפלאָזע נעכט, פאַרבייסנדיק די ציין, אויס־קוועטשן מיט איין האַרט וואָרט, ווי דער קלאַפּ פון פויסט אין טיש:

„ס'איז מיין!"

„ווייסטו דען וויפל אַרבעט מען מוז אַריינלייגן אין דער ערד? און מען וואַרט שפּעטער אַ גאַנץ יאָר אויף דעם סנאָפּ. ערד דאַרף האָבן דעם מענטש מיט לייב און לעבן, לאָזט זעך נישט אָפּנאַרן, ערד מוז מען היטן, הערסט, היטן מוז מען! געוועזן אַ מלחמה, האָט זעך יעדער גענומען אַ פּעקל אונטער דעם אָרעם און אַוועק — קיין ווין אָדער קיין פּעסט, עך האָב זעך נישט גערירט פון אָרט. די רוסן זענען געקומען, עך בין געבליבן און אַפילו נישט דערשראָקן זיך פאַר דער כאָלערע. געהאַלטן מיט די ציין, געהיטן, און פאַר וועמענס וועגן, האַ? מיינסט פאַר מיינעטוועגן? עך זאָג דיר, אַז ניין".

האַרטשטיינס אויגן האָבן געהיטן יאַנקלס פּנים, עס זאָל פאַר זיי נישט פאַרלוירן גיין קיין איין ציטער פון זיין ברעם, קיין איין קרים פון זיין ליפּ.

צובויגנדיק זיך נענטער צו יאַנקלען, אַז דער דעך האָט אים אָזש אַ ברי געטאָן די איינע העלפט פון פּנים, האָט ער אים אַ זאָג געטאָן שטיל אין אויער אַריין: „דער זשאַנדצע גייט שוין יעדן אינדערפרי נאָך „דיספּאָ־זיציע" צום פּאַניטש. רעדט מען שוין אפשר וועגן דעם אין דאָרף? האַ?"

יאַנקל האָט געפּרוווט אויפצונעמען פרעמדע צרות און געשאָקלט מיטן קאָפּ: „נו, יאָ, טאַקע אַזוי".

„האַ, וואָס זאָגסטו עפּעס?" האָט זיך האַרטשטיין מיטאַמאָל אויסגע־גלייכט, און בייז און הויך אַ זאָג געטאָן יאַנקלען: „איבעריקנס, גיי צום



פּאַניטש, אפשר וועט ער דיר געבן אַ פּאָר פערד". און מיט פּאַמעלעכע שריט, וואָס האָבן זיך געדונגען מיט יעדן טרעפּל אויפסניי, איז ער אַריין אין הויז. — —

יאַנקל איז געגאַנגען צווישן די שאָפּעס און שטאַלן, געפרעגט ביי די שיקסעס, וועלכע האָבן געריייניקט דעם סאַד, געקעמט דאָס יונגע גראָז מיט אייזערנע גראַבליעס.

„פרעג פראַנקען, האָבן זיך די שיקסעס צעלאַכט, זי וועט דיר אפשר זאָגן, וואו ס'איז איצט דער יונגער פּריץ".

פראַנקע האָט נידעריקער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, כדי צו באַהאַלטן דאָס פאַררויטלטע פּנים. יאַנקל האָט נישט געוואוסט, וואוהין צו גיין איצט, איז ער אַזוי געבליבן שטיין, אַנגעשפּאַרט זיך אויפן שטעקן מיטביידע הענט און צוגעקוקט, ווי ס'אַרבעטן די שיקסעס פויל, אָן חשק, צופּנדיק פון צייט צו צייט שטיקער ברויט פון די פאַרטעכער.

פּלוצים האָט פון צווישן דיביימער אַ ברי געטאָן ווי אַ פלאָם אַ געל־רויטער פערדישער קאָפּ, און האַרטשטיינס עלטסטער זון האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן שטרענג און קורץ: „פראַנקע וועט גיין אַרבעטן אין די אינספּעקטן, דער פאַן עקאָנאָם וועט געבן אַ מאַטיקע". אָבער אונטער דער כלומרשטער שטרענגקייט האָט זיך געפילט אַ נישט זיכערקייט און ציטער־דיקע אומרואיקייט, וואָס קומט פון צעטוואַליעטן בלוט.

און פּלוצים, נאָך איידער יאַנקל האָט צייט געהאַט אַרויסצורעדן אַ וואָרט, האָט דער יונגער האַרטשטיין אַ ריס געטאָן דאָס פערד ביי די צוגלעס אויף צוריק, און מיט אַ שאַרפן גאַלאָפּ איז ער געפלויגן איבער דעם וועג, וואָס פירט צו די הויפישע פעלדער.

יאַנקל איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. נאָר באַלד האָט ער אָנגעהויבן נאָכצויאָגן מיט אַ סטעזשקע, געוואָלט פאַרלויפן דעם וועג, וואָס האָט זיך אויסגעבויגן ווי אַ שאַרפער מענערישער עלנבויגן, אַרום דעם האַלדז פון סאַד.

נאָר זיינע קורצע פיס האָבן נישט געקענט דעריאָגן דאָס הייסע, פערדישע בלוט, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן שטאַרקן, ווילדן באַגער פון זיין רייטער.

און אַז יאַנקל איז צוגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער צו דעם טירל פון פּלויט, האָט ער בלויז געזען ווי דער אויסגעשלאַנקטער, פערדישער גוף שניידט זיך אַריין אין די העל־גראָע נעפּלען, וואָס ליגן איבער די פייכטע, אין־דער־זון־פאַרענדיקע לאַנקעס.

## VII

יאַנקל האָט זיך שווער אַנידערגעזעצט אויף דער באַנק לעבן דער טיר, ווי אַ פרעמדער אורח. דאָס ווייב האָט זיך געפּאָרעט בײַם ייִנגסטן קינד און פון צײַט צו צײַט געוואָרפן צום מאַן אַ נישט זיכערן בליק. זי האָט עפּעס מורא געהאַט אים אַ פרעג צו טון. און די שרעק האָט אַ פּיק געטון איר האַרץ ווי אַ קלײַן, דרײַיוואָכעדיק הינדעלע אין דער שאָל פון איי: „אפשר איז ער אויך קראַנק?" זי האָט אַרומגענומען מיט די אויגן די שטוב, די צוויי קינדער מיט די לעפל בײַ דער שיסל בולבע־גריץ, דאָס קלײנטשיקע אין וויג, אויפן בעט דאָס פיבער־צעגליטע עלטסטע ייִנגל, און מיט אַ ווילדן שלוכצנדיקן וויינען איז זי צוגעפאַלן צו דעם טויטן מיידעלע, וואָס איז געלעגן אין אַ ווינקל אונטער דער שמירה פון צוויי אָנגעצונדענע ליכט. זי האָט אָנגעהויבן קושן די קאַלטע הענטלעך און פיסלעך און בײַ איר טויטן קינד געזוכט שטאַרקונג און שוץ.

יאַנקלס קול האָט פּלוצים אַ גרילץ געטון, ווי אַ זשאַווערדיקער זאַוויעס אין ווינט: „געוג שוין, נו, שטיי שוין אויף".

אַ קעלט האָט געיאָגט פון זײַנע אויגן, ווי ווינטערצײַט פון די שימלדיקע דינע ווענט, און אָנגעיאָגט נאָך מער פּחד אין איר האַרץ. און אין זײַנע אויגן האָט זיך געטשאַיעט עפּעס אַ באַשלוס, וואָס האָט זיך ווי אַ האַרטער סענק אַרײַנגעביילט אין זײַן נשמה, אַ סענק, אויף וועלכן ס'ברענט זיך אײַדעס בעטנדיקע, וואָרנענדיקע וואָרט ווי אַ דין זעגל.

„ברענג מיר דעם קויבער פון דער קאַמער".

זי איז שטיל אַרויס און געזוימט זיך לאַנג. זי האָט אַרײַנגעבראַכט דעם קויבער, אויסגעבעט דעם דנאָ מיט פרישע, גרינע פּאָדביאַל־בלעטער און אים אַנידערגעשטעלט אויפן טיש. יאַנקל האָט דערזען אין איר צווייטער האַנט דאָס קעזל מיט דעם שטיקל פּוטער, וועלכע ער האָט נעכטן אײַנגעהאַנדלט בײַ דער קוואַליכע אונטערן באַרג. האָט ער שטיל אַ זאָג געטון: „כ'גיי הײַנט נישט האַנדלען, פרימציע".

„כ'האָב געמיינט, וועסט דאַרפן באַצאָלן פאַר אַ פור".

פון קופערט האָט ער אַרויסגענומען זײַן שבתדיק העמד און צעריסן עס אויף צוויי העלפטן, ער האָט עס דערלאַנגט פרימציען: „נעם אַ נאָדל־פאָדעם".

לאַנגע, שיטערע שטעך פון דער פאַרזשאַווערטער נאָדל זענען געקראָכן איבער דער ווײַסער לײַוונט. יאַנקל האָט בגנבה אַ גלעט געטון דאָס בלאָנדע, קינדערישע קעפּל, איידער דאָס ווײַסע הייבל האָט עס פאַרשטעלט אויף



אייביק. און שפּעטער האָט ער דאָס קינד אַרײַנגעלייגט אין קויבער, וועלכער איז געשטאַנען מיט די אַראָפּגעלאָזטע ברייטע געלאַטעטע אויערן.

פון פאַרשוויצטן, אַלטן, לײַוונטענעם טײַסטער האָט ער לאַנג געציילט די קופערנע מטבעות. גערעכנט און געשאָקלט מיטן קאָפּ: „פרימציע, ס'עט זײַן צו ווייניק פאַר די שטעטישע גזלנים. פּאַק אײַן אין אַ פּאַטשיילע די קעז־און־פּוטער".

און אַז דאָס ווייב האָט אים דערלאַנגט דאָס פּעקל, האָט ער עס גענומען אין איין האַנט מיטן שטעקן, אין דער צווייטער דעם קויבער מיטן קינד און נישט אומקוקנדיק זיך, איז עה אַוועק מיט זײַנע ברייטסטע שריט.

בײַם טײַכל האָט אים דעריאָגט דאָס ווייב. געריסן דאָס קינד פון דער האַנט און אַרײַנגעכליפּעט אין קויבער אויף דעם שטייגער פון די דאָרפישע גויעס: „ווי לאָזטו מעך איבער, שוועלבעלע דו מיינס — וואוהין גייסטו און צו וועמען, ווער עט דעך אָנקאָרמענען? די שוואַרצע ערד וועט דיר איצט זײַן אַ מאַמע, אוי" — —

יאַנקל האָט זיך נישט אומגעקוקט, געווען זיכער, אַז ווײַט פון דער היים וועט זי נישט אַוועק, דאָס וויינען פון ייִנגסטן זויגקינד וועט באַלד דערגרייכן די מילך פון אירע ברוסטן.

דער וועג האָט זיך געצויגן באַרג־אַרויף, פאַרבײַ דער קרעטשמע, וואָס איז געשטאַנען ווי אַן אַלטע שקאַפּע מיט אײַנגעפאַלענע זײַטן און געקוקט מיט די בעלמע־פאַרצויגענע שײַבלעך.

יאַנקל האָט אַליין נישט געוואוסט, ווען דאָס געווען הינטער אים האָט זיך אָפּגעשטעלט. מסתמא איז עס געבליבן ווי אַ קלײַן אונטערגעוואָרפן קעצל, אונטער די ווערבעס, בײַם בריקל, וואָס פירט פון דאָרף אַרויס.

דער וועג איז געלאָפן פאַרויס, ווי אַ ווייס־געלע לאַסיצע צווישן די ברייטע פלאַכטעס פעלד.

דאָס פרישע צעאַקערטע מיסט האָט געפּאָרעט פון די פעלדער און געעקבערט אין דער נאָז מיט זײַן שאַרפן ריח.

וואו־נישט־וואו האָט מען שוין געזייעט אויף די פּויערישע פעלדער די יאָרע תבואות. ווי אַ כמאַרע בינען, וואָס פליען צום ערשטן מאָל אַרויס פון בינשטאָק, זענען געפלויגן פון די זשמעניעס די גאָלד־ברוינע קערנער און מאַכנדיק אַ גרויס האַלבראָד אינדערלופטן צוגעפאַלן מיד צו דער ערד. בראָנעס זענען נאָכגעפאָרן נאָך די זייערס און מיט די שאַרפע אײַזן־צײַן צעקײַט אויף שטויב די גרודעס ערד.

יאַנקל האָט אויפגעקנעפּלט דאָס קורצע, אויסגעקראָכענע פוטערל, אָפּגעווישט דעם שווייס מיטן אַרבל פון זײַן שטערן, אונטער וועלכן ס'האָבן

זיך געראַיעט די געדאַנקען, ווי מוראַשקעס, ווען מען שטעכט אַריין אַ שטעקן אין זייער נעסט: — ביים אָנקומען אין שטעטל וועלן אים באַפאַלן די ווייבער, ווי אַ כמאַרע אויסגעהונגערטע אָסעס, זיי וועלן זוכן ביי אים אַ מציאה, אַ קעזל, אַ שטיקל פוטער, אַ שאָק אייער און אַרויסרייסן זיך איינע דער צווייטער פון דער האַנט דעם קויבער.

— און שפּעטער וועלן אים אַרומשטעלן די רירעוודיקע, ווייס־זאַקנדיקע יידן און אַרויספרעסן פון אים דעם לעצטן שוויס, דעם לעצטן גראַצער. און אפשר וועט עס נאָך זיין צו ווייניק, אַפילו מיטן קעזל און מיט דער פוטער — צו ווייניק? — —

פונדערווייטנס האָט זיך שוין געזען דאָס שטעטל. עס איז געקראָכן מיט די קליינע אָפּגעדראַפּעטע הייזלעך אויף דעם הויכן נאַקעטן ליים־באַרג, ווי אַ ברוין־הויטיקע יאַשטשערקע, וואָס שלעפּט נאָך זיך נאָך דעם גלאַנציקן עק פון פּאָטעק און פאַרלירט אים ערגעץ צווישן די ברייטע גרינע לאָנקעס.

אַ הונט האָט זיך צוגעפלאָנטערט, נאָכגעגאַנגען יאַנקלען טריט ביי טריט, אַ הונט מיט אַ כיטרער מאָרדע און דינע, איינגעפאַלענע זייטן. זעענדיק, אַז יאַנקל טרייבט אים נישט אַוועק מיטן שטעקן, איז ער געוואָרן וואָס אַמאָל חוצפּהדיקער, מיט איין מאָל אַ זעץ געטון צום קויבער מיט די פאָדערשטע לאַפּעס און אָנגעהויבן גיאָכען. נאָר באַלד איז ער אַוועקגע־שפּרונגען, ווי ס׳וואָלט אים אַ שטיין אַ פּוס אונטערגעהאַקט.

דעם עק אַריינגענומען צווישן די פיס, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז ער געלאָפן צווישן די פעלדער, און זיין סקאַווולייען האָט זיך געטראָגן מיט די פריש־צעאַקערטע בייטן צו דעם רויטן האַרץ פון דער אונטער־גייענדיקער זון.

# אַ שד אין פעלד

I

די בלעטער זענען שוין געפאַלן פון דיביימער. אויסגעקרימטע, ווי דינע פאַרזשאַווערטע בלעכלעך, האָבן זיי זיך הויפנווייז געוואַלגערט אויף דער ערד. פויערטעס און קינדער האָבן זיי געקליבן אין די סעדער און אין די נאָענטע וועלדער און אַהיימגעטראָגן אין פול־געפּאַקטע זעק אויף אונטער־צובעטן די בהמות און אויף זאַהאַטעס*) אַרום די ווענט.

די אַרומיקע פעלדער האָבן זיך אימהדיק געשוואַרצט, ווי ס׳וואָלט געבליבן ליגן אויף זיי אַ פאַרגליווערטער דער שאָטן פון די זיך מתגוששדיקע אַרומשלעפּנדיקע קראָען. איבער די בלאָטיקע, צעווירענע וועגן האָבן זיך געשלעפּט איינציקווייז, אָדער צו עטלעכע מיטאַמאָל, מידע, הונגעריקע, אָפּגעריסענע, די זעלנער פון פּראַנץ יאָזעפס געוועזענער אַרמיי. ווייבער און קינדער זענען אַרויסגעלאָפן פון די שטיבער, געבליבן שטיין פאַר די טירן און געוואַרט, ביי וועלכער שוועל עס וועלן זיך אָפּשטעלן די שווערע מענערשע טריט. די אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין די פאַרשוואַרצטע פנימער, געוואָלט אין זיי דערקענען די אייגענע, נאָענטע. אַזוי עטלעכע מאָל אין טאָג פלעגט עס זיי אויסקומען אַרויסצולויפן. די הינט, צערייצטע פונם פרעמדן ריח, האָבן כמעט נישט אויפגעהערט צו בילן. נאָר איין פראַים האָט נישט געקאָנט איינזיצן אין שטוב. יעדן טאָג, פון פרימאָרגן ביז צום אָוונט, פלעגט ער זיצן ביי סטעפאַן דעם „ציגיינערס" שטוב אין עק דאָרף און וואַרטן אויף זיין זון. ער האָט לאַנג נאָכגעקוקט אָט די אַלע פאַרבייגייענדיקע זעלנער, אַראָפּגעלייענט פון די אַקסלען די נומערן פון די רעגימענטן, און נישט איין מאָל, ווען ער האָט דערזען דעם „38", האָבן זיינע אַלטע פיס אַ ציטער געטאָן אונטער אים, און ווערטער האָבן זיך געשפּאַרט צום האַלז. אָבער פראַים האָט זיך ביי קיינעם פון די זעלנער נישט נאָכגעפרעגט אויף זיין זון. ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם ענטפער, וואָס וואָלט געקאָנט באַשטעטיקן דאָס, וואָס ער האָט שוין פון לאַנג געוואוסט, נאָר נישט געוואָלט גלויבן אין דעם, באַשטעטיקן יענעם בריוו, אין וועלכן דאָס מלכות רעדט זיך דורך מיט אַ טאַטן, ווי מיט זיינס גלייכן און צאָלט

*) ווינטערצייט ווערן די שטיבלעך אין דאָרף באַשיצט פאַר קעלט מיט אַרומלייגן די ווענט מיט שטרוי אָדער טרוקענע בלעטער.

דעם פאָטער מיט געציילטע, אויסגעפוצטע ווערטער פאַר דעם זונס גלייכע און געזונטע גלידער.

צום וויפלטן מאָל האָט ער עס געלייענט אין דעם דאָזיקן בריוו וועגן זיין זונס „העלדנטויט" ערגעצוואו אין די אַלפּן, אַרום איזאָנצאָ טייך; וויפל מאָל האָט ער אין די שלאָפלאָזע נעכט זיך געפּרואווט פאָרשטעלן יענע „אַלפּן!" תּמיד האָבן זיי זיך אין זיינע געדאַנקען פאַרוואַנדלט אין אַ ווילדער חיה, וועלכע באַלעקט זיך נאָך אַ פעטן מאָלצייט מיט איר רויטער צונג, איידער זי ווערט אַנטדרימלט.

אָבער פראָים האָט דעם מלכות נישט געגלויבט. אָהאָ, וויפל אַזעלכע, אַלס „טויט" אין די פּאַפּירן פאַרשריבענע, זענען עס פלוצלונג אַהיימגעקומען פריש און געזונט. זאָלן זיך נאָר עפענען די טויערן פון „געפאַנגענשאַפט". עס וועט זיך אַ גאָס טאָן אַ מבול פון מענטשן, און צווישן זיי וועט אויך אוודאי זיין יאָסל. ער איז דאָך ביי אים דער איינאונאיינציקער, איז וויאַזוי־זשע וואָלט דאָס מעגלעך געווען — אַז גראָד ער — גראָד ער?

העניע, יאָסלס ווייב, האָט שוין גיכער געגלויבט דעם מלכות. יאָרן פון אומזיסטיקן וואַרטן האָבן זיך ווילנלאָז אונטערגעגעבן דער דאָזיקער געוויסקייט, וועלכע האָט מיטאַמאָל באַפרייט פון דער פייניקנדיקער נישט־זיכערקייט און אומפרוכטבאַרער בענקשאַפט. אירע פולע, רויטע ליפּן האָבן אומבאַוואוסט אויסבאַהאַלטן אין די ווינקלען אַ פאַרשעמטן שמייכל, און די ברוינקייט פון אירע אויגן איז געוואָרן דורכגענומען מיט אַ וואָרעמקייט, וואָס איז אי דערוואַרטונג, אי געוויסקייט פון אַ נאָענטן גליק.

צוזאַמען מיט אַנדערע איז אויך צוריקגעקומען אין דאָרף אַריין חיים „בולבע", און איז גאַנצע טעג אָפּגעזעסן אין פראָימס שטוב. ער האָט זיך נישט געקאָנט גענוג אָנדערציילן וועגן דער מלחמה, גלייך דער קריג וואָלט אייגנטלעך באַשאַפן געוואָרן אויף זיין באַשטעלונג. אַלע העלדישע מעשים האָבן זיך אָנגעהויבן מיט איין און דעם זעלבן וואָרט: „עך", צו אַלע געוואונענע שלאַכטן איז ער געווען אַ שותּף. חיים „בולבע" איז נישט צוריקגעקומען מיט קיין ליידיקע הענט. ער האָט אַהיימגעבראַכט, אַ חוץ די זעקס שטערן פון אַ „צוגס־פירער" אויף זיין דורכגעשוויצטן קאָלנער, צוויי פאָר ווינטער־וועש, אַ מאַנטל, אַ מענאַזשקע און אַ גרויסע, שוואַרצע אָפּיצירישע לאַרנעטע. זיין מאַמע, וועלכע האָט געהערט, אַז איר זון איז געוואָרן ביים מיליטער אַ גרויסער „קנאַקער", האָט זיך גערעכנט, אַז חיים וועט צוריקקומען מיט אַ טייסטער געלט, אַזוי ווי, למשל, שלמה פּיניעס, וועלכער האָט זיך איצט געקויפט אַ מיל, איז געווען פון די אַלע זאַכן קנאַפּ צופרידן. אויך די פּענסיע, וועלכע זי האָט געקריגן פאַר איר בן־יחיד, האָט



זיך איצט געענדיקט, און ווידער האָט זי געמוזט אַרומיאָגן אין די שכנישע דערפער, אויף איינצוקויפן אַן עוף, אַ שטיקל פוטער, אַ בינטל פלאַקס. אין שטוב האָט מען גאַנצע טעג נישט געהייצט. פון די ווענט און פענצטער האָט געבלאָזן אַ קעלט, נאָך ערגער ווי אין די אָקאָפּעס. ביי פראָימען איז אָבער געווען ליכטיק און וואַרעם. העניע האָט יעדעס מאָל אונטערגעלייגט אונטער דער קיך שייטלעך האָלץ, און אויף איר אַנטבלויזטן האַלדז איז געפאַלן אַ רויטער אָפּשיין פון צעעפנטן קיך־טירל. פלעגט זיך חיימען טאַקע נישט גלוסטן גיין אַהיים.

ווען חיים איז אַריינגעקומען אין פראָימס שטוב, פלעגט דער אַלטער גיך אָפּטראָגן פון דער היים. ער האָט פיינט געהאַט חיימען פון תּמיד אָן, נישט דערלויבט דעם זון צו חברן זיך מיט אים, און איצט איז צו דער לאַנגיעריקער שנאה צוגעקומען נאָך עפּעס. חיימס בוטנע באַנעמען, זיין צושאַרן זיך צו העניען, האָבן צוגעפירט צו פראָימס באַוואוסטזיין דאָס, פאַר וועלכן ער האָט זיך אַזוי עקשנותדיק אויסבאַהאַלטן: אַז יאָסל איז נישטאָ.

די גאַנצע צייט, בשעת חיים איז געזעסן ביי אים אין שטוב, האָט זיך פראָים אַרומגעדרייט אין דרויסן, און זיין שטעקן האָט אומרואיק געקלאַפּט אין דער געפרוירענער ערד, צו עטלעכע מאָל אויף איין אָרט, גלייך ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי זי איז נאָך אַלץ די זעלבע, און אַז זי איז נאָך דאָ אונטער די פיס, די ערד.

טיילמאָל איז מיט דעם ציטערנדיקן פאָס ליכט געפלאָסן פון פענצטער אַ פאַרשטיקט, הייס געלעכטער און זיך געפּרוכפּערט דורך דעם ווידערקול אין דער טונקעלער נאַכט, ביז וואַנען עס האָט באַדעקט פראָימס קאָפּ, זיינע הענט, אים אינגאַנצן, ווי אַ פלאַמענדיק טוך.

## II

אויף דעם פריש־געפאַלענעם פוכקע שניי האָבן זיך געגליטשט די „באָסע" *) שליטנס, מיט די הילצערנע הינטנס פאַרטשעפּעט אָן די בוימער ביים וועג און איבערגעלאָזט נאָך זיך בלוי־גלאַנציקע שפורן, וואָס האָבן ווי ווינקל־שנורן איינגעבונדן דעם ווייסן וועג. דאָרט, וואו דער וועג מאַכט אַ האַלב־ראָד אַרום קלויסטער און שקאָלע און צעצווייגט זיך אין דריי ריכטונגען, איז דער שניי באַפינטלט געוואָרן מיט טונקעלע, אָנגעטאָפּטשעטע שליאַדעס. לעבן קלויסטער־פאַרקאַן האָט זיך געשוואַרצט אַ מחנה מענטשן. עס זענען געשטאַנען פויערים און פויערטעס און נאָכגעקוקט די זעלנער.

*) נישט־געקאָוועטע.

קליינוואַרג האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף דעם פּאַרקאַן, אויף די אַרומיקע ביימער, און זיך באַוואָרפן מיט גרודעס שניי. יונגע מיידן האָבן זיך צורעכט געמאַכט יעדע ווילע די קאָפּטיכלעך, געטייטלט מיט די פינגער אויף די רוקנס פון די זעלנער און געפּרוּווט זיי צו דערקענען פון הינטן.

— אָ, דער איז אילקע, פון אונטערן באַרג.

— נישט אמת. ס'איז פעדקע „קעלישעק". כ'דערקען זיינע האָר.

— ניין, ס'איז אַזוי ווי איך זאָג.

דער יונגער לייטענאַנט וואַרעצקי, אַ זון פון געוועזענעם שופט, האָט זיך געפּאָרעט ביים אויפשטעלן אַ מאַשינגעווער. דאַן איז ער געגאַנגען פון איין זעלנער צום צווייטן, אָנגעקוקט די צעפּליקטע, געלאַטעטע מונדירן פון פאַרשידענע רעגימענטן, די מידע, אויסגעמאַטערטע פּנימער, און זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווילע.

— כלאָפּצי, ס'איז נישט קיין שפּאַס דאָס. מ'וועט קעמפן אַזוי ווי ביי עסטרייך, נאָר דאָ וועט נאָך דער קאַמף זיין אַ מער פאַרביסענער. דאָרט האָבן מיר געקעמפט, נישט ווייסנדיק צוליב וואָס און דאָ גייען מיר אויסלייזן אונזער אוקראַינע. אַ הייליקער קאַמף. אפשר וויל ווער פון אייך צוריק אַהיים, איז בעסער איצט, איידער שפּעטער.

אַלע האָבן איינשטימיק געענטפערט מיט אַ הילכיקן, אומפאַרשטענדלעכן געשריי, פון וועלכן ס'האָט זיך בלויז איין „האָ! האָ!" געוואָרפן אין די אויערן.

וואַרעצקי האָט זיי אָנגעהויבן ציילן און פאַרשרייבן זייערע נעמען אין אַ קליין ביכעלע. פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ טרעשטשען פון צווייגן. דאָס האָבן די קינדער, וועלנדיק בעסער זען די מאַרשירנדיקע זעלנער, צווישן וועלכע עס זענען געווען זייערע טאַטעס און ברידער, זיך צופיל אַריבערגעבויגן, און זענען איצט געפאַלן, ווי צייטיקע עפּל פון די ביימער. די מענטשן בייז, הלמאי מען שטערט זיי, האָבן פויל אויסגעדרייט די העלדזער אין דער ריכטונג, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דער טומל. די קינדער האָבן זיך איינגעריבן מיט שניי די צעקלאַפּטע אברים, אָבער איין יינגל האָט בשום אופן נישט געקאָנט אויפשטיין פון אָרט. יעדע באַוועגונג זיינע איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ דורכדרינגענדיקן קוויטש. אַן אַלט, צעקנייטשט באַבעלע איז צוגעקומען נענטער און זיך איינגעבויגן איבערן קינד.

— וועמעס ביסטו, האַ? דאַכט זעך, אַז כ'קען דעך — —

דאָס וויינען איז איבערגעגאַנגען אין הילפלאָז שלוכצן.



— כ'הער נישט. רעד העכער, פּאַוולע טערנאָוועיס? אַזוי? טאָ פאַרוואָס־זשע ליגסטו אין שניי און גייסט נישט אַהיים?

די אַלטע האָט אַוועקגעשאַרט דאָס קאָפּטיכל פון די טויבלעכע אויערן, כדי בעסער צו הערן.

אַ קליין יאַטל האָט איר אַריינגעשריען אין די אויערן מיט חוזק: ליי אים אויס דיינע פיס, וועט ער גיין. זעסט נישט, אַז ער קאָן נישט אויפשטיין?

דערהערנדיק די ווערטער פון קאָסטיאַן, דעם גרעסטן לאָבוז אין דאָרף, האָט דאָס קינד אָנגעהויבן צו באַנעמען, אַז דאָס מוז נישט זיין קיין שפּאַס, און זיך צעהעשעט אויף אַן אמת.

— נו, נו, — האָט אים די אַלטע באַרואיקט, — כ'וועל דיך אַהיימברענגען צו דיין מאַמען, שטיל, שוין.

ווען ס'איז געקומען די „דאָרפסבאַבע" און אים געפּרוּווט אויסציען דעם פוס, האָט זיך דאָס קינד אָנגעהויבן צו רייסן מיט אומברחמנותדיקע קולות. דער פוס איז געווען אויסגעלענקט. אויף נאָשעס האָט מען עס געמוזט אַהיימטראָגן.

ביים קלויסטער איז עס געוואָרן וואָס אַמאָל שיטערער. די צוריקגעבליבענע האָבן געבלאָזן אין די פאַרשטאַרטע הענט און זיך אויך איינציקוויז פונאַנדערגעגאַנגען. פונדערווייטנס האָט זיך געטראָגן מיט די פאַרשנייטע סעדער דאָס ליד פון די מאַרשירנדיקע זעלנער:

— שטשע נע וומערלאַ אוקראַינאַ! (נאָך איז אוקראַאינע נישט געשטאָרבן!).

## III

די אוקראַינער האָבן זיך באַזעצט הינטערן וואַלד אין די אַלטע עסטרייַכישע שוצגראָבנס. ווייבער פון דאָרף האָבן זיי אַרויסגעבראַכט דאָס עסן אין טעפּלעך, איינגעוויקלטע אין פאַטשיילעס. דורך די געבלומטע פאַטשיילעס האָט געזעצט די פּאַרע פון וואַרעמען געקעכטס און איז געבליבן שטיין מיט זילבערנע זיילכעלעך אין דער קלאָרער, ווינטערדיקער לופט.

אין דאָרף האָט מען אויף דעם שופטס הויז איבער דעם בלעכענעם שילדל „נאַטשאַלניק", צוגעשלאָגן אַ פּראָקלאַמאַציע פון דער אוקראַינישער רעפּובליק. די פּאָליאַקן זענען שטיל געזעסן אין זייערע שטיבער, מען האָט זיי אין ערגעץ נישט געזען — נישט אין קרעטשמע, נישט אויף דער בלאָניע און נישט אין זייער ניי־געגרינדעטער „קולקע"*). זיי האָבן

*) קאָאָפּעראַטיוו.

אָפּגעוואַרט זייער צייט. דער חשד איז געהאָנגען ביי יעדער ליפּ און נישט צוגעלאָזט קיין איין פריי וואָרט. אין דאָרף האָבן געוואוינט, העלפט אויף העלפט, פּאָליאַקן און אוקראַינער, געלעבט צווישן זיך, חתונה געהאַט איינע מיט די צווייטע. איצט האָט עס אויסגעוויזן, ווי ס׳וואָלטן זיך פאַרלענגערט די שוצגראָבנס פון וואַלד, זיך אַריינגעשניטן אין יעדער שטוב באַזונדער און צעטיילט די משפּחות. אין די שטיבער, וואו עס זענען געווען איידעמס, שנירן, ברידער פון אַנדערן צד, פלעגט מען זיך היטן מיט יעדן וואָרט.

דער זון פון אַמאָליקן קריסעוויצער לאָקיי, מיכאַלסקי, וועלכער האָט געדינט אין פּוילישן לעגיאָן, איז געלעגן אויפן בוידעם באַהאַלטן אין היי. זיין מוטער האָט דערציילט אין גאַנצן דאָרף, אַז איר זון איז אַוועקגעפאָרן צו אַ מומען קיין זשאַרעוויץ. און הגם דער יונגער יאַן מיכאַלסקי האָט געקוקט אויף דער וועלט בלויז דורך די שמאָלע שפּאַרעס פון די בוידעם־ברעטער, האָט ער פונדעסטוועגן געהאַט פאַרשריבן אין אַ קליין ביכעלע די נעמען פון די אַלע, וועלכע זענען געגאַנגען מיטן לייטענאַנט וואַרעצקי, און אויך פון די, וועלכע האָבן אין דער זעלבער צייט גערעדט אין דער היים אַביסל צו הויך. און אין איין זונטיקדיקן טאָג איז צו דער שורה נעמען אין דעם צעקנייטשטן, שוואַרצן ביכעלע, צוגעקומען נאָך איין נאָמען. חיים „בולבע״, וועלכער איז מיטגעגאַנגען מיט זיין שול־חבר, לייטענאַנט וואַרעצקי.

אָט צוליב דעם איז פראָים געוואָרן עפּעס לעבעדיקער, מונטערער. ער פלעגט איצט לענגער בלייבן אין שטוב. ער האָט געהאָלפן דרעשן, אויפגעפּאַסט אויף די בהמות און וואָס אָפטער איינגעטענהט מיט קוזמע קאָוואַל וועגן דעם שפּאָגל־נייעם „קריג״. העניע האָט געאַנט, פון וואַנען עס נעמט זיך דעם אַלטנס פרייד. זי האָט אים נאָכגעקוקט מיט בייזע, צונויפגעצויגענע אויגן, און אַרום אירע ליפּן־ווינקלען איז דאָס לאַכן פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ טויטער גרימאַסע.

איינמאָל, שבת פאַרנאַכט, האָט זיך חיים צוריק באַוויזן. ער האָט מיט אויפגעטאַיעטן שוויס, מיט צעפּאַרעטן לעדער און מיט עפּעס אַ מאָדנער פרעמדקייט אָנגעפילט די שטוב ביז צום באַלקן. דאָס מיליטערישע היטל האָט אין אים דערוועקט די אַמאָליקע זיכערקייט. אונטער די וואָנצעס האָט ער ווידער באַהאַלטן אַ צופרידענעם שמייכל, בשעת ער האָט באַמערקט ווי מענטשן בלייבן שטיין אויפן דאָרפסוועג און קוקן אים נאָך. און ווען ער האָט דערזען אַ קופּקעלע פון שפּילנדיקע קינדער, האָט ער אַראָפּגענומען פון אַקסל די ביקס און כלומרשט געצילט אין זיי. דאָס דערשראָקענע, יאָמערלעכע געשריי פון די אַנטלויפנדיקע קינדער, האָט ביי אים פאַר־



שטאַרקט דאָס געפיל פון מאַכט און צעעפנט פאַר זיינע טרוימען דעם וועג צו אַן אָפיצירישן היטל.

העניע האָט איצט אויסגעהערט אַלע זיינע באַרימערייען, כמעט מיט אַ ווידערווילן. פריער האָבן איר זיינע מעשות מיט זייער אכזריותדיקייט אָנגעיאָגט דאָס בלוט צום האַרצן, אָבער זי האָט געקאָנט אָפּשטעלן די גרעסטע געפאַר מיט איין בליק אויף חיימס ברייט־צעוואַקסענעם קערפּער, אויף זיינע גאַנצע גלידער, ווייל דאָס אַלץ איז שוין געווען פאַרגאַנגענהייט. איצט, אָבער, האָט זי גאָרנישט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן זיינע ווערטער. דאָס שטענדיקע טרוקענע טרעשטשען פון מאַשינגעווער הינטערן וואַלד האָט נאָך בולטער אונטערגעשטראָכן די דאָזיקע ווערטער מיט דער שרעק פאַרן לויערנדיקן טויט.

אָבער אַפילו דעם שבת־פאַרנאַכט איז חיים נישט געבליבן לאַנג ביי העניען. אונטער די פענצטער האָבן אָנגעהויבן פייפן די חברים, געגעבן סימנים, און חיים האָט זיך געזעגנט און איז אַוועק מיט איילנדיקע שריט.

עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד האָט מען אין דאָרף גערעדט בלויז וועגן „קריג״, וועלכער האָט זיך אָפּגעשפּילט ביים הויפּט־טראַקט, לעבן דער באַן־ליניע. דאָס, הינטער וועלדער באַהאַלטענע, דורך שלעכטע וועגן באַשיצטע דאָרף, האָט בלויז געלעבט מיט ווידערקלאַנגען פון די ווייטע קאַמפן און נצחונות. מיט אַ פיבערדיקער דערוואַרטונג האָט מען אויסגעקוקט דעם סוף. און געשמועסט האָט מען אויך וועגן אויסטיילן די אַרומיקע גיטער. אין געדאַנק האָט שוין יעדער פויער געהאַט פאַר זיך אויסגעמאָסטן דאָס בעסטע שטיק פעלד. יעדע סקיבע איז זיי דאָך געווען גוט באַקאַנט, פון קינדוויז אָן האָבן זיי געאַרבעט אויף די דאָזיקע פעלדער און זיי באַנעצט מיט אייגענעם שוויס. פעדקע „גראַף״ (קיינער ווייסט נישט, פאַרוואָס מען האָט עס אַזאַ צונאָמען געגעבן גראָד אים, דעם אָרעמסטן פון דאָרף, וועלכער האָט נישט געהאַט זיין אייגנס קיין איין בייט ערד), איז אַרומגעגאַנגען פון איין באַלעבאָס צום צווייטן און זיך געדונגען מיט זיי וועגן דעם פעלד, וואָס מ׳וועט אים צוטיילן. אַלץ איז אים געווען צו ווייניק. ער האָט זיך אַזש זאַכליסניעט מיט דער צאָל מאָרגעס, וואָס דאַרפן אים געהערן על־פּי רעכט. ער האָט נישט געקאָנט זאַט ווערן מיט דער ערד, אויף וועלכער ער האָט זיין גאַנץ לעבן געאַרבעט, כדי אַן אַנדערער זאָל פון איר אַראָפּנעמען די תבואה.

אין די אָוונטן האָט מען זיך געלייגט שלאָפן צוגלייך מיט די הינער. די אומזיכערקייט פון די וועגן האָט פינצטער געמאַכט די שטיבלעך און זיי אַריינגעפּרעסט אין אַ פופצן-שעהדיקער נאַכט. עס האָט אומעטום אויסגעפּעלט נאַפט און זאַלץ.

איינמאָל, אין אַ גרויען פרימאָרגן, ווען די פרויען האָבן געבראַכט דאָס עסן פאַר די מענער, האָבן זיי אָנגעטראָפן ליידיקע ראָוועס מיט צעבראָכענע אייזנס און שטיקער ברעטער. זיי זענען צוריקגעגאַנגען מיט פּאַמעלעכע, שווערע שריט, אומקוקנדיק זיך יעדע ווײַלע, צי רופט זיי ווער נישט נאָך. די טעפּ מיטן עסן האָבן זיי אַרײַנגערוקט אין די אויוונס און געוואַרט. ערשט פאַרנאַכט צו איז געקומען וואַסיל סאַדאָווי, אַ קויטיקער און אָפּגעריסענער, און דערציילט, אַז די פּאָליאַקן האָבן באַקומען אַ סך מיליטער, און וואַרעצקי האָט געקריגן אַ באַפעל צו פאַרלאָזן די ביז־איצטיקע פּאָזיציעס און זיך אָנצושליסן אָן די זעלנער ביי רידיק.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען ס׳איז געקומען פון וואַרעצקין אַ שליח מיט דער ידיעה, אַז ער גייט איצט מיט זיינע זעלנער אויף אַ קורצער צייט קיין אוקראַינע און וועט באַלד צוריקקומען מיט דער גאַנצער אַרמיי, האָט מען גלייכצייטיק דערזען פון צווייטן עק דאָרף דעם ערשטן פּוילישן זשאַנדאַר, מיט אַ ניי זילבערן אָדלערל אויפן היטל. ער האָט קודם כל אַראָפּגעפּליקט פון שופטס שטוב די פּראָקלאַמאַציע. דאַן האָט ער אויפגעגראָבן די ערד אין עטלעכע שטאַלן, געזוכט געווער און אַמוניציע אויף בוידעמס, אונטערן היי און אינם שטרוי פון די שעניקעס.

דער יונגער מיכאַלסקי איז אַראָפּגעקראָכן פון בוידעם און נישט געקוקט אויף זיין צעקנייטשטן מונדיר, שטאָלצירט צוזאַמען מיטן זשאַנדאַר איבערן גאַנצן דאָרף.

דעם צווייטן אינדערפרי זענען געקומען צורייטן עטלעכע יונגע פּוילישע זעלנער. זיי האָבן גערעדט אַן אומפאַרשטענדלעך לשון. יעדעס צווייטע־דריטע וואָרט איז געווען דייטש. קיינער האָט זיי נישט פאַרשטאַנען. עס האָבן אַ פלאַקער געטון עטלעכע סטערטעס תבואה און פאַרשעמט מיט זייער רויטן פייער די בלאַסע ווינטערדיקע זון. אויף אַ פור האָט מען אויפגעלאָדן די רעקווירירטע שפּייז, און אין דאָרף איז געבליבן בלויז איין זשאַנדאַר מיט מיכאַלסקין צו היטן די אָרדענונג, און מיט זיי אַן אימהדיקער פּחד פאַר די קומענדיקע טעג. דער גרעסטער טייל פון די פּויערים, וועלכע זענען מיטגעגאַנגען מיט וואַרעצקין, זענען ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. קיינער האָט נישט געוואוסט, וואו זיי זענען אַהינגעקומען. אויף די צוריקקומענדיקע האָבן געוואַרט זשאַנדאַרישע קאָלבעס און אַ זיכערער טויט פון הונגער, טיפוס אָדער כאָלערע אין די אינטערנירונגס־באַראַקן.

אויך חיים „בולבע” איז נישט צוריקגעקומען. זיין מאַמע האָט אויסגעשפּיגן דריי מאָל, ווי נאָך אַ געשמדטן, אויב עמעצער האָט דערמאָנט איר זונס נאָמען. העניען איז פּלוצלינג נמאס געוואָרן דאָס וואוינען אין דאָרף. זי האָט



זיך פאַרטרויט פאַר די שכנים, אַז זי וועט אַלץ פאַרקויפן און זיך אַריבערציען אין שטאָט אַריין.

IV

די פעלדער האָבן שוין אָנגעהויבן צוצוטריקענען אונטער די דרום־מזרחדיקע ווינטן. די קנאָספּן אויף די ביימער זענען געווען ברוין און שפּיציק און נאָר געוואַרט אויף דעם גרינעם סיגנאַל, וואָס דאַרף קומען אַלס ערשטער פון די אַגרעסט־קאָרטשעס. און די אַגרעסט־קאָרטשעס האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסצולאָזן פון די צווייגלעך קליינע, העל־גרינע פּעכערלעך. נאָר דער הימל איז נאָך אַלץ געווען גראָלעך און פול מיט איבעראַשונגען, וואָס האָבן געקענט באַדייטן יעדע רגע עפּעס אַנדערש; זונגלאַנץ, רעגן, אָדער גאָר שניי.

איבער דער פּאָדווירע האָט געפּלאַטערט דאָס לוסטיקע קאָדקאָדאַקן פון די הינער. צווישן די הינער, נישט אַ סך גרעסער פון זיי, איז אַרומגעלאָפן העניעס קינד. פראַים איז נאָכגעגאַנגען שריט ביי שריט די קליינע, נייגעריקע פיסלעך, וואָס האָבן פאַר יעדן פרייז געוואָלט אויספּרואוון די טיפקייט פון די נישט־צוגעטרוקנטע בלאָטעס אין די פאַרשאָטנטע ערטער. פראַים האָט נאָכגעשריגן דעם קינד, ווי די הינער, וואָס מאַכן אַן שאָדן: „בערטשע, בערטשע! אַ הוסיאַנאַ, אַ הוש!” נאָר איידער ער האָט באַוויזן איינצובויגן זיין דאַרע פּלייצע און אָנצוכאַפּן דאָס קינד ביים קליידל, איז עס שוין געלעגן איינגעניורעט אין אַ קאַלוזשע און געוואָרפן מיט די פיסלעך. פראַים האָט אויפגעהויבן דאָס שרייענדיקע קינד און עס אויף די הענט צוגעטראָגן צום ברונעם. ער האָט מיט זיינע, צו אַזאַ אַרבעט נישט־צוגעוואוינטע, הענט אויסגעוואַשן דעם קינדס בלאָטע־פאַרקלעפּטע אויגעלעך און לאַנג געשווענקט די קליינע, פּוכקע הענטלעך אין אַ צעבערל, אַזוי ווי מען שווענקט אַ באַלעכל.

ביים פּלויט האָט זיך אָפּגעשטעלט אילקע, פראָימס שכן. פון צווישן די ציין האָט אַ סיקע געטאָן אַ ברויגלעכער פאָדעם פון שפּייעכץ און זיך איינגעפּעדעמט אין דער האַרבער לופט.

— האָ, האָ, פראָים, ביסט דיר שוין ווי אַן אַלטער הונט אָן ציין. מען איז שוין זיכער מיט דיר, אַז דו וועסט מער נישט בייסן, דערפאַר גיט מען דיר קינדער צו שפּילן. נ־נע, קיינער ווייסט נישט, וואָס פאַר אַן עלטער ס׳דערוואַרט אים. אָבער איך, זעסטו, האָב עס אַנדערש איינגעפירט. געגעבן יעדן קינד נדן, וואָס דער אמת — אַ שיינעם נדן, אויסגעזוכט פאַר זיי באַלעבאַטישע זין און טעכטער, אָבער צו מיין שטוב און פעלד — פּאַוואָליע! דאָס וועט איר האָבן ערשט נאָך מיין קאָפּ. ביי מיין לעבן בין איך מיר אַליין באַלעבאָס. זאָלסט זען, ווי זיי שפּרינגען דאָס לעבן מיר אַרום! מיקאָלעס

ווייב, וואָס וואוינט צוזאַמען מיט מיר, לאָזט נישט אויף מיר קיין שלעכט ווינטל בלאָזן. טאַטוניאַ, אפשר דאָס, אפשר יענץ?" און נאָך טיטון פאַר מיינעטוועגן וויל זי אַליין לויפן, נאַ — און איצט קוק אָן דיך און מיך. קיין איין גרויע האָר וועסטו נישט געפינען אויף מיין קאָפּ. און מירביידע זענען דאָך אין איין עלטער. געדענקסט, אַלטער, ווי מיר פלעגן אַרויסנעמען דורכן פענצטער ביי דיין מאַמען די פלעצלעך, וואָס זי האָט אָנגעבאַקן אויף שבת?

פראָים האָט איינגעקלעמט דאָס קינד צווישן די קני, כדי ס'זאָל ווידער ערגעץ־וואו נישט פאַרקריכן, און בשעת דאָס קליינע, אומרואיקע גופל האָט זיך געצאַפּלט צווישן דעם זיידנס האַרטע, איינגעקלעמטע פיס, האָט פראָים געשמייכלט אַ צופרידענער, דערמאָנענדיק זיך די פּרטים פון זיינע יונגע, לאָבוזעוואַטע יאָרן.

— און אַז מיר האָבן אַרויסגעפירט דעם פּאַן דזשיעדזשיץ פון שטאַל זיינע צוויי שענסטע אָגערס און זיי באַהאַלטן אין זיין אייגענעם וואַלד? האַ, האָ, איז ער דאָס אַרומגעפאָרן מיט זיינע זשאַנדצעס פון שטאָט צו שטאָט און געקוקט אַלע פערד אונטער די עקן! און זיינע אייגענע האָבן דערוויל געהירזשעט אין דער דעברע אונטער די אָלכעס.

— און שפּעטער האָט ער געשאָלטן, דער אַלטער רוח. געדענקסט, פראָים? אָבער אַ פלעשל אָקאָוויט האָט ער אונז געשטעלט, ווען מיר האָבן אים געבראַכט צופירן די פערד. ער האָט נאָר געוואָלט וויסן, ווי אַזוי מיר האָבן זיי געפונען. געווען צייטן אַמאָל, געווען. היינט פאַרשטייט מען זיך שוין נישט מער אויף אַ שפּאַס ווי אַמאָל. יונגוואַרג טויג צו גאָרנישט. ביי די יונגען — מיידלשע הענט. דאָ אַנומלט, ווען ס'האָט היי־יאָר ס'ערשטע מאָל געדונערט, גיב איך אַ זאָג צו מיין זון: אַנו, מאַקסימע, קום נאָר אַהער, לאָמיר זיך אַ פּרואוו טון. אַז נישט, וועלן איינשלאָפן די כוחות אויף אַ גאַנץ יאָר! מיינסט, אַז עס האָט זיך אים געוואָלט רירן פון אָרט?

דערמאָנענדיק זיך די אַמאָליקע צייטן, האָט פראָים כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן קינד. און וואָס שטאַרקער עס איז געוואַקסן זיין פאַראינטערעסירונג פאַר די אַמאָליקע געשעענישן, אַלץ לויזער איז געוואָרן דער דרוק פון זיינע קניען, ביז דאָס קינד האָט זיך צווישן זיי דורכגעגליטשט און אָנגעהויבן צו אַנטלויפן מיט אַ רויט און פאַרשוויצט קעפּעלע. מיט עטלעכע ברייטע שפּרונג איז פראָים פאַרלאָפן דעם קינד דעם וועג און עס אַריינגעכאַפּט אין די צוויי אויסגעשטרעקטע אָרעמס, ווי אין אַ שטייג. ער האָט דאָס קינד צוגעפירט צו אַ בינטל פרישע רישטשע*) הינטער דער סטאָדאָלע.

---

*) יונגע, אָפּגעהאַקטע צווייגן.



און בעת דאָס קינד האָט געפּליקט פון די ברוינע, בויגעוודיקע צווייגן די גראָע סאַמעטענע באַזיעס, איז פראָים געזעסן אויף אַ פּניאַק און געקוקט אויף דער גרינער פּאַסוויסקע, וואָס לויפט פון בערגל קאָפּ אַראָפּ צו דער דעברע צו. אַזש ביז אַהער אַרויף האָט זיך געהערט דאָס גיכע פּלאַפּלען פון וואַסער, בעת עס האָט זיך געריסן פון די הויכע ברעגעס, וואָס האָבן זיך פאַרקלעמט אַרום זיינע לוסטיקע רייד, ווי צוויי שמאָלע, בייזע ליפּן. ווייטער, הינטער דער דעברע, האָבן זיך געבערגלט פעלדער, ווי אויסגעווירעטע שול־העפטן און אַרומגענומען דעם קליינעם פּראָטעסטאַנטישען בית־עלמין. אַ נידעריקער „לעבעדיקער" פּלויט פון יונגע סאָסנע־ביימלעך האָט נישט פאַרשטעלט די עטלעכע גראָע, רונדיקע מצבות, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי בושלעס, וואָס זענען אויפן וועג צו אַ ווייטן לאַנד געבליבן דאָ אויף אַ ווײַלע, כדי זיך אָפּצורוען. און איצט, ווען די חברים האָבן זיי איבערגעלאָזט און אַוועקגעפלויגן, שטייען זיי אויף איין פוס און קוקן זיך אום מיט חשד אין אָט דעם פרעמדן, נישט־באַקאַנטן לאַנד.

פראָים געדענקט זיי אַלע, די וואָס ליגן דאָרט אונטער די גראָע מצבות. די בעסטע ווירטן געווען אין דער גאַנצער געגנט, און עסן און טרינקען האָט יעדער פון זיי געקאָנט פאַר צען. געקומען זענען זיי אַהער מיט אַ פופציק יאָר צוריק, מיט צוויי פאָר פערד און זיבן קי, אָבער זייערע זין און טעכטער האָבן זיי שוין איבערגעלאָזט דריי הונדערט יאָך פעלד מיט וואַלד און פולע שטאַלן בהמות.. די צוויי שוואָגערס, ביזאַנץ און מילער, האָבן אויסגעצאָלט די ירושה די איבעריקע קינדער און אַליין זענען זיי געבליבן ביים פאַרמעגן. אין עטלעכע יאָר אַרום האָבן זיי צוגעקויפט הונדערט יאָך פעלד און געפירט די ווירטשאַפט. נאָר מיטאַמאָל האָט עס זיי אָנגעהויבן צו גיין מיט דער פוטער אַראָפּ. דער אַלטער מילער האָט געהאָלפן אָנגעמען ווייץ אין די זעק, בעת ער האָט אויף אַ פינגער געהאַט אַ קליינע וואונד. ביינאַכט איז אים געשוואָלן געוואָרן די גאַנצע האַנט, בלוי פאַרלאָפן ביז צום עלנבויגן, און דעם דריטן טאָג איז ער געשטאָרבן אין שפּיטאָל פון בלוט־פאַרגיפטונג. ביזאַנץ האָט זיך אויסגעגליטשט אין וואַלד, וואו ס'איז אים באַפאַלן אַ ווילדער חזיר, אויף וועלכן ער האָט פריער געהאַט געשאָסן, און אים אויפגעריסן מיט זיינע שאַרפע ציין די רעכטע זייט, ביז צו די ריפּן. ביזאַנץ איז אָפּגעלעגן אַ לאַנגע צייט, שוואַרץ געוואָרן פון די יסורים און געשטאָרבן. די צוויי אלמנות האָבן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט דער גרויסער ווירטשאַפט. די זין האָבן געדינט אַלס אָפיצירן אין די אַריסטאָקראַטישע רעגימענטן און געשריבן וועקסלען, וועלכע די מאַמעס האָבן געמוזט אויסקויפן. די טעכטער האָבן געלערנט אין ווין אין די טייערסטע פּאַנסיאָנען און בלויז איינמאָל אין חודש געשריבן אַהיים שטיפע,

אַנגעצויגענע בריף. אין קריג זענען געפאַלן ביזאַנצס צוויי זין און מילערס אײדעם. ס'איז געבליבן לעבן בלויז מילערס מוזיניק, דער נאַרעשעוואַטער אַלפרעד, וועלכער האָט צוגעזאָגט יעדער מויד פון דאָרף חתונה צו האָבן מיט איר. אין דאָרף זענען אַרומגעלאָפן אפשר אַ צוויי טוץ קינדער, ענלעך איינס צום צווייטן, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, מיט אַלפרעדס נידעריקן שטערן און זיינע ברייטע, תאוהדיקע ליפּן. ער האָט טאָקע נישט חתונה געהאַט מיט קיין איינער פון די מיידלעך, דערפאַר איז ער שטענדיק געווען פאַרטון אין פּראָצעסן וועגן אַלימענטן. עס איז געקומען אַזוי וויט, אַז קיין שום מאַמע האָט נישט געוואָלט שיקן דינען איר טאָכטער אין הויף „צו די שוואַבעס”. נישט איין מאָל האָט די אַלטע מילעראָווע געלאָזט רופן פּראָימען, אים מכבד געווען מיט אייגענעם דריי־יעריקן ווישניאַק און אים יעדעס מאָל אויפסניי געפרעגט:

— יאַ, מיט וואַס קאָן איך זי בעווירטען, וואַס איזט אינען געשטאַטעט לויט אירן רעליגיאָנס־געזעצן ביי אונז צו געניסן?

און יעדעס מאָל האָט פּראָים געטאָן דעמזעלבן שאָקל מיטן קאָפּ אויף „ניין”, און איר געענטפערט מיט זיין צונויפגעשטוקעוועטן דייטש־יידיש:

— איך דאַנקע פיר אַלץ, גנעדיקע פראַו. דאַס איז גענוג.

ערשט דאַן, ווען פּראָים האָט איינגעטונקען די וואָנצעס אין דעם זיסן, טונקעלן געטראַנק און גענעפּט מיט די ליפּן, ווי אַ מעדיצין, האָט זיך די אַלטע אָנגעהויבן צו באַקלאָגן פאַר אים. זי האָט פאַרלייגט די הענט אויף דעם גראָבן בויך, און געוויגט פויגליש איר קאָפּ פון איין אַקסל צום צווייטן.

— עס געט אַלעס צו גרונדע, צו ג־ר־ו־נ־ד־ע. אונד וואָס ראַטן זי? זי זינט דאָך איין אַלטער פרוינד פאָן אונזערעם האַוזע.

— נישט פאַרקויפן, גנעדיקע פרוי, נישט פאַרקויפן, איך געדענקע, עס האָט געקאָסטעט דעם גנעדיקן הערן, זאָל אָפּגעשיידט זיין — דאָס האָט ער זיך פאַרגאַלאָפּירט און פאַרגעסן, אַז ער רעדט וועגן אַ קריסט — אַ סך מיע, ביז ער האָט דאָס אַלעס צושטאַנדגעבראַכט. און איצט, פאַרקויפן?

נאָר נישט געקוקט אויף פּראָימס עצות, האָט מען דאָך דאָס גוט פאַרקויפט אַ רייכן, אין קריג אויפגעקומענעם חזירניק. און איצט איז נאָך די עטלעכע פרעמדע דורות, וואָס האָבן זיך מיט עקשנות איינגעגעסן אין דער דאָזיקער ערד, געבליבן בלויז אַ בית־עלמין, ווי אַ קליין אַרומגעצוימט גערטנדל.

אָט די אַלע מחשבות זענען פאַר פּראָימען געווען בלויז אַ סטעזשקע, וואָס פירט הינטן־אַרום צו אַ פאַרבאָרגענעם ווינקל אין דער נשמה. און



וואָס וועט יאָסל זאָגן צו אָט דעם אַלעם, ווען ער ייעט צוריקקומען? וועט ער זיך חידושן!

דאָס קינד איז געוואָרן אומרואיק. עס איז אים שוין נמאס געוואָרן דאָס שפּילן מיט די באַזיעס. פּראָים האָט עס גענומען אויף דער האַנט און זיך געלאָזט גיין אַהיים. אַ טאָרקען פון וואָגן האָט זיך דערהערט אויף דעם איינזאַמען וועג הינטער דער שטוב.

## V

ווען פּראָים איז צוגעקומען מיטן קינד צו דער שטוב, איז שוין דער וואָגן געשטאַנען אויף דער פּאָדווירע, און דער קליינער סידאָרקע האָט אויסגעשפּאַנט די פערד. די שנור איז נאָך מיט איין פוס געשטאַנען אויפן ראָד און געגראַבלט אויף דער פור אונטערן שטרויענעם געזעס. אַלץ איז געווען ווי תמיד, בשעת מען קומט אָן פון שטאָט. אין דער נאָז האָט געעגבערט דער ריח פון פרישן געבייטלטן ברויט און פון ווייסע זעמל, די מתנות פון שטאָט, וועלכע העניע האָט איצט פאַרטיילט. דאָס פערד, אַ מידס, האָט געפּריכעט מיט די נאָזלעכער און זיך צוגעכאַפּט זשעדנע צום היימישן גראָז. און דאָך האָט זיך דאָס אַלץ מיטאַמאָל געביטן, אָנגעוואוירן די באַדייטונג פון טאָגטעגלעכע געשעענישן, ווען פּראָים האָט דערזען שטיין אונטערן קאַרשנבוים לעבן הויז צוויי פרעמדע, ברייט צעוואַקסענע מענער מיט אַ קליינער, פאַרדאַרטער פרוי. דער עלטערער פון די מענער האָט געטייטלט מיט די פינגער אויף די אַרומיקע פעלדער און אַריינגערעדט אין דער גלייכגילטיק־בליקנדער פרוי, וועלנדיק זי איבערצייגן אין עפּעס. דער צווייטער האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, געוואַרט אויף אַ צושטימונג, אָבער די קליינע, גרויע אויגן פון דער פרוי האָבן נישט געוואָלט נאָכגיין אין דער ריכטונג פון מאַנס האַנט. זיי האָבן זיך עקשנותדיק אַריינגעבויערט אין דעם שטיקל ערד ביי די פיס. האַרטע קנייטשן, ווי ראָוועס אָנגענומען פול ביז צום ראַנד מיט ווייטיק, האָבן זיך צונויפגעצויגן אַרום מויל און פאַרוואַנדלט די ליפּן אין צוויי דינע, בלויע ווירעס, וואָס שרייכן דורך מיט איינמאָל שאַרף און דייטלעך אַלע פרעגצייכנס פון די מענערישע בליקן.

ווען העניע האָט צוגענומען דאָס קינד פון פּראָימס הענט, האָט ער זיך צוגעשאַרט צו די פרעמדע, זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָן בוים, און געוואָלט הערן וועגן וואָס מען שמועסט דאָרט. דער עלטערער האָט זיך אויפגעקנעפּלט דעם העמד־קאָלנער און געווישט דעם פאַרשוויצטן קאַרק מיט אַ גרויס, רויט טיכל.

— פּאַניע, איר זענט אַ היגער?

האָט ער אַ פרעג געטון מיט אַ פרעמד־קלינגענדיקן אַקצענט, וועלכער האָט דערמאָנט גלייכצייטיג אי בעהמיש, אי אוקראַיניש:

— וואָדען?

האָט עס פראָים אַ פאַרשמורעטער געענטפערט. ער האָט געוואָלט דערגיין, פונוואַנען עס קומען די דאָזיקע אומגעבעטענע פאַרשוינען, וואָס ווילן זיי דאָ אייגנטלעך — און געזוכט די פאַסיקע ווערטער. די שנור איז באַלד צוגעלאָפן מיטן קינד אויף די הענט, און זיי פאַרבעטן אין שטוב עפּעס איבערצובייסן. אין שטוב אויפן טיש זענען שוין געשטאַנען אָנגעגרייט די יום-טובדיקע בייכיקע בעכערלעך אַרום אַ פלאַש מיט קימל־בראָנפן. העניע האָט באַזעצט די פרעמדע אַרום טיש, דערלאַנגט ברויט, קעז, פּוטער און זיך געפּאָרעט אַרום זיי אַ גליקלעכע און צעיאַכמערטע, ווי אויף אַ חתונה. די מענער האָבן געטרונקען „לחיים" צו דער קליינער, פאַרדאַרטער פרוי און צווישן יעדע צוויי ווערטער אַריינגעוואָרפן אַ „יעס, יעס".

די פרוי האָט אַריינגעגאָסן די גלעזלעך בראָנפן טיף אין האַלז אַריין, פאַרמאַכנדיק דערביי די אויגן, ווי ביים איינגעמען מעדיצין.

באַלד איז מען אַוועק פון שטוב. פאָראויס איז געגאַנגען העניע. זי האָט זיך קודם אָפּגעשטעלט ביי דער שטאַל, אויפגעמאַכט דאָס שמאָלע טירל און אַריינגעלאָזט די פרעמדע געסט אינעווייניק. די מענער האָבן איינגעבויגן די קעפּ, כדי אויסצומיידן אַ קלאַפּ פון נידעריקן באַלקן. פראָים איז געבליבן שטיין אַליין אין דרויסן ביים לײדיקן, אויסגעשפּאַנטן וואָגן און אַראָפּגעיאָגט די הינער, וואָס האָבן צעוואָרפן די שטרויענע געזעסן. זיינע הענט האָבן ווילד געפּאָכעט אין דער לופטן, ווי זיי וואָלטן געהאַט צו קעמפן מיט מינדעסטנס הונדערט שונאים. די הינער, דערשראָקענע, זענען מיט אַ הויכער קוואָקעריי אַראָפּגעפלויגן פון וואָגן מיט צעשפּרייטע פליגלען. איצט האָט שוין פראָים געוואוסט, אַז דאָס האָט זיין שנור אַראָפּגעבראַכט סוחרים אויפן פעלד. ווען העניע איז אַרויס פון שטאַל און זיך פאַרקירעוועט אין פעלד אַריין, האָט פראָים נישט געקאָנט לענגער בלייבן אויף זיין אָרט און האָט איר אָנגעהויבן נאָכצוגיין מיט דער שמאָלער סטעזשקע. די אונטערגייענדיקע זון האָט זיך אַראָפּגעקוילערט אונטער דעם טונקעלן וואַלד און געצונדן די ווערכעס פון די הויכע סאָסנעס. פרילינגדיקע נעפּלען האָבן מיט אַ בלוי־פיאָלעט הייטל אַרומגענומען די לאָנקעס. פון די לאָנקעס האָט זיך אויפגעהויבן אַ בושל. פילנדיק די אָנקומענדיקע נאַכט, האָט ער זיך געאיילט צו דערגרייכן וואָס פריער זיין נעסט. ער איז געפלויגן נידעריק, זיינע פליגלען, ווי אויסגעפּראַנזטע שוואַרץ־ווייסע טיכער, האָבן געפּאָכעט כמעט איבער די קעפּ. ביידן ווינטערדיקע תבואה זענען נאָכגעלאָפן דער



אונטערגייענדיקער זון, ווי גרינע, געדיכט־באַפּעלצטע חיהלעך. דאָס פעלד האָט געכוואַליעט מילד בערגלדיק, און נאָר אין טייל ערטער, ווי ס'וואָלט זיך געוואָלט רייצן מיט עמעצן, האָט עס אין קליינע פאַרטיפונגען אויס־באַהאַלטן ווינטערדיקע פייכטקייט.

די צוויי פרעמדע מענער זענען געבליבן שטיין יעדע פאָר שריט. דער עלטערער האָט זיך פון צייט צו צייט אַראָפּגעבויגן, און אָנגעמענדיק פולע זשמעניעס ערד, זיי צעריבן צווישן די פינגער.

— האָסט עס נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן, אַנטעק — האָט זיך אָנגערופן דער יינגערער. — מ'זעט, אַז דו גלויבסט ניט אינגאַנצן דעם קנאָכנמעל, וואָס טרייבט אונטער די תבואה, און ווילסט זען, וואָס דאָס גרינע דעקט צו.

— און דו מיינסט, אַז מ'קאָן אַזוי לייכט פאַרגעסן דאָס, מיט וואָס מען האָט צו טון די גאַנצע צייט, זינט די קינדער־יאָרן? דורך די אַלע יאָרן, וואָס כ'האָב געאַרבעט אין אַמעריקע אין אַ שאַפּ, האָב איך בלויז געקלערט וועגן דעם אַלעם. צונויפגעלייגט אַ סענט צו אַ סענט, נישט פאַרגונען זיך אָנצועסן צו דער זעט. זע, די האָר מיינע זענען מיר אַרויס־געפאַלן. אַ נאַקעטער שאַרבן. מען קאָן נאָך מיינען, חלילה, אַז ס'איז פון צופיל חכמה, האַ־האַ־האַ! און דאָס, ברודער, איז פון צופיל אַרבעט. טיילמאָל, דאָרט, אַז איך בין געשטאַנען ביי דער מאַשין און געמוזט היטן די פינגער פאַר די שאַרפע שטאָלענע ציין, האָב איך זיך דאָך נישט געקאָנט איינהאַלטן און בגנבה געוואָרפן אַ בליק דורך די שפינוועב־באַדעקטע פענצטער, געוואָלט זיך כאָטש דערמאָנען, וואָס פאַר אַ צייט עס איז דאָרט אין דער היים, צי טיילמאָל אָנגענומען אַן אייזערנע שטאַבע, ווי אַ קאָסע, און זיך פאַרמאָסטן מיט איר, ווי ס'וואָלט אונטער די פיס אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע געוואַקסן צייטיקע תבואה. און ווי זיי האָבן מיך דעמאָלס אויסגעלאַכט, די דראַבעס! איך האָב אָבער געוואוסט ביי זיך: נאָך אַ יאָר, נאָך צוויי, און אַ דאָלאַר צו אַ דאָלאַר, דאַן וועל איך דאָס אַלעס פּטור ווערן, אַהיימפאָרן און אָנהויבן צו אַרבעטן אויף אַן אייגן שטיקל פעלד.

די פרוי האָט אויפגעשוידערט, אַרומגענומען פעסטער אַרום די אַקסלען איר טוך און געוואָרן מיטאַמאָל נאָך קלענער און דאַרער. זי האָט אויפגעהויבן צו איר מאַן די אָפּגעבלאַקעוועטע אויגן, און די אָדערן פון האַלדז האָבן נאָך שאַרפער געהויבן די פאַרוויאַנעטע שמאַטעדיקע הויט. איר קול איז געווען הייזעריק און פול מיט שנאה.

— איצט וועסטו שוין האָבן גענוג, ביז צום דערוואָרגן ווערן.

איר מאַן האָט זי אָנגעקוקט מיט תמעוואַטע אויגן, ער איז געבליבן שטיין אויף איין אָרט, מיט אַן אויסגעשפּרייטער האַנט, פון וועלכער עס האָט אַ פאַרנאַכטיק ווינטל פונאַנדערגעבלאָזן די פייכטע ערד.

עס איז צוגעקומען דער יינגערער פויער, אַ קלאַפּ געטון דעם שוואָגער איבער אַן אַקסל:

— וואָס האָרכסטו פּלוצים אַ ווייב? „מיינע" האָט מיר נישט קיין שום דעה אַריינצוזאָגן. ער האָט אָנגענומען די שוועסטער ביים אַרבל, וועלנדיק זי באַרואיקן.

— קום, מען האָט נאָך נישט אָנגעקוקט אַלץ.

אָבער די פרוי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— צו וואָס קויפסטו איצט דאָס פעלד, פרעג איך? ווער וועט אויף דעם אַרבעטן, האַ? קוק מיך אָן, נאַ, קוק מיך אָן, הויט און ביינער. געבליבן מיט פיצלעך קינדער אָן אַ סקיבע ערד; געהונגערט דורך אַזוי פיל יאָרן; די צוויי עלטסטע באַגראָבן, די נויט האָט זיי אויפגעפרעסן, בעת דו האָסט זיך אָנגעשטאָפּט מיט דיין פאַרשאָלטן געלט; דאָס דריטע שפּייט שוין אויך מיט בלוט, ס'איז דאָס לעצטע; און דו האָסט דאָס געלט געדושעט אונטער דעם בוזעם, קיין איין גרייצער נישט געשיקט דורך די אַלע יאָרן. איצט ביסטו טאַקע רייך, אָבער ווער דאַרף דיך איצט מיט דיין געלט? ווען מיינע קינדער עפּעס האָבן דערפון? בעסער וואָלסטו דיר שוין דאָרט געבליבן, וואו דו ביסט געווען ביז איצט, וואָלט כאָטש אַזאַ ווייטיק נישט געווען.

זי איז געשטאַנען אַנטקעגן מאַן קליין און איינגעשרומפּן, ווי אַ פריציייטיק פאַרדאַרטער בוים. אויף די באַקן האָבן זיך באַוויזן רויטע, פיבער־אָנגעגליטע פלעקן. פון גיכן, אָנגעשטרענגטן רעדן איז זי זיך פאַרגאַנגען מיט אַ לאַנגן, קייכעדיקן הוסט. דער אָפּגעהאַקטער, סווישטשענדיקער אָטעם האָט געשניטן די לופט, ווי דער רימען פון אַ בייטש. בשעתן רעדן האָט זיך איר דאָס שאַלעכל אַראָפּגערוקט פון קאָפּ און אַנטבלויזט דעם שאַרבן מיט די שיטערע, גרוילעכע האָר. ווען זי האָט ענדלעך אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט זיך אין אירע ליפּ־ווינקלען געבלעזלט בלוט־געראָויטלטער שוים. אירע אָפּגעשוואַכטע, ציטערנדיקע פּיס האָבן אַריינגעטראָטן אין דער לויזער, פוכקער ערד שוואַרצלעכע שטיקער פון אויסגעשפּיגענעם לייכעץ.

העניע האָט אונטערן פאַרטוך געריבן נערוועז די פינגער.

— אפשר איז דאָ צו קיל פאַר איך? קאָן מען אַריינגיין אין שטוב.

פאַמעלעך איז מען צוריקגעגאַנגען מיט דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן מען איז פריער אָנגעקומען. פראָים איז געבליבן אויפן בערגל איינער אַליין. ער האָט אַריינגעבויערט מיט כעס דעם שטעקן טיף אין ד'ערד, דורכרייסנדיק אַ געדיכטע נעץ פון וואָרצלען, ווי ער וואָלט געוואָלט דורכ'ן שטיק האָלץ אַריינוואַקסן מיט זיין גאַנצן לעבן אין די אומבאַקאַנטע טיפענישן.



# VI

די צוויי שוואָגערס האָבן בשותפות געקויפט ביי העניען דאָס פעלד מיט די געביידעס און מיטן גאַנצן לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר. אין שטוב האָט מען וועגן דעם נישט גערעדט. פראָים האָט נישט געפרעגט, און העניע האָט געשוויגן. וועגן פאַרקויף איז פראָים געוואויר געוואָרן ערשט מיט אַ וואָך שפּעטער פון שמואל לייב „קליאַמקע", דעם אויפגעקומענעם עושר. שמואל־לייב איז אָנגעקומען מיט דער סטעזשקע הינטער דער שטאַל און געטראָפן פראָימען ביים אויסקלייבן די בולבעס פון נאַר־וואָס אויפגעמאַכטן קאָפּיעץ*). דאָס שטרוי, געל און פאַרדומפּן, איז געלעגן פונאַנדער־גענומען פוןביידע זייטן און פריי געלאָזט די מיט ווייסע וואָרצלען איין מאַסע צונויפגעקלעפּטע בולבעס. פראָים האָט זיי סאָרטירט, געוואָרפן אין באַזונדערע קוישן, די גרעסערע צום עסן און די קלענערע צום זעצן. אַז עס האָט געטראָפן אַ פאַרפוילטע, האָט ער זי אַ שליידער געטון ווייט פון זיך, און די ברוינע, צעוווירענע יויך האָט מיט אַ דינעם שנירל באַשפּריצט דאָס העל־גרינע, יונגע גראָז.

— אַ גוט העלף, — האָט אַ מרוטשע געטאָן אונטער דער נאָז שמואל־לייב.

פראָים האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים, איבער וועלכן עס איז געפלאָסן דער שוויס מיט דינטשינקע ווירעס, נאָר דערזעענדיק שמואל־לייבן, האָט ער באַלד צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— גוט העלף, גוט יאָר.

פראָים האָט פיינט געהאַט דעם דאָזיקן אויפגעקומענעם עושר, פון וועמענס מלבושים עס האָט זיך נאָך נישט אויסגעלופטערט דער ריח פון נבלה. ערשט נישט לאַנג האָט ער אין אַלע אַרומיקע דערפער געשונדן קי און פערד, ביז דער קריג האָט אים „געמאַכט פאַר אַ מענטש", ווי ער אַליין באַרימט זיך. קודם־כל האָט ער אָפּגעקויפט ביים מיליטער די פעלן, שפּעטער „גאַליפערט" היי און שטרוי, און דאַן איז ער שוין געוואָרן ביי „זיי" אַ גאַנצער שמעלקע, די רעכטע האַנט פון די אָפיצירן. ער האָט אָנגעהויבן צו באַפרייען די יונגע מענער פון מיליטער, פאַרשטייט זיך, פאַר געלט. און טאָמער האָט עמעצער נישט געהאַט די נויטיקע סומע געלט אויף צו באַצאָלן, האָט נישט געהאָלפן קיין שום חלשן און בעטן. ער האָט זיך געשטעלט ביי דער טיר און פון דאָרט געקוקט אויף די שטוב־מענטשן מיט אַ צערטלעך־חניפהדיקן בליק, וואָס האָט נישט אָנגעזאָגט קיין שום גוטס.

---

*) חשון־צייט ווערן די אויסגעגראָבענע בולבעס אַרומגעשטעלט מיט שטרוי, אויף וועלכן מען שיט אָן אַ סך ערד, כדי זיי צו באַוואָרענען פאַר די פרעסט.

— אזוי לאנג ווי עך האלט נאך די קליאמקע אין האנט, האט איר צייט. טאמער לאז עך זי נאך, איז פארפאלן, און עך האלט ווארט.

לייכטער, איבערבעטן האבן זיך געזעגנט מיט דער ליכטיקייט פון טאג און געווארט אין טונקעלע קעמערלעך, אונטער די בעטן פון פרעמדע מענטשן, ביז מען וועט זיי אויסלייזן. אלץ, וואס האט נאר געהאט עפעס א ממשותדיקן ווערט, האט געוואנדערט אין די הענט פון פראצענטניקעס. מען האט זיך אפגעשפארט פון מויל, כדי צו ראטעווען די נאענטע, און שמואל־לייבס קאליטע *), וועלכן ער האט שטענדיק געטראגן אויף זיין באהארט הארץ, איז מיט יעדן טאג מער געשוואלן געווארן. די מענטשן, די הילפלאזע, ארעמע טשערעדע, וועלכע שמואל־לייב האט אזוי אומברחמנותדיק געפליקט, האבן זיך אן אים אנדערש נישט געקאנט נוקם זיין, סיידן דורך צוטשעפען אים דעם צונאמען „קליאמקע״.

— שיינע בולבעס, כ׳לעבן, ווי די ניס. נאר וואס ביסטו אזוי פאר־שוויצט, פראימקע?

— מ׳וועט נאך היינט זעצן, ס׳איז נישטא קיין צייט.

— ווער וועט זעצן?

— וואס הייסט, ווער? עך מיט סידארקען, און אז העניע וועט צוריק־קומען, וועט זי אויך צוהעלפן.

— אהא, ווי כ׳זע, קלויבסטו זעך נאך א גאנצן זומער צו בלייבן מיט אונז. אבי מענטשן רעדן שוין.

פראים האט פאמעלעך אפירגעשלעפט די פיס פון אונטער דעם אנגע־ווארפענעם שטרוי און איז געבליבן שטיין פאר שמואל־לייבן.

— וואס רעדט מען אין דארף?

— נו וועגן דעם פארקויף און וועגן די אמעריקאנער דאלארן.

פראים איז אנטשוויגן געווארן. ער האט געפילט, אז שמואל־לייב ווארט בלויז אויף א פאסיקער געלעגנהייט, כדי ער זאל קענען חוזק מאכן פון אים, אזוי ווי פון אלע און אלץ ארום. דער הארטער, ארויסשטארטשענדיקער קנאפ פון פראימס דארן האלז האט זיך שווערלעך גערוקט ארויף און אראפ, ווי ער וואלט געוואלט פארריגלען אויף אייביק די ווערטער, וואס האבן זיך געריסן ארויס. אין מויל איז אים געווארן טרוקן און הייס, ווי מ׳וואלט דארט אנגעשיט פעפער. ענדלעך האט אביסל סלינע פייכט געמאכט דעם גומען. דער ביינערדיקער קנאפ האט זיך אויפגעהויבן מיט איין רוק און דורכגעלאזט א צוגעדושעטן, פארקלעמטן: „הא?״

*) לעדערנער, זאקארטיקער בייטל.



שמואל־לייב האט זיך צולאכט.

— נו, מאך דעך נישט אזוי תמעוואטע. האסט נישט וואס מורא צו האבן. פאר פרעמדע קענסטו מאכן אן אנשטעל, אבער מיר ביידע זענען דאך עפעס „נא פאן בראט״. עך זאג עס איעדן, אז דו האסט א גרויסע חכמה געטאן. היינט, ברודער, קען מען מיט צוואנציק „פייגל״ *) מאכן א לעבן. מען מוז נישט ווארטן א גאנץ יאר אויפן סנאפ און לעבן אין איין שרעק ביי יעדן קלענסטן כמארקעלע.

פראימס הארטע, גרויע ברעמען האבן זיך ענג צונויפגעצויגן, ווי צוויי דעכלעך, וואס ווילן אויסהיטן דאס פנים פאר דעם פארכמארעטן שטערן. שמאלע, דינע אדערלעך, וועלכע זענען שוין פון לאנג פארטריקנט געווארן אונטער דער צעקנייטשטער, געלבליכער הויט, האבן זיך אויפסניי אנגענומען מיט בלוט און באדעקט דאס פנים ווי א קאלירטע נעץ.

— ס׳איז דאך נישט מער ווי א שפאס, שמואל־לייב?

— זאל דיר זיין אזוי צום גוטן. מאלע, וואס א מענטש וויל? אבער יודל וועפרינע האט שוין אפילו באקומען דאס מעקלעריי. לייכט פארדינט, כ׳לעבן.

וואס האט ער זיך דא געשטעלט, דער שמואל־לייב, און קראקעט ווי א ווארנע? אמליבסטן וואלט אים פראים דערשטיקט אין אט דער רגע. ער האט אבער בלויז די הענט אריינגעשטעקט אין די קעשענעס פון זיין געלאטעטן, וואטענעם וועסטל און זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו שמואל־לייבן. האט זיך יענער ארומגעבונדן די שטרויענע פערעוועסלע ארום זיין קורצן, אויסגעקראכענעם פוטערל און איז אוועק מיט זיין ברייטן, וויגנ־דיקן גאנג.

## VII

עס איז שוין צייט געוועזן צו מעלקן די קי, און העניע איז נאך אלץ נישט געקומען. פראים האט אריינגערופן א שכנטע, די אלטע יאקימיכע, ער האט צעהאקט אין א שעפל אביסל בולבעס, אויסגעמישט מיט פאר־פארעטער סיעטשקע **) און דאס געגעבן די קי צו דער מעלק. אין דער האלב־טונקעלער שטאל איז געוועזן היימלעך און שטיל. עס האט זיך בלויז געהערט דאס סיקען פון דער מילך אין ליידיקן הילצערנעם עמער. פראים האט אפערגעשלעפט פון א ווינקל אן אלט צעבראכן בענקעלע, אנגעשפארט

*) צוויי הונדערט דאלאר, אין פאלקס־לשון.

**) דין געשניטן שטרוי.

עס אָן אַ סלופּ און זיך אַוועקגעזעצט נישט ווייט פון דער אַלטער יאַקימיכע. ער האָט געקוקט אויף די גיכע באַוועגונגען פון דער אַלטער פּויערטעס הענט. די אָדערן האָבן זיך ביים מעלקן אָנגעצויגן, ווי האַרטע דראָטן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט יעדע רגע וועגן זיי צערייסן די פּאַרמעטגעלע, אָפּגעניצטע הויט און וועלן אַפּירשפּרינגען פון איר. איבער די קינדיש־שמאָלע עלנבויגנס איז אַוועקגעשטאַנען ברוינע האַרטע הויט. אַ זונשטראַל, וועלכער האָט זיך אַריינגעגנבעט דורך אַ שפּאַרע, האָט אַנטבלויזט פּיאַלעטע, געלפּאַרלאָפענע פלעקן אויף איר איינגעשרומפּענעם לייב. פראָים האָט געקוקט מיט אָנשטרענגונג אויף אָט די שטומע עדות פון עמעצנס אכזריותדיקייט און לאַנג אַרומגעקייט די אייגענע פינגער־נעגל, איידער ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— פון וועמען האָסטו דאָס?

די קו האָט אויפגעהויבן דעם קויט־באַשווערטן עק, כדי אָפּצויאָגן פון זיך די פליגן, וואָס האָבן זיך אַריינגעזויגן אין איר פעל, און אַ שמיץ געטון מיט אים, ווי מיט אַ בעזעם, איבער דער אַלטערס קאָפּ און הענט. די יאַקימיכע האָט אַ גלעט־געטון דעם פוס פון דער קו, וועלכער האָט אונטער די שאַרפע פליגנביס נערוועז געציטערט. זי האָט עטליכע מאָל אָפּגעהוסט, גלייך די ווערטער וואָלטן זי געשטיקט אין האַלז:

— נו, יאָ, טאַקע פון אים, פון מיין זון.

אַ ווײַלע איז געווען אין שטאַל גאַנץ שטיל, גלייך ווי צוויי אַלטע מענטשן וואָלטן זיך אַליין דערשראָקן פאַר אָט די ווערטער. אין דער שטילקייט האָט זיך בלויז געהערט דאָס זשומען פון די פליגן, וועלכע האָבן ווי זונשטויב געציטערט אין דעם פּאַס ליכט, וואָס איז אַריינגעפאַלן דורך די שפּאַרעס פון דער טיר.

דאַן האָט די יאַקימיכע אָנגעהויבן אויפסנײַ, ווי זי וואָלט גערעדט צו זיך אַליין:

— אַזש מענטשן זענען זיך צונויפגעלאָפן און מיך אַרויסגעשלעפּט פון אונטער זיינע הענט. ס'איז דען אַ חידוש? עס פעלט אין שטוב אַ שטיקל ברויט, אַ בולבע, און די קינדער וויינען: עסן. ער ווייסט אַליין נישט, צו וועמען דאָס ביטערע האַרץ אויסצולאָזן. שלאָגט ער מיך, וואָס טויג שוין סיי־ווי־סיי צו גאָרנישט, אָן אַלטע סטערווע — זאָל ער שלאָגן. אפשר וועט אים דערפון גרינגער ווערן. כ'וואָלט אָפּגעטרעטן פון שטוב, נאָר וואוהין זאָל איך גיין אויף מיינע אַלטע יאָרן?

זי איז אויפגעשטאַנען פון אונטער דער קו. אויך פראָים האָט זיך אויפגעהויבן און שווער און אומגעלומפּערט אויסגעגלייכט די ביינער, גלייך



זיי וואָלטן זיך צונויפגעוואַקסן אין דער האַלבער שעה, וואָס ער איז געזעסן אויף דעם לאָמען בענקעלע. ער האָט אָנגענומען די מילך־קאַן ביים אויער און זי געטראָגן בשותפות מיט יאַקימיכען אין שטוב אַריין. עס איז זיי אַנטקעגנגעלאָפן דאָס קעצל און מיט זיין ווייכן, גרוי־באַשפּרענקלטן לייב זיך שלאַנג־גלייך געוויקלט אַרום די פיס. ווען די מילך, אַ דורכגעזייטע, איז שוין געשטאַנען אין ערדענע טעפּ אויף אַ לאַנגער באַנק אין קאַמער, האָט זיך יאַקימיכע אָנגעהויבן צו קלויבן אַהיים. פראָים האָט אָנגעגאָסן אַ טעפּל מילך און עס איר דערלאַנגט.

— טרינק, יאַקימיכע, ס'איז היינט.

פון צווישן דער איינגעהויקערטער פּלייצע האָט זי צו פראָימען אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים באַלד צוריק אַראָפּגעלאָזט. אירע נאַקעטע, ציינלאָזע יאַסלעס האָבן שטילערהייט געקייט ווערטער, וועלכע האָבן בשום אופן נישט געקאָנט געפינען דעם וועג אַרויס. ערשט ווען פראָים האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פאַרקראַטעוועטן, קליינעם פענצטערל, האָט זי, נישט פילנדיק מער זיין בליק אויף זיך, שטיל געענטפערט:

— איך בין נישט הונגעריק, כ'לעבן. גיט מיר ליבערשט די מילך אַהיים, פאַר „זיי״. דאָס טעפּל וועל איך אייך תיכף צוריקברענגען, אָט די רגעטשקע.

פראָים האָט איר נאָכגעקוקט דורכן פענצטערל, ווי זי איז מיטן טעפּל אין די הענט געלאָפן צווישן די פּלויטן, אַזוי ווי אירע פיס וואָלטן מיטאַמאָל ייִנגער געוואָרן מיט אַ סך יאָרן. דאָס הויקערל, וואָס יאָרן פון אַרבעט און שווערער מי האָבן אַרויפגעזעצט אויף איר פּלייצע, האָט זיך געהויבן ריטמיש מיט איר יעדן טראָט. פראָים האָט מיטן שטעקן געבויערט אין אַ מייזנלעכל, וואָס ער האָט פּלוצים אַנטדעקט אין אַ ווינקל פון דער קאַמער.

— נו, אוודאי, דעם זון אירן טראָגט זי די מילך, אוודאי.

## VIII

העניע איז געקומען ערשט פאַרנאַכט, ווען די שאָטנס פון די קאַרשנביימער זענען שוין געלעגן לאַנג אויסגעצויגן איבער דעם וועג נעבן הויז. אויף די הענט האָט זי געהאַלטן דאָס פון זונהיץ און שלאָף צעפלאַמטע קינד. העניעס שוועסטער, וועלכע איז מיט איר מיטגעקומען, האָט געהאַלטן איבער דעם קינדס קעפּל אַ ברייטן, שטרויענעם הוט. פראָים האָט צוגענומען פון העניען דאָס קינד, אויסגעשפּיצט די ליפּן צו אַ לאַנגן „צי־צי, צצצ״ און געוואונקען צו די פרויען, זיי זאָלן אויפהערן צו רעדן, מחמת דאָס

קינד וועקט זיך. ער איז געגאַנגען מיט טענצלדיקע טריט, וואָס האָבן געזאָלט דאָס קינד איינוויגן. פאַר דער שטוב איז ער געבליבן שטיין און געטאַפּט אַ לאַנגע צייט מיטן פוס די אויסגעריבענע שוועל, כדי דאָס קינד זאָל זיך נישט אויפוועקן פון אַן אומגעריכטן, האַרטן שטויס.

העניעס ייִנגערע שוועסטער ,דאָס כלה־מיידל, מאַליע, איז אַרומגעגאַנגען אַ צעשטראַלטע, זינגענדיק אַ גאַנצן טאָג, גלייך דאָס גרעסטע גליק וואָלט זי געטראָפן. אין שטוב האָט עס אויסגעזען ווי אויף אַ יאַריד. מ׳האָט געוואַשן וועש, געלופטערט אַלטע קופערס, געפּוצט די לייכטער און די קופּערנע פענדלעך. אָבער גאָר ווייניק האָט מען זיך אומגעקוקט אויף דער ווירטשאַפט. די הינער האָבן אויפגעריסן אין גאָרטן די פריש־פאַרזעצטע בייטן. יעדן טאָג זענען עטלעכע יונגע הינדלעך דערטרונקען געוואָרן אין די פולע צעבערס מיט סערוואַטקע און פּאָמיעס. די קי האָבן זיך אָנגעפרעסן מיט פרישן, פייכטן קליי און עס האָט זיי אָנגעבלאָזן ממש צום פּלאַצן. פראַים האָט זיי אָנגעריבן די זייטן מיט אַ שטרויענעם וויעכעטש, אַריינגעלייגט וואַלגער־העלצער צווישן די ציין און אַרומגעפירט איבער דער פאָדווירע הין און צוריק, ביז די זייטן האָבן אָנגעהויבן צוריק איינצופאַלן.

אין די דאָזיגע טעג האָבן שווער און שנור כמעט נישט גערעדט איינס צום צווייטן. פראַים האָט בכיוון אויסגעמיטן העניען. דאָס גאַנצע דאָרף האָט שוין גערעדט אויף אַ קול, אַז אינגיכן קומען נייע באַלעבאַטים אויף פראַימס פעלד. נאָר פראַים האָט אַלץ נישט געגלויבט. און העניע האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. דאָס שווייגן איז געלעגן צווישןביידן ווי אַ טויטער שטח, איבער וועלכן אַריבערצושפּרינגען פעלט זיי דער מוט. שטומע דערוואַרטונג אויף עפּעס אַן אויסוועג, וועלכער דאַרף קומען פון דרויסן און זיי ביידן באַפרייען, האָט געשטיקט די צוויי מענטשן. ביז פראַים, נישט קאָנענדיק לענגער איבערטראָגן די אומגעוויסהייט, האָט זיך אין איינעם פון די נאָענטסטע מאַרק־טעג אַרויפגעכאַפּט אויף אַ פור און איז געפאָרן אין שטאָט אַריין, געוואָר צו ווערן ביים נאָטאַר דעם גאַנצן אמת.

פראַים האָט געמוזט לאַנג וואַרטן אין אַ טונקעלן פאָרצימער, ביז דער נאָטאַר האָט אים אַריינגערופן. אויף בענק און בענקלעך זענען געזעסן פויערים און פויערטעס פון די אַרומיקע דערפער. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך שטיל, אַזוי ווי לעבן זיי וואָלט געלעגן אַ טויט־קראַנקער. ווען עמעצער פון זיי האָט זיך אויפגעהויבן, כדי אַריינצושפּייען אין דעם בלומענטאָפּ מיט דער פאַרגעלטער פּאַלמע, איז ער געגאַנגען איבערן צימער אויף די שפּיצן פון די פינגער.

ערשט נאָך צוויי שעה וואַרטן האָט דעם נאָטאַרס משרת אַריינגערופן פראַימען. ביי אַ גרויסן, ברוינעם שרייב־טיש, וואָס האָט אים דערלאַנגט



ביז צו דער שמאָלער ברוסט, איז געזעסן אַ קליין מענטשל מיט אַ פאַרגעלט פּנים, אונטער אַ הויכן, ברייטן שטערן. ער האָט אויפגעהויבן פון אַ שטויס פּאַפּירן צו פראַימען די אויגן און אים תיכּף דערקענט.

— וואָס ברענגט איר עפּעס גוטס, פּאַניע גערבער?

— כ׳בין געקומען, געקומען וועגן איין זאַך. עך האָב דאָ געמאַכט אַן אינטאַבולאַציע, פּאַניע נאָטאַריושו.

דאָס בענקל אונטער פראַימען האָט אומגעדולדיק אַ סקריפּע געטאָן, פאַרראַטנדיק פראַימס אומרואיקייט.

— יאָ, יאָ, כ׳געדענק: איר האָט אייער פאַרמעגן פאַרשריבן דעם זון.

פראַים האָט זיך מער נישט געקאָנט באַהערשן. לאַנג צוריקגעהאַלטענע ווערטער האָבן זיך מיט אַמאָל אַ גאָס געטאָן פון זיין מויל, הויך און שטראָמיק ווי אַ וואַסער, וואָס רייסט פּלוצלינג דורך די גרעבליע:

— און איצט שמועסט מען גאָר, אַז מיין שנור האָט אַלץ פאַרקויפט! מיט וואָס פאַר אַ רעכט, פרעג עך, ווי אַזוי קומט דאָס?

די בלאָע, אויסדרוקספולע אויגן פון נאָטאַר האָבן זיך אויפגעהויבן צו פראַימען מיט דער שטרענגקייט פון אַ געוויסנהאַפטן באַאַמטן, וועלכער אָנערקענט אין לעבן בלויז איין מאַכט — די מאַכט פון פּאַראַגראַף.

— ווי אַזוי איז דאָס געשען? פּאַניע גאַרבער, ווייסט איר טאַקע אויף אַן אמת פון גאָרנישט?

דעם נאָטאַרס הענט, ברייט און קנאָכיק, ווי די הענט פון אַ האָלצהעקער, האָבן אָנגעהויבן זשעדנע און מיט עפּעס אַ באַהאַלטענער תאווה אַרומצוזוכן צווישן דעם שטויס פון אָנגעלייגטע פּאַפּירן. דורך די לאַנגע אָרעמס, צופּיל דערווייטערטע פון גוף, האָבן די צוויי הענט געפירט אַ זעלבסט־שטענדיק לעבן. אַ בייזס און אַ האַרטס. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט וועלן זיי זיך אָוועקרייסן פון די אָרעמס און צעקוועטשן דאָס קליינע קאַרלאָוואַטע גופל, צו וועלכן זיי זענען צוגעטשעפּעט געוואָרן צוליב עפּעס אַ ווילדן קאַפּריז פון לעבן און זיך אַזוי אַרום נוקם זיין פאַר דעם לעכערלעכן טעות פון גורל. דער נאָטאַר האָט דורכגעוואָרפן די בלעטער פון אַ גרויסן, שווערן בוך. אין דער שטילקייט האָבן די בלעטער געשאָרכט, אַנטלויפנדיק איינס פאַרן צווייטן, ביז עס האָט זיי אָפּגעשטעלט דער גאָלד־באַרינגלטער פינגער פון נאָטאַר און אַלץ צוריק פאַרוואַנדלט אין שווייגנדיקער דער־וואַרטונג. ווי אַ פאַרזשאַווערטע שרויף האָט זיך אַריינגעבויערט דעם נאָטאַרס הייזעריק קול אין די אויערן:

— די פּאַרצעלעס 405־6, די פּאַרצעלעס 205, 206, 207 און די געביידעס נומער 53...?

דער נאָטאַר האָט געמאַכט אַ פויזע. פראָים איז אויפגעשטאַנען פון בענקל און אָפּגעאָטעמט עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד, אַזוי ווי זיין ברוסט וואָלט זיך געוואָלט באַפרייען פון אַ שווערער לאַסט. ער האָט פעסטער אַרומגענומען דעם שטעקן און בלויז בלוי־ווייסע פלעקן אויף די פינגער האָבן פאַרראַטן זייער שטאַרקן, קראַמפּאַרטיקן דרוק. די אָדערן, אָנגעשוואָלענע פון צוריקגעהאַלטענעם בלוט, האָבן געוואָלט דורכרייסן די ברויענע, אָפּגעברענטע הויט איבער די שלייפן.

— די דערמאָנטע פאַרצעלעס האָט עפראַים גערבער, פּאַלזע שטאָק אינטאַבולירט דעם 18־טן פעברואַר 1913, זיין זון, יאָסף גערבער, פּאַלזע שטאָק. דער אויבנדערמאָנטער יאָסף גערבער האָט די אַלע פּאַרצעלעס, צוזאַמען מיט די געביידעס, איבערגעטראָגן מיט אַ רעכטסגילטיקן קאָנטראַקט דעם 4־טן סעפּטעמבער 1917, אויף דעם נאָמען פון זיין ווייב, העניאַ גערבער, פּאַלזע שטאָק, געבוירענע שאָפּער.

אויף פראָימס שטערן האָבן זיך באַוויזן מיטאַמאָל שווערע, גרויסע טראָפּנס שווייס, אַזוי ווי די איינטאָניקע ווערטער פון נאָטאַר וואָלטן זיי אַרויסגעפּרעסט פון דער הויט. דער נאָטאַר האָט אַריבערגעבויגן איבערן ראַנד פון בוך אַ לויז־אַריינגעקלעפּט בלעטל.

— דעם 13־טן מאַי 1922 האָט די פרוי העניאַ גערבער, פּאַלזע שטאָק, פאַרקויפט די דערמאָנטע פאַרצעלעס צו אַנטאָן יאַרעצקין און יוזעף פּעדיניאַקן.

אויף אַ פרישן בלעטל פון גרויסן בוך האָט פראָים דערזען איבער די אַזוי גוט באַקאַנטע נומערן פון זיינע פּאַרצעלעס, צוויי פרעמדע נעמען. ווען דער נאָטאַר האָט מיט אַ שווערן קלאַפּ אַראָפּגעלאָזט די טאָוולען פון גרויסן בוך, האָט שוין פראָים געוואוסט, אַז די פרעמדע נעמען וועלן איצט, אַנשטאָט אים, היטן די ווייסע, שוואַרץ־רויט געקעסטלטע פעלדער פון פּאַפּיר, צוקאָפּנס פון די אַזוי גוט באַקאַנטע פּאַרצעל־נומערן.

— און וואָס וועט איצט זיין מיט מיר?

די דאָזיקע ווערטער זענען אַרויסגעקומען קלאָגעדיק און הילפלאָז. ער האָט זיך איינגעהערט אין זייער קלאַנג, געפּרוּווט אָנצושפּאַרן אָן זיי די מידע געדאַנקען. אָבער די ווערטער האָבן געשטאָכן, ווי שאַרפע שטיינדלעך. ער האָט זיי נאָכאַמאָל איבערגעחזרט פאַר זיך אַליין, ווי ער וואָלט זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיט זיי, מיט זייער שאַרפן ווייטאָג.

— און וואָס וועט איצט זיין מיט מיר?

דער נאָטאַר האָט איינגעשפּאַנט זיינע ליפּן אין זייער טאָגטעגלעכן שמייכל, וועלכער ליגט תמיד אַ גרייטער אונטער די ברוינלעכע, שיטערע וואָנצעס, פון אַכט אַזייגער אינדערפרי ביז זעקס אַזייגער נאָכמיטאָג, אַחוץ



זונטאָג און יום־טוב, און באַוויזט זיך ביים אויפנעמען און געזעגענען די קליענטן. זיינע אַקסלען האָבן אויפגעצוקט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַראָפּוואַרפן פון זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

— עס לאָזט זיך גאָרנישט ענדערן, הער גערבער. קאָנטראַקט איז קאָנטראַקט. יעדער אות איז דאָ שטאַרקער פון אַ מויער.

דער נאָטאַר האָט איינגעקוועטשט אַ ווייס קנעפּל אויף זיין שרייבטיש. אַ דינער, הויכער קלאַנג האָט זיך ווי אַ זילבערנע טאָשמע געשלענגלט ביי די ווענט, פון צימער צו צימער, און צו וויסן געגעבן דעם משרת, אַז ער קאָן שוין אַריינפירן אַ צווייטן קליענט.

אין דעם לאַנגן, טונקעלן קאָרידאָר האָבן אָפּגעהילכט פראָימס טריט מיט אַ טעמפּן ווידערקלאַנג. ערשט אויף דער גאַס האָט זיך פראָים געכאָפּט, אַז ער האָלט נאָך אַלץ דעם קאַפּעלוש אין דער האַנט. עס איז געווען מיטאָג־צייט. די לאַנגע גאַס, וואָס פירט פון באָטאַרס הויז צום מאַרק־צו, האָט זיך געפּרוּווט ווערן פאַר דער גליענדיקער זון מיט צוויי שורות קליינע, איינגעדאַרטע ביימלעך, וואָס האָבן אַפילו נישט געהאַט גענוג שאָטן, כדי צוצודעקן די ערד אַרום די אייגענע וואָרצלען. די קליינע ביידלעך, ביי וועלכע ס׳איז נישט געשטאַנען קיין איין פור און קיין איין קונה האָט זיך נישט געדונגען, האָבן אַריינגעגענעצט אין מיטן מאַרק מיט אָפּגעשטאַנענע ריחות פון קאַלך, סמאָלע און ביליקן שוואַרץ פאַר שטיוול. נאָך אַ שמאָל, טונקל געסל מיט די אינדרויסן אָנגעשטעלטע זעק פון די צוויי גרעסטע תבואה־סוחרים פון שטעטל, און פראָים האָט דערזען פונדערווייטנס דאָס ברייטע, נידעריקע טויער צום אַריינפאָרהויז.

## IX

נאָך דער דומפּיקער קעלעראַרטיקער פייכטקייט פון נידעריקן, מיט ברייטע, שפּיציקע שטיינער געפּלאַסטערטן איינפאָר־טויער, האָט עס מיטאַמאָל און אומגעריכט אַ זעץ געטון אין די נאָזלעכער מיטן שאַרפן ריח פון פערד־שווייס און פערד־מיסט, און אַ כוואַליע געטאָן אין די אויגן מיט גליענדיקער זון. אינמיטן אַ לידיקן פּלאַץ, וואָס איז געווען אַרומגעשטעלט מיט שאָפּעס (שייערס), זענען געשטאַנען פערד־און־וואָגן, וואָס האָבן דאָ פּאָפּאַסעט (אָפּגערוט און געגעסן), איידער זיי האָבן זיך געלאָזט אין אַ ווייטן וועג. טייל פערד זענען געשטאַנען אין די שטאַלן, אַנדערע נעבן די פורן, אויסגעשפּאַנטע, באַפרייטע פון כאָמוטעס און שלייעס, האָבן געקייט פרישן קלעי, אָדער אָנגענומען אָבריק מיט די באַוועגלעכע, סאַמעט־ווייכע ליפּן. אויף די פורן, מיט די בייכער אַרויף, די היטלען אַראָפּגערוקט אויף די פּנימער צום שוץ

פאַר זון און פליגן, זענען געלעגן די פאַרעבקעס מיט אָפענע מיילער און געשנאָרכט.

אין סאַמע ווינקל נעבן די שטאַלן האָבן האַלב־צעפוילטע טרעפלעך געפירט צו אַ נידעריקער טיר, אויף וועלכער ס׳איז געווען אָנגעשריבן מיט קאַלך ״דאָזאָרצאַ״. ווען פראָים האָט אויפגעמאַכט די טיר, איז אים אַנטקעגנגעשפרונגען אַ טומל און אַ צווירקעריי פון פייגל, וואָס זענען געהאָנגען אין שטייגלעך אויף אַלע פיר ווענט. קאַנאַריקלעך, שטשיגלעס, אַ סאָיקע און עטלעכע שפּאַקעס. אין אַלע ווינקלען פון שטוב זענען געלעגן אָנגעוואָרפן פעק מיט זעק, צונויפגעוויקלטע קאָצן און שטיקער גראָע, דאָרפישע לייוונטן. אויף אַ לאַנגער באַנק, נעבן פענצטער, זענען געלעגן טלומעקלעך מיט עסן, פון וועלכע עס האָבן פויערן פון צייט צו צייט אַרויסגעקנייפּט שטיקער ראַזעווע ברויט, און טונקענדיק עס אין זאַלץ, געקייט פּאַמעלעך און מיט באַדאַכטזאַמקייט. נעבן אַ האַלבצעלייגטער קיך, פון וועלכער עס האָבן אַרויסגעשטאַרט די ריפּן פון פאַרקאָפּטשעטע ציגל, איז געשטאַנען אַ צעשויבערטע, צעפלאַמטע פרוי און מיט אַ ברייטן קאָכלעפל געמישט עפּעס אין אַן אייזערנעם טאָפּ. איבער אַלעמען האָט זיך געטראָגן אַ שאַרפער, עקבערדיקער ריח פון פערד־שוויס, זויער ברויט, קנאָבל און בראָנפן. קיינער האָט זיך דאָ נישט אומגעקוקט אויף פראָימען, ווען ער איז אַריינגעקומען, און קיינער האָט נישט געענטפערט אויף זיין ״גוטמאָרגן״. ער איז אַנידערגעפאַלן שווער און מיד אויף אַ שטיק ליידיקן פּלאַץ פון אַ באַנק.

— ווייסט איר נישט, צי כ׳וואָלט געקאָנט מיט וועמען אויפזיצן קיין פּ. ?

אַ לאַנגער פויער מיט אַ בילמע אויפן אויג, איבער וועלכן ס׳איז אַראָפּגעפאַלן אַ קוטשמע צעפּאַטלטע האָר, וואָס האָט געהאַלטן אינמיטן עסן, האָט דורכגעלאָזט דורך דעם דאַרן האַלז דעם לעצטן, נישט־צעקייטן ביסן און אונטערגעשטעלט די האַנט אונטער אַן אויער:

— רעדט העכער, מ׳קאָן דאָ אַפילו דאָס אייגענע וואָרט נישט פאַרשטיין, אַזוי פאַרטויבן די פּאַסקודסטוועס.

די פרוי, וועלכע איז ביז איצט געשטאַנען רואיק ביי דער קיך, איז מיטאַמאָל אויפגעשפרונגען פון אָרט, ווי ס׳וואָלט זי אַ ביס געטון אַ וואָרעם.

— דו אַליין ביסט אַ פּאַסקודסטווע, דו חזירעוואַטע רילע! זע נאָר, די פייגל געפעלן אים נישט! שלאָפט מסתמא אינדערהיים מיט די חזירים אין איין שטאַל, קאָן ער דאָך אוודאי נישט פאַרטראָגן דאָס געזאַנג פון די פייגעלעך.

פון די בענק האָט זיך געהערט אַ שושקעריי:



— נו, נו, זאָל דיך נאָר אַ ״באָבע״ באַגעגענען, איז ערגער פון טייוול אַליין.

דער פויער, אַ פאַרשעמטער, האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו פראָימען, ווי בעשט אים מיינט מען דאָס:

— איר האָט עפּעס, דוכט זיך, געפרעגט.

פראָים האָט איבערגעחזרט זיין פראַגע.

— יאָ, עס פאָרן צוויי פאַרעבקעס פון קריסעוויצער הויף נאָך אַ דרעשמאַשין. מיט זיי קאָנט איר אויפזיצן. זיי זענען נאָר געגאַנגען איבער דער שטאָט, ביז די פערד וועלן זיך אויסרוען פון וועג.

— און וואו קאָן מען זיי טרעפן?

— וואַרט דאָ צו אַ ווילע. זיי האָבן דאָ איבערגעלאָזט זייערע פעקלעך, וועלן מסתמא באַלד אָנקומען.

— שלעכט, ברודער, שלעכט — האָט זיך דערהערט פון אַ ווינקל אַ דין, קוויטשענדיק קולכל.

פראָים האָט זיך אויסגעדרייט אין דער זייט, פונוואַנען דאָס קול איז געקומען. גערעדט האָט אַ קליין, בלאָנדהאָריק פויערל:

— וועמען באַוויינסטו עס אַזוי, האַ? — האָט זיך אָנגערופן אַ ברייט־פּלייציקער פויער, אין אַ בלוי־געשטרייפטער בלוזע מיט גלאַנציקע קנעפּ, דעם אוניפאָרם פון פּריצישע קוטשערס. אַזוי ווי שטענדיק, ווען ער איז אין כעס געווען, האָבן אויך איצט זיינע ליפּן, אונטער שטעכעדיקע, געדיכטע וואָנצעס געקייט אַיעדעס וואָרט באַזונדער. דעם בלאָנדן פויערס איבער־געשראָקענע, טעמפּע אויגן, שקלאַפן פון אַן אומברחמנותדיקן גורל, וואָס פלעגן זיך בוקן צו יעדן פרעמדן, באַפעלנדיקן בליק, צו יעדן האַרטן וואָרט, ווי צו אַ געץ, האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן מיט הכנעהדיקע בליקן, און ווי שולדיקע זיך אויסבאַהאַלטן אונטער שיטערע, ווייסלעכע וויעס.

דער פויער מיט דער בעלמע אויפן אויג האָט זיך אַ קלאַפּ געגעבן איבער דער קני:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צושריגן, וואָס, אַז מען האָט אַ דאַך איבערן קאָפּ און וואָס אין טאָפּ אַריינצולייגן, זענען יענעמס צרות גרינג.

— יאָ, אַ דאַך איבערן קאָפּ, — האָט פאַרקרימט ס׳מויל דער פּריצישער קוטשער, — אָט וואַלגער איך מיך שוין אַרום צוויי נעכט און צוויי טעג, ווי אַ הונט, אין פרעמדע, שטינקענדיקע שטאַלן. מיין פּריץ האָט געזאָלט אָנקומען נאָך אייערנעכטן פון לעמבערג. כ׳פאָר צו דער באַן צו יעדן צוג. אים אָבער פאַלט נישט איין צו קומען. שיכורט מסתמא און שפּילט אין קאָרטן, ווי עס איז זיין טבע, און איך מוז דאָ וואַרטן און הונגערן, ווייל

ברויט פונדערהיים האָב איך מיטגענומען בלויז אויף איין טאָג.

— קאָנסטו דאָך אַהיימפאָרן, אויב ער קומט נישט.

— נאָ, ברודער, וואָלט איך עס געטאָן? פאַרשטייסט שוין אַליין, אַז אַ פרעמדער דאַך איבערן קאָפּ וואַרעמט נישט איבעריק. אונדזער זשאָנדצע האָט סיי ווי סיי אַן „אויג" אויף מיר. ער טענהט, אַז איך פאַרשטיי אַביסל צופיל. זיי דאַרפן פאַרעבקעס, וואָס זאָלן בלויז אַרבעטן און ווייטער האַלטן דעם „קוש", און צום נייעם יאָר איז שוין נישט מער ווייט.

— אָבער דערווייל האָסטו דאָך וואו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן און יאַצקע, ווי כ'האָב געהערט, שטעלט אַ נייע שטוב און נעכטיקט אין דרויסן. איז זי שוין פאַרטיק, יאַצקע?

און דאָס בלאָנדע פויערל האָט אָנגעהויבן צו דערציילן. די ווערטער זענען געווען צייטיקע און מסתמא שוין פון לאַנג געלעגן אויף די ליפּן און בלויז געוואַרט ביז עמיצער וועט אויפשטעלן פאַר זיי אַ ווייליק אויער.

— יאָ, די אַלטע שטוב האָט מען געמוזט צעלייגן. די ווענט צעפוילט פון אַלטקייט. יעדן טאָג האָבן זיי זיך געקרישלט אין אַן אַנדער אָרט. אַז מען האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט מען נישט געוואוסט, צי מען וועט דערלעבן צו זען נאָכאַמאָל איבער זיך דעם בלויען הימל. האָט מען אָנגעהויבן צו שטעלן אַ צווייטע. אַביסל געהילץ צוגעקויפט, אַביסל אויסגעקליבן פון דער אַלטער שטוב. איז דאָס אָבער נאָך אַלץ צו ווייניק. שטייען ווענט אָן אַ באַלקן, אָן אַ דאַך און עס איז נישטאָ, מיט וואָס צו פאַרענדיקן. די „מייסטערס" קומען נישט צו דער אַרבעט, נישטאָ מיט וואָס זיי צו באַצאָלן. דאָס ווייב מיט די קינדער, מיטן חזירל, שלאָפן אין אַ ווינקל אויף שטרוי, ערגער ווי הינט. אַז ס'איז שיין אינדרויסן, איז נאָך צו דערליידן, אָבער אַז ס'מאַכט זיך אַ רעגן, גאָט, דו מיינער! מען קאָן נישט צוהערן ס'געוויין פון די קינדער. כ'בין דאָך נישט קיין „באַבע", כ'האָב שוין אָבער נישט געקאָנט לענגער אויסהאַלטן. דאָס געוויין פון די קינדער האָט זיך אַריינגע־גריזשעט ביז אונטערן סאַמע האַרץ. איצט גיי איך אין דער וועלט, אפשר וועל איך עפּעס קאָנען פאַרדינען און אַהיימשיקן.

— ווייסט עפּעס דערמיט אויפטון? — האָט זיך אָנגערופן דער קוטשער,

— ס'איז דען דאָ וואו צו פאַרדינען? ס'איז נישט אַמאָליקע צייטן. פריער ביסטו דיר, ברודער, געפאָרן אויף צוויי־דריי חדשים קיין פרייסן, און אַז ביסט צוריקגעקומען, האָסטו דיר אַ נייע בהמה צוגעבונדן צום זשלויב, אָדער אַ סטאָדאָלע אויפגעשטעלט, אָדער אַ מאָרג פעלד צוגעקויפט.

— מיט דעם ביסטו גערעכט, — האָט זיך געפּרואווט אַריינמישן אין שמועס דער פויער מיט דער בעלמע.



— אוודאי גערעכט. וואוהין קאָן מען איצט גיין? אַפילו אינם אייגענעם הויף לאָזט מען קיין גרייצער נישט פאַרדינען. אַראָפּגעבראַכט באַיקעס*) צו דער פעלד־אַרבעט. קאָסטן ביליקער. און דו, אָרעמער מענטש, לאָז אַרויס די פּאַרע פון פּיסק.

— ווען די קינדער וואָלטן נישט אַזוי געוויינט, און ביים האַרץ וואָלט אַזוי שטאַרק נישט געצופּט, וואָלט איך זיך פון אָרט נישט גערירט. ביהמע**), בעסער צו שטאַרבן אויפן אייגענעם מיסט, איידער זיך אַרומצושלעפּן צווישן פרעמדע.

די ליפּן פון דעם ברייטפּליציקן האָבן פון אויפרעגונג ווידער אָנגע־הויבן צו קייען.

— נאַראָנים, זאָג איך אייך, נאַראָנים, געווען אַ קריג אַזאַ. מ'האָט געבלוטיקט, און כ'פרעג אַלץ: צוליב וואָס? מ'האָט נישט געטאָרט אָפּטרעטן, ביז וואַנען מ'וואָלט דעם הויף נישט צעטיילט! אַזוי לאַנג וועט דער אָרעמער פויער נישט האָבן קיין ברוט צו זאַט, ביז וואַנען ס'וועלן אים אַרומנעמען די פּאַנסקע פעלדער, ווי מיט אַ פויסט. וויפל פעלדער, זאָלט איר זען, ליגן בלויז אין אונזער הויף אַלס אוגער***). און צוליב וואָס? ווייל ס'ווילט זיך זיי נישט אַריינלייגן קנאָכמעל און געלט פאַר באַאַרבעטן. אָבער דו פּרואוו און פאַראַקער אויף דיין זייט אַ מיעדזע פון הויפישן פעלד, בלויז אַ שפּאַן די ברייט! מאָרגן תיכף האָסטו אַ פּראָוויזאָריום און אַ פּראָצעס און מ'שלעפּט פון דיר אַראָפּ ס'לעצטע העמד.

די טעמפּע אויגן פון דעם בלאָנדן נידעריקן פויערל האָבן זיך אָנגענומען מיט שרעק און זיך געלאַשטשעט מיט הכנעה לעבן אומזעבאַרן גורל, וועלנדיק אויף אַזאַ אופן בעטן פאַרגעבונג פאַר יענעמס צערנדיקע ווערטער.

— מען טאָר אַזוי נישט רעדן. גאָט האָט אַזוי באַשאַפן די וועלט, און גאָט ווייסט, וואָס ער טוט. עס קענען נישט זיין אַלע גלייך. עס מוז זיין אַן אונטערשיד צווישן אָרעם און רייך. די פּריצים קומען אויף דער וועלט, זיי זאָלן לעבן אַ גוטן טאָג, און דער אָרעמער מענטש קומט דאָ אָפּ פאַר די זינד פון זיינע אבות. דעריבער מוז מען דינען און לויבן גאָט, כדי עס זאָל גיכער קומען די דערלייזונג, וואָרום . . .

---

*) פויערים פון געבערג.

**) פאַרקירצונג פון באָה מאַי (גאָט מיינער).

***) נישט באַאַרבעט פעלד.

— טפו זאלסטו ווערן מיט דיינע רייד! — האט אים איבערגעשלאגן דער ברייט־פלייציקער — אויך מיר א דערלייזונג, אויסגעטראגן אויף די פלייצעס פון אזעלכע קוואקעדיקע זשאבעס, ווי דו. כ׳האב שוין געזען א שטיקל וועלטל ביי מיין לעבן, האב איך געזען ווי אזוי מענטשן לעבן, און איך ווייס, ווי אזוי מענטשן וואלטן געדארפט לעבן. נאר, פסיאקרעוו! — די באנק האט א קרעכץ געטאן אונטער זיין שווערער פויסט — מ׳דארף זיך קודם נעמען צו די אייגענע, ארויסטרייבן פון זיי דעם פחד, וואס זיצט אין זיי, אנשטאט א נשמה.

א הארטער זעץ פון א געקאוועטן שטיוול האט אויפגעפראלט די טיר. אויף דער שוועל, צוזאמען מיט א פאס ליכט, וואס איז אריינגעפאלן דורך דער עפענונג, האט זיך גלייכצייטיג באוויזן א קליין, איינגעדארט מענטשעלע, אין א גרינעם הוט אויפן קאפ, מיט א בינטל פעדערן אונטערן באנד און מיט א קאטערינקע אויף דער פלייצע. א צופרידענער שמייכל האט זיך באוויזן אויף אלעמענס ליפן, ווען זיי האבן דערזען דעם ניי־צוגעקומענעם. דער פויער מיט דער בעלמע איז גיך צוגעלאפן און געהאלפן אראפנעמען די רימענס פון דער קאטערינקע, וואס האבן זיך אריינגעשניטן אין די אקסלען. — אפגעמוטשעט זיך, איגנאצי?

איגנאץ האט א וויש־געטאן מיטן גרינעם, געלאטעטן ארבל איבערן שווייסיקן שטערן און שפעטער אלעמען אין שטוב באגריסט. ער האט זיי אלע גוט געקענט, אנגערופן זיי ביי די נעמען און זיך נאכגעפרעגט אויף פריינט און באקאנטע. בשעת ער איז צוגעקומען צו פראימען, האבן זיך זיינע קליינע אייגעלעך אויף א ווילע א רוק־געטאן אויף צוריק דורך שטחים, יארן און געשעענישן, ביז זיי האבן זיך צוריק אפגעשטעלט אויף א פעסטן גרונט.

— דאס ערשטע מאל ביי מיר, א־יא?

די פאפוגע אויף דער קאטערינקע האט זיך אנגעהויבן צו בייזערן, שלאגנדיק ארום זיך מיט די פליגל, הלמאי מ׳האט אן איר פארגעסן. איגנאץ האט זי אנגעהויבן צו גלעטן, ארויפגעשטעלט זי אויף אן אקסל און איז מיט איר צוגעגאנגען צום ווייב. די פאפוגע איז אריבערגעשפרונגען אויף דער פרויס הענט און אנגעהויבן ווישן מיטן פארקרימטן שנאבל איבער איר האלז. — האסט עפעס צו עסן?

דאס ווייב האט זיך נישט אנגערופן. דעמאלט האט זיך איגנאץ אליין אנגעגאסן א שיסל בולבע־גריץ, און פייפנדיק צווישן די ציין, צוגעטראגן די ערדענע שיסל צו דער באנק. די פייגל, דערהערנדיק דעם באלעבאס׳ גוט־באקאנטן פייף, האבן אנגעהויבן צו קלאפן מיט די פליגל, פיקן מיט



די שנאבלען די דראטן פון די שטייגלעך און פישטשען אויף פארשידענערליי אופנים, אזוי, אז מען האט זיך געמוזט צוהאלטן די אויערן. איגנאצעס וואנצעס האבן אנגעהויבן ציטערן איבער די ליפן פון א צוריקגעהאלטענעם שמייכל. פון די קליינע אייגעלעך זענען געבליבן קוים צוויי שמאלע שפארעס, דורך וועלכע ס׳האט זיך דורכגעזיפּט נחתדיקע צופרידנקייט מיט זיך אליין און מיט דער גאנצער וועלט.

— זע נאר, ווי די ממזרים דערקענען דאס א מענטשן! און כ׳בין דאך זעלטן מיט זיי. מ׳שלעפט זיך טאג־אויס, נאכט־איין פון דארף צו דארף, פון שטאט צו שטאט, און פארדינען פארדינט מען א גאנצע פייג. זיי גלויבן נישט מער אין די „לאסעס״, די מיידלעך, און זיי ווילן נישט קויפן. ווען איך רעד זיי צו צו קויפן, ענטפערן זיי מיר, די שעלמעס, אז וואס פאר א לאס קאנען זיי דאס, מ׳שטיינס געזאגט, ארויסציען, אז נאכן קריג זענען געבליבן בלויז אינוואלידן, כא־כא־כא!

איגנאץ האט אפגעווישט די וואנצעס פון בולבע־גריץ, ארויסגענומען פון קעשענע א רויט זעקעלע מיט דאמינא־שטיינער און לאנג דערמיט געשאקלט איבער אן אויער, איידער ער האט עס אויפגעבונדן און אויסגעשאטן אויף דער באנק די שטיינדלעך.

— וויפל קאסט ביי דיר היינט א פארטיקאלע?

דער ערשטער איז צוגעקומען צו איגנאצן דער פריצישער קוטשער און נאך אים די איבעריקע. בלויז פראים איז געבליבן זיצן אין זיין ווינקל און געקוקט ארום זיך מיט א פרעמדן, גארנישט־זעענדיקן בליק.

— און איר וועט נישט שפילן מיט אונדז? — האט אים איגנאץ א פרעג געטון.

עס האט געדויערט א היבשע ווילע, איידער פראים האט זיך משער געווען, אז דאס מיינט מען אים. זיינע אויגן, וואס האבן זיך נאר־וואס אומגעקערט פון עפעס א ווייטן, נאר זיי באקאנטן וועג, האבן ארומגעפלאטערט, ווי דערשראקענע פייגל.

— ניין, כ׳דאנק, כ׳קאן נישט.

— או־וואַ! — האט איגנאץ צונויפגעצויגן די ברעמען און א טשמאקע געטאן מיט די ליפן — נא־זשע דיר מיטאמאל! — געפונען זיך א שטאלצער פריץ, פאסט אים נישט איינצוגיין מיט אונדזערס גלייכן. וואס?

דער פויער מיט דער בעלמע האט איינגערוימט איגנאצן עפעס אין אויער אריין: — לאז אים געמאך. ער פארט אין א ווייטן וועג. ווייזט אויס, אז עפעס א טרויער פרעסט אים.

איגנאַץ האָט זיך צעקנעפּלט דעם העמד־קאָלנער, אויסגעשטרעקט ווייט פון זיך די פיס, ווי ווילעס, בעת עס האָבן די הענט אָנגעהויבן אַרומ־צוזוכן אין די קעשענעס און זיך אומגעקערט פון דאָרט ליידיקע.

— דו, פּאַני דזאָרצאָוואַ, אַנו, גיב עפּעס צו פאַררויכערן.

דאָס ווייב האָט אַרויסגעשלעפּט פון בוזעם אַ לייוונטן זעקעלע מיט טיטון, אָנגעהויבן פּאַמעלעך צו דרייען אַ פּאַפּיראָס, און ערשט, ווען זי האָט אים שוין געהאַלטן אַ פאַררויכערטן אין מויל, האָט זי אָנגענומען מיט צוויי שפּיצפינגער אַ ביסל טיטון און עס דערלאַנגט דעם מאַן.

— אוודאי, זיין געלט האָט ער פאַרשיכורט מיט זיינע קומפּאַנען, אָדער פאַרלומפּט מיט די מיידן, און צו דער „פּאַני דזאָרצאָוואַ" קומט מען דעמאָלט, ווען דער מאָגן מיט דער קעשענע זענען ליידיק. קאָנסט אויך איצט גיין, פונוואַנען דו ביסט געקומען.

— אַלטע — האָט איגנאַץ מכלומרשט געמאַכט אַ פרומע מינע — לעסטער נישט. גאָט קאָן זיך נאָך אַמאָל טועה זיין און דיך אויסהערן. און וואָס וועט זיין דעמאָלט? און אַ מאַן צו באַקומען, זאָל ער זיין אַפילו אַזוי קליין, ווי איך, איז זייער שווער. היינטיקע צייטן אַ טייערע זאַך אַ פּאָר הויזן. וואָס?

זיינע אויגן האָבן זיך אַ דריי געטון אין אַ האַלב־ראָד אַרום דער שטוב, זוכנדיק צושטימונג ביי די צוהערער. אָבער אַלע אָנוועזנדע האָבן געקוקט מיט אַ געמאַכטער ערנסטקייט, ווער צום באַלקן, ווער צו דער וואַנט, מורא האָבנדיק פאַר דער באַלעבאָסטעס שאַרפער צונג, און נאָר ערגעץ טיף אין דער ברוסט האָט זיך געטליקעט דאָס צוריקגעהאַלטענע לאַכן און געקיצלט אין האַלז. אָבער איגנאַץ האָט דערקענט אָן די מינעס פון זיינע פריינט, אַז אַלע זענען מסכים מיט אים, און אַ צופרידענער האָט ער זיך צוגעשאַרט צו פראָימען.

— עט, זיצט אַ מענטש, רעדט נישט צו קיינעם קיין וואָרט און לאַכט נישט. ביי אַזאַ מענטשן קאָן מען קיינמאָל נישט וויסן, וואָס ער באַהאַלט אונטער זיין שווייגן. איך האָב שטענדיק מורא פאַר אַזעלכע. דאָס קאָנען זיין מערדער, רויבער, גזלנים, און גאָט ווייס וואָס נאָך. זע, איך בין אויך נישט קיין יונגערמאַנטשיק, און נישט תמיד איז דאָ אויף אַ שטיקל טרוקן ברויט, נאָר זאָל ווער פּרוּוון מיר געבן דעם מלכס אוצר פאַר איין יאָר פון מיין לעבן, הייס איך נישט איגנאַץ גוזיק, צי איך וואָלט זיך געביטן. וואָס פעלט מיר דען? כ'גיי מיר אַזוי מיט מיין קאַטערינקע איבער שטעט און דערפער און בין צופרידן. און שיין איז דיר די וועלט, אַזוי שיין, ווי זי איז נאָך קיינמאָל נישט געווען!



— קיינער ווייס נישט, וועמען ס'דריקט דער שוך — האָט זיך אָנגערופן פראָים.

— נו, יאָ, טאַקע דאָס מיינט מען דאָך, מענטש איינער. כ'פאַרשטיי שוין אַליין, אַז אומזיסט און אומנישט זיצט מען נישט אַזוי פאַרטאָרעט. עפּעס מוז עס דאָך זיין. טאָ פאַרוואָס־זשע רעדסטו נישט, מענטש איינער!

ווי מאָדנע לייכט עס איז געוואָרן פראָימען ביי די ווערטער פון אָט דעם פּראָסטן מענטשן... פראָים האָט דערפילט מיטאַמאָל, ווי זיין צער, וועלכער איז געווען ביז איצט עפּעס אַן אומבאַשטימטער, נישט קלאָרער און אים דאָך אויסגעפילט אינגאַנצן, נעמט אָן קאָנקרעטע פאָרמען, פאַר־שטייפט זיך אין איין פּונקט, וועלכן מ'וואָלט געקאָנט אָנגעמען, ווי אַ דאָרן, און אפשר, אפשר גאָר אַרויסשלעפּן. פראָים, אַזוי ווי אַלע מענטשן, וועלכע עס טרעפט פּלוצלונג אַן אומגעריכט אומגליק, האָט זיך געשעמט מיט דעם, געפילט זיך עפּעס שולדיק, מיטפאַראַנטוואָרטלעך לגבי זיך אַליין. ווייל דאָס איז דאָך נישט קיין קלאָרע זאַך. אַזוי פיל מענטשן פאַראַן אויף דער גאָרער וועלט, און דאָס אומגליק האָט אים אויסגעקליבן פאַר אַ קרבן, ג ר אָ ד  א י ם. עפּעס מוז דאָך זיין דערביי. מסתמא פאַרמאָגן געוויסע מענטשן עפּעס אַ געהיימע צוציאונגס־קראַפט פאַר כלערליי בייזוויליקייטן. זיי זענען פון גאָט געצייכנט צום אונטערשיד פון אַלע איבעריקע מענטשן, אַזוי ווי אַמאָל קין מיט דעם בלוטיקן צייכן.

און ווי מאָדנע, אין דער היים האָט פראָים מיט קיינעם נישט גערעדט וועגן זיין זון און „דאָ, צווישן אָט די פרעמדע מענטשן, וועלכע ער זעט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, האָט זיך זיין צונג אָפּגעבונדן:

— געווען אַ זון ביי מיר, אַן איינאונאיינציקער. איז ער פון דער מלחמה נישט מער צוריקגעקומען. און געהאַט האָט ער צו וואָס און צו וועמען אַהיימצוקומען. אַ ווירטשאַפט ביי מיר אַ שיינע. דאָראָביעט זיך מיט אייגענע הענט. כ'האָב אַלץ אים פאַרשריבן. מיין פלייש און בלוט! ער האָט געאָרבעט צוזאַמען מיט מיר, ליב געהאַט ס'פעלד, אַזוי ווי איך. יעדעס צווייגעלע, יעדעס גרעזעלע אָפּגעהיט, ווי אַן אויג אין קאָפּ. און איצט האָט זיין ווייב אַלץ פאַרקויפט, און אַלץ וועט אָנקומען אין פרעמדע הענט. און אַז מיין זון וועט צוריקקומען, איז צו וועמען, וואוהין? צו די פרעמדע ווענט?

בשעתן דערציילן האָבן זיך אַלע צוגערוקט נענטער צו פראָימען. דער קאַטערינציאַזש האָט שטיל און ערנסט געוויגט דעם קאָפּ.

— זייט איר זיכער, אַז ס'איז פאַרקויפט?

— כ'קום טאַקע פון נאָטאַר. מיט אַ קאָנטראַקט אַפילו.

— און האָט די שנור געהאַט ס׳רעכט צו פאַרקויפן? — האָט אַ פרעג געטאָן דער קוטשער.

ווי אַן אָפּשיין פון פייער, האָט זיך אַ פלאַמען־רויטע כוואַליע צעגאָסן איבער פראָימס פנים. אָט דאָס טאַקע איז געווען דאָס סאַמע שווערסטע, דאָס, וואָס איז נאָמענלאָז געלעגן באַהאַלטן אַזוי טיף, אַז אַפילו די אייגענע געדאַנקען זאָלן אַהין דעם וועג נישט טרעפן. אָבער איצט האָבן עס די שטילע ווערטער אַרויסגעשלעפּט אויף דער ליכטיקער שיין, אַפּירגעשלעפּט און געשטעלט פאַר אַלעמענס אויגן.

— מיין זון האָט אַלץ פאַרשריבן זיין ווייב.

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן. אמתדיק מיטגעפיל האָט געזוכט אַ סטעזשקע צו אַן איינזאַם מענטשלעך האַרץ. שווערע עצות, אָפּגעריסענע מחשבות זענען געגאַנגען מיט די קנייטשן פון די אָפּגעבערענטע שטערנס, ווי יאַלאָווע כמאַרעס.

פּלוצים האָט זיך פראָים אויפגעהויבן פון אָרט. ער האָט אויסגעגלייכט זיין איינגעבויגענע פּלייצע, די אויגן האָבן זיך פאַרטונקלט אונטער דעם באַפעלערישן ווילן פון אַ נייעם געדאַנק.

— וואוהין אַזוי פּלוצים?

כ׳גיי זוכן מיין רעכט. כ׳זאָל אַפילו וויסן צו גיין צום קיסר אַליין. ס׳מוז דאָך זיין גערעכטיקייט אויף דער וועלט.

דער קוטשער האָט אים אָנגענומען פאַרן אַרבל.

—מענטש. וואָס רעדסטו? עס איז שוין קיין קיסר נישטאָ. אויס מיט קיסרים און אַפילו מיט פּרינצעסינס.

— מוז דאָך זיין עמעצער. עס מוז זיין עפּעס אַ קאָפּ. אַז נישט וואָלט מען זיך צווישן זיך... עט, בעסער נישט רעדן דערפון.

ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן שטעקן אָן דער ליימענער פּאָדלאָגע. זיין ווילדער, איינגעעקשנטער בליק איז געפאַלן פאַראויס צו דער טיר און ווייטער, דעם פרעמדן וועג אַנטקעגן.

X

צוויי שעה פון אָנגעשטרענגטן גאַנג האָבן מיט מידקייט פאַרטויבט דעם ברענענדיקן כעס און פאַמעלעכער געמאַכט די טריט. פראָים האָט זיך געזעצט אויפן ראַנד פון אַ ראָוו, כדי זיך אַ ביסל אָפּצורוען. איצט האָט ער זיך אומגעקוקט, ווי ווייט ער איז אַוועק פון דער שטאָט. פון זיין רעכטער זייט האָבן זיך בייטן תבואות געלאָזט לויפן אין ווייטע, אומבאַקאַנטע מקומות אין אייליקן מאַרש. לינקס האָבן גרין שעמערירט די בלאָניעס, וואָס



זענען אַהער געקומען פון גאָר ווייט, און זיך צוגעהערט נייגעריק צו אַ קליין, הקפר׳דיק טייכל, וואָס האָט אַרום זיך געשפּריצט מיט פאַרשייטע רייד און אַ לוסטיקן פּלאַפּלען. פון צייט צו צייט איז פאַרבייגעפאָרן אַ שווער־געפּאַקטער וואָגן און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ כמאַרע שטויב. דורך דער גראָער טעמראַווע האָט פראָים געפּרוּווט דערקענען די פערד־און־וואָגן. פויערטעס מיט ליידיקע קויבערס און נייע ליימענע טעפּ זענען אַהיימגעגאַנגען פון שטאָט, פאַרשטעלנדיק די קעפּ פאַר שטויב און זון מיט אויפגעהויבענע שירצן. ענדלעך האָט זיך צעטאַרקעט אויפן שטראָז אַ ליידיקער וואָגן, געקלונגען לייכט און שפּילעוודיק מיט די לויזע קייטן און געוויגט צווישן די פּולקאָשקעס *) אַ בונט שטרוי. באַלד איז אָנגעקומען אַ צווייטע פור, אַן ענלעכע צו דער ערשטער, גלייך זיי וואָלטן זיך געיאָגט און נישט געקאָנט איינע די צווייטע דעריאָגן.

פראָים איז אויפגעשטאַנען און מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט אָפּגעשטעלט די ערשטע פור.

— איר פאָרט קיין פּ. נאָך אַ דרעשמאַשין?

דער פאַראָבעק האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אויף „יאָ“.

— זענט איר אפשר דער „זראַליט“, וועגן וועלכן מען האָט מיר דערציילט אין „זאַיאַזד“? טאָ זעצט זיך אַרויף, נישטאָ קיין צייט.

דער פאַרעבעק האָט צורעכטגעמאַכט דאָס געזעס, און פראָים איז אַרויפגעקראָכן אויף דער פור. דער פאַרעבעק, צופרידן, אַז ער האָט צו וועמען צו רעדן, דורכרייסן די איינטאָניקע לאַנגווייליקייט פון דעם איינזאַמען וועג כאָטש מיט עטלעכע ווערטער, האָט מיט דער בייטש אָנגעוויזן אויף שטיקער פעלדער, פריש־געבויטע הייזער, געזאָגט מבינות, טייל באַלעבאָטים געלויבט, אַנדערע, ווידער, אויסגעלאַכט מיט דער גאַנצער ליבשאַפט צו דער ערד פון אַ מענטשן, וועלכער מוז שטענדיק אַרבעטן אויף איר פאַר פרעמדע, און איז דאָך גרייט יעדע רגע איר צו דינען מיט הינטישער טרייקייט. נאָר פראָים האָט נישט געענטפערט. ער האָט צו אַלץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זיינע געדאַנקען זענען געווען ערגעץ ווייט. אָט, למשל, וואָס וואָלט זיין זון געזאָגט, צוריקקומענדיק אַהיים, און טרעפנדיק דאָרט באַלעבאָטעווען פרעמדע מענטשן איבער זיין האָב און גוטס? איצט וואָלט זיך נאָך אַלץ געלאָזט ראַטעווען. ס׳וואָלט נאָך געווען צייט. און אפשר איז ער טאַקע געקומען אויף אַן אמת, אָט איצט, בשעת ער אַליין איז געזעסן ביים נאָטאַר און געוואַרט שעהן־לאַנג? ווער ווייסט?

*) פון דינע ריטלעך געפלאָכטענע וואָגן־ווענטלעך.

פון אָנפאַנג האָט זיך פראָים בלויז געשפּילט מיט דעמדאָזיקן געדאַנק, אים געוואָלט בלויז אַריינגאַרן צו אַ געוויסן, אָפּגעצוימטן פּונקט, כדי אים דאַן אַנטקעגנצושטעלן דעם קלאָרן, שכלדיקן סך־הכל. אָבער דער געדאַנק, וואָס האָט זיך איינמאָל געשטעלט אויף דעם ראַנד פון זיין באַוואוסטזיין, האָט בשום אופן נישט געוואָלט אָפּטרעטן. פאַרקערט, מיט יעדער רגע איז ער געוואָרן וואָס אַמאָל דרייסטער און זיך איינגעפרעסן אין דער נשמה, ווי אַ קרעבס. פראָים האָט נישט געקאָנט לענגער איינזיצן אויף זיין אָרט, און ער האָט אָפּגעשטעלט די פור.

— האַלטס איין אויף אַ מינוט די פערד, כ׳וועל דאָ אַראָפּקריכן פון וואָגן.

זיינע פיס, פאַרשטייפטע פון זיצן באַוועגלאָז אויף איין אָרט, דער־פילנדיק אונטער זיך די האַרטע ערד, זענען געוואָרן מיטאַמאָל לייכט און בויגעוודיק אין די געלענקען, און מיט האָפערדיקע שריט זיך אויסגע-קערעוועט אויף צוריק, מיט דעמזעלביקן וועג, מיט וועלכן זיי זענען מיט עטלעכע שעה פריער אָנגעקומען.

דער פאַרעבעק, דערזעענדיק, ווי זיין פאַסאַזשיר, וואָס איז אָקאָרשט אַזוי מיד און אָפּגעפרעמדט געזעסן אויף דער פור און זיך כסדר נאָכגע־פרעגט, ווי וויט עס איז נאָך צו דער שטאָט, גייט איצט מיט גיכע שריט צוריק, ווי ס׳וואָלט אים עמעצער נאָכגעיאָגט, האָט אַ שמיץ געטאָן די פערד, כדי זיך וואָס גיכער צו דערווייטערן פון דעם מאָדנעם פאַרשוין.

עס איז שוין געפאַלן קילע ראָסע, און פאַרשפּעטיקטע פייגל, דער־שראָקענע פאַר דער צופאַלנדיקער נאַכט, זענען וואָס גיכער געפלויגן צו זייערע נעסטן, ווען פראָים איז פון וואַלד־וועג אַרויס אויף דער גרינער, ווייכער לאָנקע. ביים אָנבליק פון די דריי, אַזוי גוט־באַקאַנטע, סאָסנעס, דורך וועלכע ס׳האָט דורכגעשיינט דער דאַך פון זיין שטוב, האָט עס פראָימען פאַרקלעמט ביים האַרץ, און ער האָט געמוזט עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד באַפייכטן מיט דער צונג דעם פאַרטריקנטן גומען. זיינע פיס זענען מיטאַמאָל געוואָרן שווער און אומבאַהאָלפן, ווי צוויי קלעצער, און זיך אָנגעשלאָגן אָן יעדער גרודע.

ביים טירל פון פּלויט האָט זיך פראָים אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט, געוואַרט, אַז מען זאָל אים פריער דערזען פון שטוב, און אַנטקעגנלויפן מיט דער פריידיקער בשורה: יאָסל איז געקומען.

מיט האַרץ און אויער האָט ער זיך איינגעהערט אין דער אַרומיקער שטילקייט. אַלץ אַרום און אין שטוב איז געבליבן רואיק. בלויז דער הונט האָט אַרויסגעשטעלט זיין קאָפּ פון דער בודע, און דערזעענדיק פראָימען, האָט



ער אָנגעהויבן, פון געוואוינהייט, צו דרייען מיטן עק. נאָר באַלד האָט ער זיך פויל אויסגעשטרעקט אין שטרוי און צעעפנט זיין מויל מיט אַ געגעץ, וועלכער האָט אַנטבלויזט זיינע ווייסע, שאַרפע ציין אין די ראָזע יאַסלעס. אָן אומרואיקייט האָט אָנגעהויבן צו בריען פראָימס לייב, אַזוי ווי מוראַשקעס וואָלטן געקראָכן איבער זיינע הענט און פיס. אויף דער שוועל איז געזעסן דאָס קליינע פאַסטוכל און געשיילט בולבעס פאַר דעם נאַכטמאָל.

— וואו־זשע זענען זיי?

— די באַלעבאָסטע מעלקט, און דער באַלעבאָסטעס שוועסטער קלייבט אין סאָד טרוקענע שפּענדלעך צום אונטערהייצן אויף דער וועטשערע.

— און וואו איז ער, מיין זון?

דאָס שייגעצל, אַ דערשראָקנס פון פראָימס ווערטער, האָט ברייט צעעפנט די דערשטוינטע אויגן, אויפגעהויבן דאָס בלאַס־געוואָרענע פּנים, אויף וועלכן עס איז איצט נאָך בולטער אַרויסגעקומען די ברוינע רעטשקע פון זומער־שפּרענקלעך, און אויף זיין אָפן מויל איז פאַרגליווערט געוואָרן דער ענטפער. נאָר פראָים האָט שוין נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער. ער איז אַריינגעלאָפן אין שטוב און אויפגעפראַלט די טירן, איינע נאָך דער צווייטער. ער האָט אַריינגעקוקט אין אַלע ווינקלען, אונטער די שאַפעס, אונטער די בעטן. דאַן האָט ער אָנגעהויבן צו רופן. זיין פון אָנהויב נישט זיכער, צוגעדושעט קול, איז געוואָרן וואָס אַמאָל העכער און שטאַרקער, ביז עס האָט זיך געמאַכט אונטערטעניק די בין־השמשותדיקע שטילקייט און פאַרפלייצט אַלץ אַרום:

— יאָסל, יאָסל, י־אָ־ס־ל!

די מיט פאַרנאַכטיקע שאָטנס אָנגעפילטע שטובן האָבן אויפגעכאַפּט זיין קול און געענטפערט מיט אַ מוראדיקער דייטלעכקייט און שקלאַפישער גרייטקייט: יאָסל, יאָסל, י־אָ־ס־ל!

## XI

אַ גאַנצע נאַכט האָט העניע נישט געקאָנט צוטון קיין אויג, זיך אַרומגעוואַלגערט אויפן געלעגער, און ווען זי איז ענדלעך אויף אַ קורצער צייט אַנטשלאָפן געוואָרן, האָט זי זיך באַלד אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענע און געקוקט אין די פענצטער, צי ס׳ווערט שוין באַלד טאָג. נאָר דורך די פענצטער זענען נאָך אַלץ געפאַלן פאַסן זילבער־לבנה־ליכט, זיך געצויגן צו דער טיר, ווי הענט. וואָס טאַפּן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. פון דעם דערבייאיקן סאָד האָט זיך בלויז געהערט דאָס סאָפּען און פרייכן פון די פאַשענדיקע פערד, און דאָס שווערע, אומבאַהאָלפענע האָפּקען פון זייערע געפּענטעטע פיס.

ווען די פּאַרטאַגיקע נעפּלען האָבן זיך אויפגעהויבן איבער דער ערד קוים אַן אייל די הויך, און אַ בלאַס־געלער ווידערשיין האָט בלויז געלאָזט אָנען, אַז עס וועט אויפגיין די זון, האָט זיך העניע אָנגעטון און איז שטיל אַרויס פון שטוב. די טיר איז נישט געווען פאַרקייטלט פון אינעווייניק, קענטיק, אַז עמעצער איז נאָך פריער אַרויסגעגאַנגען. אויף דעם ראָסע־פייכטן גראָז זענען איבערגעבליבן שליאַדעס פון גרויסע מענערשע שיך. אין סאָד, צווישן ביימער איז געשטאַנען פראָים און אַראָפּגעוואָרפן די אין שפּינוועבסענע ליילעכלעך איינגעקנוילטע ווערים. זיין איינגעהויקערטע פלייצע האָט זיך ווילנלאָז אונטערגעגעבן דעם ריטם פון די אויסגעשטרעקטע הענט. אין זיינע שווערע, אחריותפולע באַוועגונגען איז געלעגן אַ הייליקע ערנסטקייט, און גלייכצייטיק האָט זיך דורך אָט די באַוועגונגען דער מענטש צונויפגעגאָסן מיט דעם אויפגייענדיקן טאָג, מיט דעם ערשטן צווירקען פון די פייגל, מיט אַלץ, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט.

העניע האָט זיך געלאָזט גיין צו פראָימען. דאָס ווייכע, טוי־באַשווערטע גראָז האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם ווידערקלאַנג פון אירע שריט. זי איז געשטאַנען אַ לאַנגע צייט הינטער פראָימען, איידער ער האָט זיך אומ־געקוקט.

— שווער, מען מוז זיך אָנהויבן צו פּאַקן.

פראָים האָט פּאַמעלעך אַראָפּגענומען פון אַרבל אַ שטיק שפּינוועבס, אין וועלכן ס׳האָט געווימלט פון קליינע, ברוינע ווערעמלעך, און דאַן האָט ער אויפגעהויבן צו העניען די אויגן, אַרום וועלכע עס זענען געלעגן, אַלס סימן פון אַ שלאָפלאָזער נאַכט, בייטעלעך פון בלוילעכן געשווילעכץ. די ביז־איצט איינציקווייז איבערן גאַנצן פּנים צעוואָרפענע קנייטשן זענען זיך אין דער לעצטער נאַכט צונויפגעקומען אַרום די אויגן און נאָז אין אַ געדיכטן קראַנץ, ווי עס וואָלט זיי הימלעכער געווען אָט אַזוי, בחברותא. פראָים האָט געקוקט העניען גלייך אין פּנים אַריין, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן, אַז די ווערטער זענען נישט קיין אויסטראַכטעניש, נאָר קומען טאַקע צו אים פון איר מויל. די ערנסטקייט פון העניעס אַראָפּגעלאָזטע ליפּן־ווינקלען האָט באַשטעטיקט דעם אומברחמנותדיקן אמת פון די דאָזיקע ווערטער. העניען האָט עס מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו וואַרגן אין האַלז, אירע אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָבן נישט געזען מער, ווי דעם ענגן קרייז פון גראָז אַרום אירע פיס. פלוצים איז איר נמאס געוואָרן די ווייטע שטאָט, וואָס דאַרף פון איצט אָן ווערן איר היים און איר צוריקגעבן מיט צינזן דעם חוב, וועלכער עס קומט איר פון לעבן על־פּי־דין פאַר אַלע אירע אָפּגעהאַרעוועטע, פאַראיינזאַמטע יאָרן. און אפשר זאָל זי גאָר צוריקציען דעם פאַרקויף און בלייבן דאָ וואוינען מיטן אַלטן און מיטן קינד, אַזוי ווי ביז איצט?



פלוצים האָט די זון געשפּאָלטן די גרוילעכע שאָלעכץ פון די כמאַרעס און איז געבליבן הענגען איבער די קעפּ, ווי אַ לויטערע, הייסע פּרוכט. אַ לייכט, קאַפּריזנע ווינטל האָט אָזש ביז אַהער געבראַכט צו טראָגן די הויכע שטימען פון די נייע באַלעבאַטים, וועלכע זענען אָנגעקומען מיט אַ טאָג פריער, און דערווייל געגעכטיקט אין סטאַדאָלע. איצט, ווען די זון האָט אויפגעהויבן פון דער ערד דעם גרויען נעפּל, ווי אַ פאַרהאַנג, האָט מען פון דאַנען געקאָנט דייטלעך זען די פורן פון די נייע באַלעבאַטים. דער טומל איז דאָרטן געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער. קינדער האָבן געוויינט, הינער, פאַרשפאַרטע אין שטייגן, אויף די פורן, האָבן אומאויפהערלעך קאָקאָדאַקעט. דער פרעמדער הונט, אַ צוגעבונדענער מיט אַ שטריקל צום ראָד פון וואָגן, האָט זיך ווילד געריסן צו דעם היימישן קעצל, וועלכעס איז, אָפּטרייסלענדיק ביי יעדן שריט די ראָסע פון די פיסלעך, געגאַנגען פּאַמעלעך אַהיים פון דער נאַכט־יאַגד. די צוויי נייע באַלעבאַטים האָבן שוין געשלעפּט פון שטאַל צו דער שטוב אַן אַלטע, האַלב־צעפּוילטע בעלקע. איינע פון די פרויען האָט געדרייט מיט דער קאָרבע פון ברונעם און אַרויס־געשלעפּט אַן עמער וואַסער. העניען זענען איצט אויסגעקומען נאַריש אירע פריערדיקע מחשבות וועגן בלייבן אין דער ביז־איצטיקער היים. די רירעוו־דיקע אַרבעט פון די נייע באַלעבאַטים האָט מבטל געמאַכט אירע לייכטע ספקות. זי איז געווען צופרידן, אַז עס לאָזט זיך שוין גאָרנישט מער ענדערן און אַז איר אייגענער ווילן איז דאָ אויף דער דאָזיקער שמחה בלויז ווי אַ פרעמדער מחותן, וועלכער דרייט זיך אַרום פון איין ווינקל צום צווייטן און וואַרט, אַז מען זאָל אים אָנווייזן זיין פּלאַץ. העניעס קול האָט איצט אָנגעהויבן צו וויברירן מיט אַ נייער, אומבאַקאַנטער האַפערדיקייט, וועלכע פּרוּווט צו פאַרטייטשן די זיסע, גלויביקע אומרואיקייט פון בלוט.

— ס׳וועט שפּעט זיין, שווער, מען מוז שוין גיין פּאַקן די זאַכן. און ווי עס ווייזט אויס, וועט היינט זיין אַ הייסער טאָג, קאָן מען נישט פאַרן איבער מיטאָג.

העניע האָט באַמערקט, אַז פראָים קוקט אַלץ אָנגעשטרענגט אין איין זייט, אין דער אַנטקעגנאיבערדיקער ריכטונג פון שטוב און סטאַדאָלע, גלייך זיינע מידע, פאַררויטלטע אויגן וואָלטן וואָס גיכער געוואָלט אַנטלויפן פון דעם אַלעם, וואָס קומט דאָרט פאָר הינטער זיי.

— פאַר געזונטערהייט. עכ׳ל שוין דאָ בלייבן.

— וואָס הייסט עפּעס דאָ בלייבן? און מיט וועמען? פראָימס ווערטער זענען געווען אַזוי שטיל, קוים וואָס דאָס אויער האָט זיי דערהערט, אָבער

זיי האָבן זיך אַריינגעשניטן אין העניעס נשמה, ווי שטיקער פֿון צעגליטן אײַזן.

— או װאָז יאָסל וועט צוריקקומען, האַ? און קיינעם וועט ער דאָ נישט טרעפֿן? — — — כ׳מוז דאָ בלייבן און וואַרטן אויף אים, היטן דאָס אַלץ, היטן פֿאַר זיינעטוועגן.

— און ביי וועמען וועט איר דאָ וואוינען?

אַ לאַנג־פֿאַרגעסענער שמייכל, וואָס איז פּלוצים פֿאַרבלאַנדזשעט געוואָרן אויף פֿראָימס פּנים, האָט זיך לאַנג געזוכט אַ וועג צווישן די קנייטשן.

— כ׳האָב געהערט, אַז הערש־לייזער וויל פֿאַרדינגען זיין קאַמער, און די הערשעכע וועט מיר דאָך אָפּקאָכן אַ טעפּל וואַרעמס ביי זיך אויף דער קיך.

העניעס פּיס האָבן שוין איצט גיך געשורעט צווישן דעם פֿייכטן גראָז, געוואָלט זיין וואָס ווייטער פֿון דעם שלאַנקן עפּלבוים אין סאָד, אונטער וועלכן פֿראָים איז נאָך אַלץ געשטאַנען איינער אַליין. אויף דער שוועל פֿון שטוב איז שוין געשטאַנען מאַליע און אָפּגעוואַרט די שוועסטער. אירע נאָזלעכער האָבן געציטערט און זשעדנע געטרונקען דעם האַרבן פֿרימאָרגן־ריח. די וויעס האָבן זיך פֿאַמעלעך און מיט צערטלעכקייט אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן, ווי באַשווערטע מיט דער צו־גרויסער משא פֿון גאָלדענער זוניקייט.

דאָס טונקעלע, קילע פֿירהויז האָט העניעס פּיס צוריקגעגעבן זייער אַמאָליקע זיכערקייט, און ווען זי האָט אויפֿגעמאַכט די טיר אין שטוב אַריין, איז איר ערשטער שריט געווען צום גרויסן אויסגעליידיקטן קופֿערט. גיך, ווי עס וואָלט זי עמעצער געיאָגט, האָט זי געוואָרפֿן אין קופֿערט אַריין וועש, בעטגעוואַנט, קליידער. פֿון אַ בינטל וועש האָט זיך אַרויסגערוקט אַ פּאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ יונגנמאַן אין אַ זעלנערישן מונדיר, און איז געבליבן ליגן אונטער העניעס פּיס, וועלכע האָבן אַנונגסלאָז געטראָטן אויף די פֿאָראויסבליקנדיקע אויגן, אויף די שטייפֿע וואָנצעס און אויף די ברייטע הענט, וואָס האָבן זיך קראַמפּאַרטיק געהאַלטן אָן אַ קליין, געפֿלאָכטן טישל.

XII

וועלנדיק צוקומען צו הערש־לייזערס שטוב, האָט מען שטענדיק געמוזט אַריבערשפּרינגען איבער אַ ברוינלעך־צעיוירענער בלאָטע. עטלעכע שטיינער, וואָס האָבן זיך תמיד געוויקט אין דער מיסט־יויך, האָבן אַמאָל מער און אַמאָל ווייניקער אַרויסגעשטעלט זייערע גרויע, נאַקעטע קעפּ און געוואַרט געדולדיק אויף די אַלע שוער־באַשטיוולטע און לייכטע באָרוועסע פּיס,



וואָס דאַרפֿן זיך אָפּשטעלן אויף זיי. הערש־לייזערס שטיבל איז געווען צעטיילט דורך אַ פֿירהויז, אויף צוויי באַזונדערע העלפֿטן. אין איין זייט די וואוינשטוב מיט אַן אויוון, אַ קיך, צוויי בעטן און אַ שאַפּקעלע מיט צעבראָכענע טירלעך, פֿון וועלכן ס׳האָט תמיד, ווי פֿון מויל פֿון אַ ליידנשאַפֿטלעכן רויכערער, געשלאָגן אַ שאַרפֿער ריח פֿון ביליקן טיטון. אין אָט דעם שאַפּקעלע האָט זיך הערש־לייזער געהאַלטן זיין טראַפֿיק.

פֿון דער וואוינשטוב איז מען דורך אַ קליין, נידעריק טירל אַריין אין אַ שמאָל אַלקערל, וואו עס זענען געלעגן אויף פּאָליצעס שטיקלעך פּערקאַלן, גרויסבלומיקע קאָפּ־טיכלעך, און אָנגעפּילט דאָס קליינע צימערל מיטן ריח פֿון ביליקע פֿאַרבן און געקראָכמאַלעטער לייוונט. אין דעם אַלקערל האָט הערש־לייבס ווייב געהאַלטן איר „קראָם". זונטיק נאָכמיטאָג פֿלעגן אַהער אַריינקומען פּויערטעס מיט קינדער אויף די הענט, קינדער איינגעקלאַמערטע אין די ברייטע פֿאַלדן פֿון די קליידער, און האָבן דורכגעוואָרפֿן די שוין צען מאָל באַקוקטע סחורה, אויסדערציילנדיק דערביי איינע דער צווייטער אַלע נייעסן פֿון גאַנצן דאָרף. דאָ פֿלעגט מען אויך אויף אַ באַנק, אונטער דעם קליינעם, פֿאַרקראַטעוועטן פֿענצטערל, אָנזויגן די קליינע קינדער, אויסלויזן די עלטערע און אויסוויינען דאָס ביטערע מזל פֿון אַ געשלאָגן, אָדער פֿאַרלאָזט ווייב.

די צווייטע העלפֿט הויז איז געווען איינגעטיילט אויף אַ שטאַל, פֿון וועלכער עס איז דורך די צעפֿוילטע פֿאָדוואַלינעס געפֿלאָסן שטענדיק די ברוינע מיסטיויך, און אויף אַ קאַמער, וואו עס פֿלעגן שטיין זומערצייט אויף פּאָליצעס טעפּ מיט מילך און וואו מען פֿלעגט חשוון־צייט אויסשיטן בולבעס און בוריקעס.

אין דער דאָזיקער קאַמער האָט הערש־לייב אַריינגעשטעלט אַ באַנקבעטל, און פֿראָים האָט זיך אַריינגעצויגן מיט זיין טלית־און־תפֿילין־זאַק, מיט אַ טלומעקל וועש, צווישן וועלכע עס זענען געלעגן באַהאַלטן עטלעכע אַלטע, פֿאַרגעלטע ספֿרים.

גאַנצע טעג פֿלעגט פֿראָים איצט אָפּזיצן אויף ברייטע קלעצער, וועלכע ס׳האָט געבראַכט צו דער בוי פֿון אַ נייעם הויז קרינקע, דער שכן. הערש־לייזער, וועלכער איז געווען זיכער, אַז איצט, ווען עס וועט צוקומען אַ נייער מענטש, וועט היימלעכער ווערן אין דער פֿאַראיינזאַמטער, קינדערלאָזער שטוב, איז אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז. אויף הערש־לייזערס פּרוּוון אָנצוקניפּן עפּעס אַ שמועס, האָט פֿראָים געענטפֿערט בלויז מיט אַ מרוטש. פֿראָים האָט איצט פֿיינט באַקומען אַלע מענטשן. ער איז אַנטלאָפֿן פֿון זיי, און זייט ס׳האָט אים ביים דאַווענען אַ פּרעג געטון זישע סמערט, ווי

עס באַלעבאָטעוועט דאָרט עפּעס דער „מעריקאַנער“, האָט ער פון דאַן אָנגעהויבן אויסצומיידן אויך דאָס שבתדיקע מנין.

פון העניעץ איז אָנגעקומען אַ ביסל געלט און אַ בריוו. זי האָט פראָימען געשריבן, אַז בערטשע איז, קיין עין הרע, אַ גרויסער יונג, אַ גאַנצער חתן־בחור, און דעם קומענדיקן זמן וועט ער שוין אָנהויבן גיין אין חדר אַריין. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אַלע באַקאַנטע אין דאָרף, געבעטן זיי אַלעמען צו גריסן. עס האָט זיך אָבער דייטלעך געפילט, אַז דער בריוו איז געשריבן געוואָרן אין איילעניש, בלויז כדי פטור צו ווערן פון אַ פריקרער פליכט.

אין די אָוונטן האָט זיך פראָים נישט געקענט קיין אָרט געפינען. איבעראַל איז אים נאָכגעלאָפן פריילעכע, האָפּקענדיקע טאַנץ־מוזיק, פון וועלכער ס'האָט אָפּגעהילכט דאָס גאַנצע דאָרף פון איין עק ביז צום צווייטן. מיט אַמאָל פיר חתונות. מען האָט זיך צוגעאײַלט איצט פאַר די זומערדיקע אַרבעטן, מחמת ביז צום חשוון וועט נישט זיין קיין צייט אויף שמחות. אין דער צייט פון שניט איז אַפילו דער גרעסטער טאָג נאָך צו קורץ. מען אַרבעט אויף די אייגענע פעלדער ביינאַכט, ביים לבנה־שיין, כדי צו קענען שניידן בייטאָג אויף די פאַנסקע פעלדער און אויף אַזאַ אופן אָפּאַרבעטן פאַר אַ פּאַסטוויסקע, אָדער פאַרדינען אַ ביסל געלט, וואָרום ווינטער איז שוין אײַנגאַנצן אַ פאַרשלאָסענע וועלט, און עס איז נישטאָ וואו צו פאַרדינען עטלעכע גראַשער אויף נאַפט און זאַלץ.

מיטן שטעקן אין האַנט, האָט זיך פראָים קונציק דורכגעגליטשט דורך דער געדיכטעניש פון צעזונגענע קולות, שכורלעכע געשרייען און הויכע פידל-טענער, ביז ער איז אַרויסגעקומען אויפן פעלדוועג הינטערן דאָרף. וואָס ווייטער פון דאָרף, אַלץ לייכטער זענען געוואָרן פראָימס טריט, און זיינע פיס, ווי אַלטע צום היימישן וועג צוגעוואוינטע פערד, האָבן זיך אַליין אויסגעקירעוועט אויף אַ שמאָלער, גוט־באַקאַנטער סטעזשקע. אַ ווייס־גרינע לבנה איז געשטאַנען אין מיטן הימל. די פעלדער, פאַראיינזאַמטע, איבער־געלאָזט פון זון און מענטשן אויף אייגענעם און נאַכטס באַראָט, האָבן זיך ווילענלאָז אונטערגעגעבן דעם אַלץ פאַרפלייצנדיקן, כוואַלענדיקן ליכט און שווייגנדיק געטרונקען פון דער גרינער לבנה. דער שאָטן פון נאָענטן וואַלד האָט ווי אַ שאַרף מעסער דורכגעשניטן דאָס ליכט־באַגאָסענע פעלד. די תבואה איז דאָ געשטאַנען אַזוי הויך און געדיכט, אַז דער גרעסטער מענטש האָט זיך געקענט אין איר אויסבאַהאַלטן. פראָים האָט אַ שלעפּ געטון אַ תבואה־שטענגל. די גוטגעמיסטיקטע, ווייכע ערד האָט לייכט נאָכ־געגעבן. מיט זיינע האַרטלעכע, סענקעוואַטע פינגער האָט פראָים באַטאַפּט



די קני־פאַרקניפּונגען אין ווייכן, ברייטן שטרוי, אַרויסגעשיילט פון דער זאַנג די יונגע קערנדלעך און צעקייט צווישן די געלע, פלאַטשיקע ציין, ביז עס איז אַרויס פון זיי די ווייסע תבואה־מילך. — ווען האָב עך עס געזייט? — האָט ער זיך געפּרוּווט דערמאָנען — אַ גוטע צייט געטראָפן. וואָדען? די זאַנגען ווי די ליאַלקעס. זע נאָר די גרויס פון אַ זאַנג! וואָלט דאָס יאָסל געזען, וואָלט ער ערשט הנאה געהאָט.

ער האָט לאַנג געוויגט דעם קאָפּ, פול מיט באַוואונדערונג, און זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון אָרט. צוריק אַהיים איז ער שוין געגאַנגען מיטן וואַלד־וועג. ערגעץ אויף אַ בוים האָט זיך אַ סאָווע מיט איר רופנדיקער שטים פאַרקנסט מיט דער נאַכט, זשאַבעס האָבן הייזעריק געכרי־כרי־קעט אין די ראָוועס. דאָס גראָז אונטער די שטיוול האָט געשאָרכט און געסיקעט, ווי אַ צוגעטרעטענע שלאַנג.

## XIII

די לופט איז שוין פול געווען מיט דעם צערטלעכן רופן פון די פעלד־פייגל, וועלכע האָבן איינס דאָס צווייטע געזוכט אין די געדיכטע, גאָלדענע דזשונגלען פון די צייטיקע תבואות. שייערן האָבן דורך די צעעפנטע טויערן אויסגעלופטערט די דומפּיקייט פון פאַראַיאָריקן, שימלדיקן שטרוי און אָפּגעחוזקט פון זוניקן טאָג, פון וועלכן זיי האָבן זיך אָפּגעגרענעצט מיט קעלערדיקער קילקייט און האַלב־טונקלקייט.

די ערשטע תבואה־באַלאָדענע פורן האָבן מיט די רעדער אויפגעוועקט דעם זונצעוואָרעמטן, דרעמלענדיקן שטויב און אים אויפגעהויבן צום לויטערן הימל, ווי אַ הויכע, גרויע פאָן. דאַן האָבן זיך די פולגעפּאַקטע פורן קוים דורכגעשטופּט דורך די שמאָלע אילעטשקעס, צווישן פלויטן און געדיכטע שורות ביימער. זענען אויף יעדן פלויט, אויף יעדן צווייג געבליבן גאַנצע זשמעניעס תבואה. קליינע פייגל האָבן זיך מיט אַ צווירקעריי באַזעצט אויף די גאָלדענע, צעשויבערטע תבואה־בעזעמער און מיט די שנאָבלען געדראָשן עקשנותדיק די טרוקענע זאַנגען.

פראָים האָט זשעדנע נאָכגעקוקט די פורן, געוואָלט דערקענען צווישן זיי איינע, אַן איינגעשפּאַנטע אין צוויי הויכע, גראָע פערד. אָבער ערשט פאַרנאַכט האָבן יאַרעצקיס פערד אַהיימגעפירט די ערשטע פור אָנגעפילט מיט לאַנגע, שווערע סנאָפּעס.

מיט אומרו האָט פראָים געוואַרט ביז די רויטע זון וועט זיך אַראָפּ־קוילערן הינטערן פיאַלעטן וואַלד. ערשט, ווען דער וועג האָט פאַרן אַנטשלאָפן ווערן אויסגעגעזעגנט אין דער אָנקומענדיקער נאַכט אַריין דאָס מידע טאַרקען

פון אַ לעצטן וואָגן, ווען עס האָט זיך איבער ביימערשע ווערבעס אָנגעהויבן צו שלייערן רויך פון די קוימענס, האָט זיך פראָים אויפגעהויבן פון די קלעצער און אויסגעקערעוועט צום וואַלד צו. ער איז געגאַנגען, ווי אַ בלינדער, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. אין האַלז האָט געריסן אַ טריקעניש, ווי עס וואָלט זיך דאָרטן באַזעצט דער גאַנצער שטויב, וועלכן עס האָבן אויפגעהויבן און איבערגעלאָזט הינטער זיך די פאַרבייפאָרנדיקע פורן.

אויף זיין אַמאָליקן פעלד איז נאָך אַ העלפט קאָרן געשטאַנען אין מאַנדעלן *), וועלכע ס׳האָט נישט באַוויזן אין משך פון לעצטן טאָג אַריינפירן אין שייער דער נייער באַלעבאָס. איצט, ביינאַכט, האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די מאַנדעלן גייען מיט די בייטן ווי מידע, דורשטיקע וואַנדערער, אַנטקעגן דער לבנה און קוקן אַלץ מיט אַרויפגעריסענע סנאָפּעס־קעפּ, צי ס׳איז נישט מער ווייט צו איר.

פראָים איז געגאַנגען פון איין מאַנדעל צום צווייטן, דאָ פאַררוכט אַן אַראָפּגערוקטן סנאָפּ, דאָרט אַריינגעשטופּט דאָס צופּיל אַרויסשטאַרטשענדיקע שטרוי. נאָר פלוצלינג איז ער געבליבן שטיין, ווי מ׳וואָלט אים צוגעשמידט צום אָרט, און געקוקט מיט ווייט־צעעפנטע אויגן. פון דער צווייטער זייט, אויף דעם קאָרנפעלד, פונוואַנען מ׳האָט שוין אַראָפּגעפירט די תבואה, האָט זיך געשוואָרצט פריש־צעאָקערטע ערד און געשמעקט מיט לאַנג־אויסבאַ־ האַלטענער פייכטקייט און וויאַנענדיקע וואָרצלען. פון די פריערדיקע ברייטע וואָהאַניעס זענען איצט מיטאַמאָל געוואָרן שמאָלע בייטלעך. יעדע עטלעכע שריט איז אָנגעלאָפן אַ קרומע ברוזדע, זיך אַריינגעשניטן טיף אין דער ערד, אַלס דער סימן פון אַ פרעמדן ווילן. פראָים האָט אָנגעהויבן צו גראַבלען מיט די הענט אין דער פייכטער ערד, געמאָסטן מיט די פינגער די טיפקייט פון פּאָקלאַד **) און זיך געחידושט אויף אַ קול. — ווען האָט דאָס געקאָנט געשען? אוודאי ערשט היינט. נישט אַנדערש, בשעת יאַרעצקי האָט אַראָפּגעפירט די תבואה, האָט זיין שוואָגער געאַקערט. מסתמא אַזוי.

און וואָס פאַר אַ באַלעבאַטים זענען דאָס, משטיינס געזאָגט. וואו האָט מען דאָס געזען און געהערט אין אַזאַ טרוקענעם פעלד אַזעלכע שמאָלע בייטן מיט אַזויפיל בריזדעס. די זון וועט דאָך אַלץ אויסברענען און אויס־

---

*) אַ געוויסע צאָל סנאָפּעס, אין יעדער געגנט אַנדערש, ווערט צונויפ־ געלייגט סימעטריש מיט די זאַנגען אויף אינעווייניק און צוגעדעקט מיט אַ צעשפרייטן סנאָפּ פון אויבן, צום שוץ פון ווינט און רעגן.

**) ערשטער, פלאַכער אַקער.



דעווערן. ער איז אַריין אין וואַלד. מיט אַ לאַנגן טרעשטש האָט זיך אַ יונגער גראַב געזעגנט מיט זיין שטאַם. פראָים האָט פון אים אָפּגעפליקט די בלעטער, אָפּגעבראָכן די צווייגלעך און בלויז ביים שפּיץ איבערגעלאָזט צוויי שטאַרקע צווילינגס־צווייגלעך. און מיט דער דאָזיקער ווילע האָט ער אָנגעהויבן צו צעוואַרפן די פריש־אויפגעאַרבעטע סקיבעס. פון רעכטס אויף לינקס, פון לינקס אויף רעכטס. אַזוי האָט ער געאַרבעט די גאַנצע נאַכט. ווילדער כעס האָט פאַרטאָפּלט זיינע כחות. ערשט ווען דער פרימאָרגנ־ דיגער ווינט האָט געבראַכט צוטראָגן פון דאָרף דאָס ערשטע העגער־געקריי, איז פראָים אַ שוויס־באַדעקטער, צוריקגעגאַנגען אין זיין קאַמער אין הערש־לייזערס שטוב.

זונטיק נאָכמיטאָג האָט דער „אַמעריקאַנער“, אַנטאָן יאַרעצקי, דער־ ציילט צווישן די פויערים, אַז עמעץ צעטראַטעוועט אים ביינאַכט דאָס פעלד און מאַכט אים אָן גרויסע שאָדנס. נאָך זיין ווייבס טויט איז ער עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד נישט געווען אין פעלד. יעדערער ווייסט דאָך גוט, אַז אין אַזאַ פאַל קען מען נישט האָבן אַזוי גענוי אַלץ אין זינען. ערשט נעכטן אין אָוונט, ווען ס׳איז שוין אינדערהיים געווען נאָך דעם גאַנצן „טראָסק“, איז ער אַרויס אין פעלד אַ קוק טון, ווי אַזוי אַלץ זעט דאָרט אויס. נו איז אים מיטאַמאָל חושך געוואָרן אין די אויגן. אַזאַ שאָדן. און דאָס — נישט ווייט פונדערהיים, כמעט אונטער דער נאָז. פון אָנהויב האָט ער אַפילו געמיינט, אַז ס׳איז דאָרט דורכגעגאַנגען אַ סטאַדע ווילדע חזירים, אָבער שפּעטער, ווען ער האָט זיך גוט צוגעקוקט, האָט ער נישט געקאָנט אַנטדעקן קיין שום חיהשע שליאַדעס. איבעריקנס, זוכן ווילדע חזירים קאַרטאָפל־ פעלדער און נישט קיין שטיק לײדיק, פריש צעאָקערט פעלד, ווי דאָס, וואָס ס׳איז צעשעדיקט געוואָרן. נישט אַנדערש, נאָר עמעץ פון די דאָרפסלייט וויל אים, דעם פרעמדן, אָפּטון אַ שפּיצל. ער האָט געפּרוּווט דערגיין, ווער ס׳קאָן דאָס זיין, ער וועט זיך דאָך נישט לאָזן אַרומפירן ביי דער נאָז. עטלעכע מאָל האָט ער געטשאַטעוועט ביינאַכט אין אַ ברוזדע, אָבער תמיד איז „עס“ אין דער לעצטער רגע אַנטלאָפן. איינמאָל האָט ער דייטלעך געזען, מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי ס׳איז פון וואַלד אַרויס אַ שוואַרצס און אַ לאַנגס, נאָר ווען ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט פאָראויס, איז עס אַנטלאָפן און פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די ביימער.

די פויערן האָבן זיך געצלמט און געשפּיגן פון פאַרלעגנהייט. נישט אַנדערש, נאָר אַ „נישט־גוטער“ קומט מאַנען ביי די מענטשן זיין חלק, אַ שטיק ערד, נאָך וועלכער עס בענקט זיך אים מסתמא אין הייסן גיהנום.

יאַרעצקי האָט געגעבן אַ קונציקן שפּיי דורך די ציין. ער גלויבט נישט אין קיין שום שדים און רוחות. נישטאָ קיין ערגערע רוחות, ווי עס זענען די מענטשן אַליין.

אין די ליפּן־ווינקלען פון די פּויערן האָט זיך געטשאַיעט חשד און שרעק פאַר די לעסטערונג־ווערטער פון זייער נייעם שכן. די געדאַנקען האָבן זיך געדרייט אין קאָפּ, ווי שווערע מילשטיינער, געוואָלט צעמאָלן אויף שטויב דאָס אומהיימלעכע, וואָס איז אַזוי אומגעריכט אויסגעוואַקסן צווישן זיי און לאָזט נישט צורו סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט. עס איז אין ערגעץ נישטאָ און דאָך איז די גאַנצע לופט אַרום פול מיט דעם. מ׳קאָן עס נישט איבעראַשן. עס לאָזט זיך נישט אונטערגיין, ווי אַ פּשוטער גנב. און מ׳קאָן עס נישט בייקומען מיטן פּראָסטן, קלאָרן שכל.

ווערטער זענען מיטאַמאָל געוואָרן איבעריק. זיי זענען געבליבן אין דער קעל, פון ענגשאַפט איז טרוקן געוואָרן אין די העלדזער און מ׳האָט געמוזט אַריינגיין אין קרעטשמע, כדי זיי אַראָפּצושווענקען מיט בראָנפן. יאַרעצקי האָט נישט לאַנג מיטגעטרונקען. ווען די נאַכט האָט אָנגעהויבן צוצופאַלן, האָט ער זיך מיט אַלעמען געזעגנט. די פּויערן, שכורלעך פון בראָנפן און אויפגערעגט פון די נאָר וואָס געהערטע מעשיות, האָבן אים נישט געוואָלט אַוועקלאָזן.

— בלייבט, „קומע״, בלייבט, אַז מען בעט אייך.

— דערציילט אונז ליבערשט נאָך אַמאָל פון אייער אַמעריקע מיט די דאָרטיקע פּאַלאַצן.

— די אויערן ווערן דאָך געשוואָלן פון נייגעריקייט.

— אייער „באַבע״ וועט נישט אויפשטיין פון גרוב זיך קריגן מיט אייך. טאָ פאַרוואָס־זשע אַנטלויפט איר פון אונז?

— עס וואַרט דאָך אויף אייך קיינער נישט אין שטוב.

אָבער יאַרעצקי האָט זיך נישט געלאָזט איבעררעדן. ער האָט זיך היינט געאיילט מער ווי שטענדיק. ער האָט צוגעקנעפּלט זיין ברייט קאַרירטן ראָק, וואָס האָט מיט אַ מאָדנער פּרעמדקייט אָפּגעשלאָגן פון די לניאַנע, פּויערישע קליידער, און איז אַרויס מיט זיין ברייט־וויגנדיקן שריט.

ביי זיך אין דערהיים האָט יאַרעצקי לאַנג געפּוצט די עסטרייכישע ביקס, וועלכע איז שטענדיק געהאָנגען צוקאָפּנס פון זיין בעט. די דאָזיקע ביקס האָט געזאָלט אויסהיטן זיין שווער־פאַרהאָרעוועט האָב און גוטס פאַר דער אַרומיקער אָרעמקייט, וועלכע האָט פון אַלע ווינקלען געשטשירעט די הונגעריקע ציין. אין דער נאָך־מלחמהדיקער אייראָפּע איז דער דאָלער געוואָרן דער איינציקער האַר. אַלץ האָט זיך געבוקט פאַר אים, פאַר זיין



אומבאַגרענעצטער מאַכט. אין דערפער און שטעט האָט מען פאַר די שטייפע, לענגלעכע פּאַפּירלעך געקענט באַקומען אַלץ: פעלדער, בהמות, הייזער, אַלטע צירונג און יונג מיידלש לייב. עס איז כמעט קיין וואָך נישט אַריבער, מען זאָל נישט הערן וועגן רויב אָנפאַלן אויף די „מעריקאַנער״, די רייכע צוריקקערער פון יענער זייט אָקעאַן.

יאַרעצקי האָט אויסגעפּרואווט דאָס שלאָס פון דער ביקס. עס איז צוגעפאַלן מיט אַ האַרטן, טרוקענעם קנאַק. ער האָט אַריינגעלייגט אין דער עפענונג די צוגעגרייטע קוילן און אַריינגערופן די שוועגערין, בעטנדיק זי, זי זאָל אַכטונג געבן אויפן קינד, ביז וואַנען ער וועט צוריקקומען. זייט דער מוטערס טויט, האָט דאָס ייִנגל מורא געהאַט צו בלייבן אַליין אין שטוב. ער האָט דערציילט, אַז די מאַמע קומט צו אים יעדע נאַכט און שטעלט זיך אַוועק ביי דער טיר, קוקט אויף אים לאַנג מיט אַזעלכע מאָדנע, טרויעריקע אויגן, ווינקט מיט דער האַנט און רופט אים צו זיך, ביז וואַנען ער צעוויינט זיך נישט פאַר שרעק, דעמאָלט פאַרשטעלט זי זיך די אויגן מיט ביידע הענט און פאַרשווינדט.

ווען די שוועגערין איז אַריינגעקומען, האָט דאָס ייִנגל אַרומגעוויקלט איר האַלז מיט זיינע דאַרע, ממש קינדישע הענטלעך און זי נישט געוואָלט אָפּלאָזן.

— פע, ביסט דאָך שוין אַ דערוואַקסענער, אַ פאַראָבעק, וועסט באַלד מיט אַ קאָסע אַרויס אין פעלד, און האָסט מורא אַליין צו בלייבן אין שטוב.

דאָס ייִנגל האָט אָנגעהויבן אַריינצושלוכצן אין דער מומעס האַלז און נאַקן.

— מומעניו, זי זעט אויס אַזוי שרעקלעך, וויל מיך אוודאי דערוואָרגן, נעם מיך אין דיין שטוב, כ׳וועל שלאָפן מיט מיכאַלקען אויפן אויוון.

די שטוב איז געבליבן אַ ליידיקע, נאָר די גרילן, וועלנדיק זיך איצט אָפּנעמען פאַר אַ גאַנצן טאָג שווייגן, האָבן זיך מיט זייערע קולות אַריינגעבויערט וואָס טיפער אין די טונקעלע שאַכטן פון דער נאַכט.

יאַרעצקי איז געגאַנגען מיטן וואַלד. ער האָט געוואָלט אָנקומען פונהינטן און אָפּשניידן דעם וועג יענעם באַשעפעניש, וואָס מאַכט אים אַזוי פיל שאָדן אין זיין פעלד. די לופט איז געווען שווער און פאַרנע. זשאַבעס האָבן געראַכאָטשעט אויף רעגן. אויפן הימל האָבן זיך געפּאַלדעוועט טונקעלע כמאַרעס, ווי ברייטע פריש־צעאַקערטע לאַנעס און איבערגעלאָזט אינמיטן שמאָלע ברוזדעס פון בלויען הימל. קיין איין ליכטיקער שטערן איז נישט אויפגעגאַנגען אויף די ווייטע כמאַרנע פעלדער. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אין

אָט דער נאַכט וואַרט דאָס הימלפעלד אויף אַ באַלעבאָס, וועלכער דאַרף ערשט קומען און עס פאַרזייען מיט גאָלד-געלער זריעה.

יאַרעצקי האָט זיך באַהאַלטן אין ראָוו לעבן וואַלד און בלויז דעם קאָפּ האָט ער אַרויסגעשטעלט צווישן די קאָרטשעס. ער איז אַזוי אָפּגעלעגן מער ווי אַ שעה צייט. די ביינער האָבן שוין אָנגעהויבן צו ברעכן פון ליגן אויף איין אָרט, און עס האָט זיך נאָך אַלץ קיינער נישט באַוויזן. יאַרעצקי האָט זיך אויסגעדרייט אויף דער צווייטער זייט, כדי די לינקע, אָנגעשטרענגטע האַנט זאָל זיך אַביסל אויסרוען. ער האָט זיך געריכט דאָ צו בלייבן אַ גאַנצע נאַכט. אין קאָפּ האָט געזשומעט אָן איינגעעקשנטער געדאַנק, ווי אַ זלידנע פליג: היינט, אָדער קיינמאָל נישט.

פּלוצים האָט זיין וואַכיק אויער אויפגעכאַפּט אַ טרעשטשען פון טרוקענע שפּענדלעך אין וואַלד. יאַרעצקי האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין דער פינצטערניש. פון וואַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסשאַרן אַ טונקעלע, הויכע געשטאַלט. געבליבן שטיין אויף זיין ראַנד, זיך אומגעקוקט עטלעכע מאָל אין אַלע זייטען און זיך דאַן פּאַמעלעך געלאָזט גיין צום פעלד־צו, אין דער ריכטונג, וואו ס'איז געלעגן צעשפּרייט אויף דער ערד צום טריקענען די געקאָסעטע רעטשקע. דער הויכער, טונקעלער מענטש האָט קודם אַ טאָפּ געטאָן אין עטלעכע ערטער די רעטשקע, דאַן אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום פאַרכמאַרעטן הימל, און זי אָנגעהויבן צו בינדן אין סנאָפּעס מיט איילִיקע באַוועגונגען. יאַרעצקי האָט אַזש אויפגעציטערט פון פרייד. אָט היינט וועט ער אים שוין כאַפּן, דעם פרעמדן, וועלכער איז מסתמא געקומען גנבענען זיין פּראַצע. אַנטקעגן אַלע זיינע פריערדיקע פּלענער צו ליגן רואיק און צו וואַרטן ביזן סוף, האָט ער זיך דאָך, זייענדיק אַזוי נאָענט פון גנב, נישט געקאָנט איינהאַלטן. ער איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ שריי: „לייגסטו אַנידער, צי נישט!?"

דער הויכער, שוואַרצער מענטש האָט אָנגעהויבן צו אַנטלויפן קווער דורכן פעלד, צום פּונקט, וואו דער וואַלד איז אַמנאָענטסטן. ער איז געלאָפן, ווי אַ געיאָגטע חיה. לאַנגע, טונקעלע פּאָלעס פון אַ מאַנטל האָבן געפלאַטערט פון זיינע ביידע זייטן.

יאַרעצקין איז מיטאַמאָל געוואָרן אומהיימליך. שווייס האָט מיט קאַלטע פּערל באַדעקט זיין שטערן. ער האָט פעסטער אַרומגענומען די קאָלבע פון דער ביקס. זיין קול איז אַרויסגעקומען הייזעריק און געקלונגען פרעמד אין די אייגענע אויערן.

— סטאָי, באָ סטזשעלאַם!*)

*) שטיי ווייל כ'שיס!



אָבער דער פרעמדער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. מיט איין פוס איז ער שוין אַריבערגעשפּרונגען דעם ראָוו. נאָך איין רגע און ער וועט פאַרפאַלן ווערן אין דער געדיכטעניש פון וואַלד, אַזוי ווי תמיד ביז איצט, און מער וועט זיך שוין אַזאַ גוטע געלעגנהייט נישט טרעפן. יאַרעצקי האָט אויפגע־הויבן די ביקס. איין שאַרפער צי: טרר—ררר—ראַך...

עס האָט אָפּגעקלונגען אין וואַלד, ווי מען וואָלט צעבראָכן אַ בונט טרוקענע צווייגן, און דאַן איז פון דער ווייטנס צוריקגעקומען אַ הוילער ווידערקלאַנג, גלייך עמעץ וואָלט פון יענער זייט וואַלד צוריקגעשאָסן.

— טרר—ררר—רררראַך...

מיט נישט זיכערע שריט איז יאַרעצקי צוגעגאַנגען צו דעם אָרט, וואו ס'איז מיט אַ רגע פריער געשטאַנען די הויכע, טונקעלע געשטאַלט. מיטן פּנים צו דער ערד איז דאָ געלעגן אַ מענטש. די הענט און די פיס צעוואָרפן פון זיינע ביידע זייטן.

יאַרעצקי האָט זיך איינגעבויגן טיפער, אָנגענומען מיט ביידע הענט דעם פרעמדנס קאָפּ און אים אויסגעדרייט מיטן פּנים צום הימל. פון שטערן האָט זיך געשנירלט אַ קלעפּיקע פליסיקייט, צונויפגעקלעפּט די לאַנגע האָר פון דער באָרד און פייכט געמאַכט דאָס גראָז אַרום קאָפּ. דער פרעמדער מענטש האָט אויפגעמאַכט אויף אַ ווײַלע די אויגן. זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט שווער און הילפלאָז, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַרויסרייסן פון אונטערן סאַמע האַרץ עפּעס אַ וואָרט.

אַ שווערלייביקע כמאַרע, וואָס איז גראָד פאַרבייגעשוואומען, איז אויף אַ ווײַלע דורכגעשטאָכן געוואָרן מיט דעם האָרן פון אַ יונגער, בלאַסער לבנה. און איידער ס'האָט זי פאַרדעקט די צווייטע כמאַרע, איז אַ פּאַס ליכט געפאַלן אויף דעם פּנים פון ליגנדיקן מענטש און אים אַרויסגעשיילט פון דער אַרומיקער טונקלקייט.

יאַרעצקי האָט ווילד אויסגעשריען:

— יעזוס מאַריאַ! פּאַניע פראָים, פּאַניע פראָים — איר?

מיט ציטערדיקע פינגער האָט ער אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און באַלויכטן דאָס פּנים פון פאַרוואונדעטן, וועלנדיק זיך איבערציינגן, צי אַ ווילדער קאָשמאַר נאַרט נישט זיינע אויגן. געלע פּלעמעלעך האָבן זיך אַ גליטש געטאָן, ווי קליינע שלענגעלעך איבער אַ טויט־בלאַס פּנים.

עס איז טאַקע געווען פראָים גאַרבער. זיינע אויגן האָבן זיך שוין איינגאַנצן פאַרמאַכט, נאָר דאָס מויל איז נאָך געשטאַנען אָפן, ווי ס'וואָלט נאָך אַלץ געוואָלט אַרויסשרייען דאָס לעצטע, נישט אַרויסגעזאָגטע וואָרט. יאַרעצקי האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף פראָימס האַרץ. עס האָט נאָך

געקלאַפּט, אָבער שוין מיט אַ יעדער רגע שוואַכער און שטילער. יאַרעצקי האָט פּראָימען אויפגעהויבן פון האַרטן ראָוו, אים אויף די אייגענע הענט אַריבערגעטראָגן עטלעכע שריט ווייטער, און אים געלייגט אויף דעם ווייכן, פריש־צעאַקערטן פעלד. דאַן איז ער מיט די פעלדער געלאָפן אין דאָרף אַריין צונויפרופן מענטשן. אפשר וועט עס זיי נאָך געלינגען אָפּצוראַטעווען דעם אַלטן.

ווען יאַרעצקי האָט זיך פון דאָרף אומגעקערט מיט די מענטשן, איז שוין פּראָים געווען טויט. און אַז מען האָט אים געלייגט אויף די נאָשעס, כדי אים אַהיימצוטראָגן, האָט זיך פון זיינע פאַרמאַכטע פויסטן אָנגעהויבן שיטן ווייכע, שוואַרצע ערד, אין וועלכער עס האָבן זיך געפּרוווט איינצוקלאַמערן זיינע הענט אין די לעצטע מינוטן פון גסיסה.

1931

# שלמה „נוזשדע״

I

ער איז נישט געבוירן געוואָרן אין אַ בעט, ווי אַלע קינדער נאָר אויף אַ פור. אפשר טאַקע צוליב דעם האָט ער זיך געפילט אַזוי פרעמד אינדערהיים.

אין אַ סוף זומער־טאָג, בעת איר מאַן איז געווען אויף די „מאַנעווורעס״, האָט שרה אַ רוף געטאָן דמיטרען, דעם שכן, און באַשטעלט אים מיט פערד און וואָגן קיין סאַמבער אויף צוועלף ביינאַכט. אַ גאַנצן טאָג האָט זי סאָרטירט, געוואויגן און געבונדן מיט דמיטרען דאָס אויבסט אין די זעק. פאַרנאַכט־צו, ווען דמיטרעס ווייב איז געקומען רופן דעם מאַן אויף וועטשערע, האָט זי אַזש פאַרבראָכן די הענט, דערזעענדיק שרהס שוויס־באַדעקט, אָפּגעמוטשעט פנים און איר הויכן, שפּיציקן בויך.

— סורקאָ, איר האָט דאָך נישט קיין גאָט אין האַרצן! ווי וועט איר זיך שלעפּן אַ גאַנצע נאַכט מיט דעם־אָ? עסאיז דאָך אָט, אָט צום אַרויס־שפּרינגען. ביי איך איז עס ס׳ערשטע. און עך האָב שוין געהאַט צוועלף שטיק. יאָ.

— מ׳מוז פאָרן, יעווקע. אפשר וועט עס נאָך אויסהאַלטן עטלעכע טעג. די באַרן וועלן דאָך ווערן פאַרפוילט. ווייסט דאָך, אַז די פאַניענקעס *) קאָנען לאַנג נישט ליגן. יאָ, מיינער האָט מעך באַזאָרגט מיט באַרן און מיט נאָך עפּעס. וואָס זאָל עך טון, חשוון האָט ער געקויפט, ווי ס׳האָט זעך געלאָזט. נישט געקאָנט איבערלאָזן די מציאה פאַר סענדערן...

קיין סאַמבער איז שרה אָנגעקומען פאַרטאָג און זיך מיט איר פור אָפּגעשטעלט נישט ווייט פון דער קוזיכעס הויז. די קוזיכע, אַ באַקאַנטע, קאָן מען צו איר אַריינגיין נאָך אַ טרונק וואַסער. נאָר באַלד זענען אָנגעפאָרן פון אַלע זייטן פול־געפּאַקטע וועגענער, זיך איינגעסדרט שורותווייז און פאַרשטעלט אינגאַנצן שרהס וואָגן. פון אונטער די געזעסן האָט מען אָנגעהויבן אַפּירצושלעפּן ברויט מיט קעז און קנאָבל. די פערד, מידע פון לאַנגן וועג, האָבן פאַמעלעך געקייט גרינעם קלעע און וויקע. טיילמאָל האָט זיך אומגעריכט צעהירזשעט פאַרבענקט אַ פערד און מיט אַן אויסגעצויגענעם פאַרריסענעם קאָפּ זיך געוואָלט דערנענטערן צו אַ צווייט פערד. צווישן

*) אַ סאָרט פריע באַרן.

דער מחנה אַנגעפּאָרענע פערד האָט עס דערקענט זיין פּאָר, מיט וועלכן עס איז געגאַנגען לאַנגע יאָרן אין איין שפּאַן, איידער אַ מאַרק־טאָג. אַזעלכער ווי היינט, האָט זיי צעטיילט אויף שטענדיק. נאָר די פלאַקסענע גראָב־געדרייטע פּאָסטראָנקעס האָבן איינגעצוימט דעם פערדישן אימפּעט. איז עס געבליבן אויף איין אָרט מיט די פּאָדערשטע פיס אין דער לופט, די צעשויבערטע גריווע פאַרן ווינט און דעם פאַרבענקטן רוף, ווי אַ הייסע פּאַן איבער אַלעמענס קעפּ.

ערשטע טירן האָבן זיך געעפנט מיט אַ וויינענדיקן סקריפּ. פאַרשמייעטע מאַרק־זיצערקעס מיט קוישן אין די הענט האָבן אָנגעהויבן אַרומצושפּאַנען פון איין וואָגן צום צווייטן. נאָר קיינער האָט זיך נישט געאיילט מיטן אויפבינדן די זעק. מען האָט געוואַרט אויף בעסערע קונים, די סוחרים פון באָריסלעוו און דראָביטש. זיי זענען אָנגעקומען מיט פּאַמעלעכע, זיכערע שריט, די קאַשקעטן פאַררוקט טיף אויף די נידעריקע שטערנס. פון צייט צו צייט האָבן זיי מיט מבינות אַ קלאַפּ געטון איבער אַ זעקל סחורה, ווי איבער אַ פערדישן קאַרק. זיי האָבן נישט צוגעזאָגט קיין שום פּרייזן, געוואַרט ווי דער מאַרק וועט זיך שטעלן. וואָס־אַמאָל אין אַן אַנדער ריכטונג האָבן אויפגעגליט זייערע רויטע, פון אונטער קראַגנס אַפּירגעקוואָלענע קאַרקעס.

אַ ברייטע, צעפלאַמטע יידענע האָט אַראָפּגעשלעפּט פון אַ פור אַ זעקל סחורה און געשריגן צום ייד, וואָס האָט געריסן דעם זאַק צו זיך:

— וואַרט, וואַרט, סענדער פּאַרך, אַז ס׳וועט זיין אַ קלאָג, וועסטו מעך זוכן. היינט וואַרט ער אויף די דראָביטשער „פּריצים״. אַנדערש פּאַסט עים נישט! וועסט נאָך פוילן לעבעדיקערהייט צוזאַמען מיט דיין סחורה.

אַ זשומעריי פון קולות האָט זיך געראַיעט אין דער לופט, ווי מען וואָלט צעעפנט אַ בינשטאָק. די זון, וועלכע איז פאַרגאַנגענעם אָוונט אַריינגעפאַלן הינטער אַ טונקעלער כמאַרע, ווי אַ באַל הינטער אַ פלויט, איז אויפגעשטאַנען מיד פון אייגענער היץ. פליגן האָבן געביסן מיט אַ ווילדער עקשנות און מענטשן האָבן אַרויפגעקוקט צום הימל, צי עס באַווייזן זיך נישט קליינע, וויים־געקרויזטע כמאַרעס, ערשטע אָנזאָגערינס פון רעגן.

ווי דער קנאַל פון אַ בייטש האָט אַ שאַרפער שריי אומגעריכט דורכ־געשניטן די לופט און איז געבליבן הענגען איבער מענטשלעכע קעפּ. באַלד דערנאָך אַ צווייטער, דריטער און פערטער, ביז די לופט איז אָנגעגליט געוואָרן מיט אַ פאַרחידושטן אומרו. מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַרומשמאַיען איבערן מאַרק, נישט וויסנדיק וואוהין און נאָך וואָס. נאָר אַזוי אומגעריכט, ווי ער איז געקומען, האָט זיך דער שריי פאַרלוירן צווישן די שורות אָנגעפּאָרענע וואָגנס.



— טפו, אַ פּעק זאָל זיי ווערן, — האָבן געשפּיגן און געשאָלטן די מאַרק־זיצערקעס, — מסתם האָט זיך אַן ערל אָנגעשיכורט אויפן ניכטערנעם מאָגן און מאַקלט זיין ווייב.

גראָד דעמאָלט האָט זיך אַ ריס געטון אַ נייער שריי, ווי פאַרקלעמטע ציין וואָלטן אים נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַ צעצויגן יאָמערן האָט נאָך אים נאָכגעציטערט. באַלד האָט מען דערזען אַ פויער מיט אַ בייטש אין דער האַנט אַריבערשפּרינגען איבער די אָנגעפּאַקטע וועגענער, ווי איבער אַ באַוועגלעכער בריק. נייגעריקע האָבן אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, — וואָס איז געשען, וואָס? אָבער דער פאַרסאָפּעטער פויער האָט זיי אַלע אַוועקגעשאַרט מיט דעם גראָבן עק פון בייטש:

— זאָגט בעסער, וואו ס׳וואוינט דאָ ערגעץ אַ „באָבקע״? דאָרט גייט איינע צו קינד.

און מיט דעם זעלבן וועג האָט דמיטרע געפירט די הייבאָם צו דער געווינערין. די אַלטע כאַיענטע האָט זיך מיט מי געדראַפּעט אויף די הויך־געפּאַקטע וואָגנס, און דמיטרע האָט זיך געמוזט יעדע ווילע אָפּשטעלן און צוהעלפן, אונטערהייבנדק זי ביים הינטער־חלק. באַלד נאָך כאַיענטעס אָנקומען האָט זיך דערהערט אַ דין, נישט זיכער וויינען פון אַ קינד. אויף דעם וואָגן מיט אויבסט צווישן צעמערבטן, צעוואָרפענעם שטרוי, איז געלעגן שרה מיט איר ערשטלינג. אויף אַלע אַרומיקע פורן זענען מענטשן געטאָן מיט טאָרקעריי דער ערשטער וואָגן און אויפגעבונדן דעם משונהדיקן ענדיקן. און דאָן מיט אַ הילכיקן, באַפרייטן געלעכטער, איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן די בשורה:

— אַ יינג מיט — ביינער, אָן אַ בייז אויג.

אַ גאַנצן טאָג איז שרה געלעגן אויפן וואָגן צוגעדעקט מיט איר אַלטן מאַנטל. און אַ גאַנצן טאָג זענען איבער איר קאָפּ געהאָנגען כמאַרעס. דער ווינט האָט זיי צונויפגעשאַרט אין איין גרויסן, טונקעלן הויפן. ווי פערדישע קאָפּיטעס איבער אַ שטיינערנעם ברוק האָט מיט אַ טעמפּן, הוילן ווידערקול געטאָפּטשעט דער דונער איבער די דעכער. קיינמאָל אין איר גאַנץ לעבן האָט שרה נישט געהאָט אַזויפיל צייט ווי איצט. זי איז געלעגן מיט שטילע הענט, וואָס האָבן פון צייט צו צייט געזוכט דאָס קינדישע ווייכע קעפּל, ווען עס האָט אַ שאַרפער בליץ באַשריבן זיגזאַגיש דעם פאַרכמאַרעטן הימל. איר פור, איינע פון די ערשטע, איז געווען ווי אין אַ קלעם. ערשט פאַרנאַכט־צו, ווען עס זענען שווערע טראָפּנס רעגן צוגעפאַלן מיט אַ צמאָקעריי צו די שטויביקע, צעהיצטע שטיינער, האָט זיך אַ ריר געטאָן מיט טאָרקעריי דער ערשטער וואָגן און אויפגעבונדן דעם משונהדיקן

קנופּ. נאָך דער ערשטער, האָבן זיך אָנגעהויבן אויפצעוויקלען די איבעריקע פורן, ווי אַ לאַנגע בייטש, וואָס טייטלט מיט דער שפּיץ צו דער בריק און צו דעם ווייסן וועג צווישן גרינע פּאַסוויסקעס, בעת איר גראָבער עק שטייט נאָך אַלץ נעבן שטעטלשן ברונעם. די קוזיכע האָט שרהן אַריינגענומען צו זיך אין שטוב. אָבער באַלד דעם צווייטן אינדערפרי האָט זיך שרה איינגע־שפּאַרט, אַז זי מוז אַהיימפאָרן. זיך נישט געלאָזט אָפּהאַלטן פון קיינעמס רייד און מיט אַ געדונגענער פור האָט זי זיך געלאָזט צוריק אין איר דאָרף.

— נישט געקאָנט קומען מיט אַ טאָג שפּעטער, — האָט זי זיך געקלאָגט פאַר די שכנים, — דאָס גאַנצע אויבסט האָט מען מיר צעטרענצלט.

אויף דעם ברית בײַ שרהן אין שטוב, וואו די דאָרפישע יידן האָבן זיך אָנגענומען מיט אַ שווייגנדיקער, אַטלאַסענער ערנסטקייט, וועלכע האָט שלעכט געפּאַסט צו זייערע פאַרגרעבטע, אָפּגעברענטע פּנימער און וואו די יידענעס האָבן זיך אָן אַ פאַרוואָס און אַ פאַרווען צעוויינט אויף אַ קול, שנייצנדיק אין די יום־טובדיקע אַזשורנע שאַליקלעך די פאַררויטלטע נעז, האָט מען דעם קינד אַ נאָמען געגעבן נאָך שלמהן, דודס טאַטן ע״ה. שלמה איז געוואַקסן, ווי יעדעס דאָרפישע קינד., געוויינט זייער אָפּט, ווען עס איז אים געווען נאַס, ווען ער איז געווען הונגעריק, ווען די פליגן האָבן צופיל געשטאָכן און זיך צו עטלעכע מיטאַמאָל באַזעצט אין די אויגנווינקלען. נאָר וועלכע דאָרפישע מאַמע האָט עס זומער צייט צו איר קינד? איז וואָס, אַז עס וויינט? מיטן געוויין וועלן אים אַוועקפליען די פריצישע „זאַכציאַנקעס״. ערשט ווינטער ביים באָדן פלעגט שרה, לענגער ווי יעדע מאַמע, באַקוקן מיט אומרואיקע אויגן דעם דאַרן, לאַנגע גוף, וועלכער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אָננעמען ווייכע, קיילעכדיקע פאָרמען פון קינדער אין דעם עלטער, כאָטש שרה האָט טיילמאָל איבער אַ דאַנק געשטופּט יעדע האַלבע שעה די ברוסט אין מיילעכל אַריין. וואָס עלטער דאָס קינד, אַלץ דאַרער און קנאָכיקער זיין קערפּער. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז שלמהס גוף איז צונויפגעשטוקעוועט מיט גראָבע טאַנדייט־שטעך, ווייל די נאַטור האָט זיך געאיילט צו קינדער פון פיינע אויסגעאיידלטע עלטערן, ביי וועלכע זי מוז אַ לאַנגע צייט פאַרברענגען מיט אויספורעמען דאָ אַ קנעכל, דאָרט אַ קנייטש, כדי נישט צו פאַרשעמען די אַרבעט פון דורות, וועלכע האָבן איר צוגעהאָלפן ווי ווייט מעגלעך מיט גאָרנישט טון, ווייכער וועש און גוטע מאכלים. שכנים האָבן געשמועסט וועגן שלמהן, אַז ער וואָקסט, „ווי גאָט וואָלט פון אים די מאָס פאַרלוירן״... אָדערן, ווי גראָב געדרייטע שטריק האָבן צוגעהאַלטן אַ קאָפּ, וואָס איז געווען לויז אַריינגעשרויפט אין דאַרן האַלז און עס האָט זיך געדאַכט, אַז טאָמער וועלן זיך די דאָזיקע אָדערן באַהאָלטן אַ רגע בלויז אונטער דער הויט, וועט דער קאָפּ אַוועקפליען, ווי



אַ לופט־באַלאָן. בלויז די אויגן ברוינע, טיפע, האָבן דערמאָנט אָן ווייכן, וואַרעמען פליוש. גאָטס טעות. זענען זיי שטענדיק געלעגן באַהאַלטן אונטער געדיכטע, צונויפגעוואַקסענע ברעמען, טאַקע ווי אַ טעות, מיט וועלכן מען שעמט זיך. געזען האָט יעדער בלויז דעם רויען אומגעלומפּערטן גוף. שלמה האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען די מאַמע זאָל אים אַמאָל אַ קוש טון, אָדער אַ גלעט. ער איז געוואַקסן, ווי ווילדע קראָפּעווע ביים פּלויט. זיין כריפּענדיק קול האָט פול געמאַכט די לופט, ווי דער געקלאַנג פון פאַר־זשאַווערטע קייטן. קינדער האָבן זיך נישט געוואָלט מיט אים שפּילן. שעהנווייז פלעגט שלמה שטיין הינטער אַ בוים, אָדער ביים פּלויט און זיך צוקוקן, ווי די קינדער קנעטן אויס ליים אויפן דאָרפסוועג, פורעמען עס אין פּלעצלעך און וואַרפן זיי מיטן כוח אָן דער ערד. און דאַן אָן אַמפּערן, קריגן זיך און באַרימען, וועמענס פּלעצל האָט געגעבן דעם שאַרפסטן קנאַל. געווען איז פאַר די קינדער אַ גרויסער יום־טוב, ווען מען פלעגט זיך צונויפנעמען און אַרויפגיין אויפן ליים־באַרג, וואָס גרענעצט אָפּ דאָס דאָרף פון צווינטער. אויפן שפּיץ באַרג איז געשטאַנען אָן איינגעבויגענער, האַלב־פאַרפוילטער צלם. אים צופוסנס איז געוואַקסן שיטערע צענטאַריע און גרינער ראַזכאַדניק, אין וועלכן מען באָדט שוואַכע קינדער. האָט זיך געשלענגלט טיף ביי דער ערד. דער באַרג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט נאַקעטע ליים־טעראַסן צום שטראָז־צו, וואו ס׳האָט אים אַ קרומער פּלויט געהיטן פאַר אַ צו־נאָענטער דערנענטערונג מיטן וועג.

אין דעם דאָזיקן ליים-באַרג האָבן די קינדער אויסגעגראָבן טיפע לעכער פאַר זייערע פוקסן־ און באַרקוסעס־שפּילן. איין ייִנגל פלעגט אַריינקריכן אין אַזאַ הייל און די איבעריקע האָבן אים געפּרואווט פון דאָרט אַרויסטרייבן מיט שטעקנס. דער „פוקס״ האָט געוואָרטשעט, זיך געווערט מיט נעגל און ציין, און נישט איינמאָל איז בלוט געפלאָסן פון דעם אָנגרייפערס הענט, ווען מען האָט זיך צופיל צעהיצט און פאַרלוירן די גרענעץ צווישן שפּיל און וואָר.

זייערע אויספלוגן צום באַרג פלעגן די קינדער האַלטן בסוד, נאָר מאָדנע, שלמה פלעגט תמיד דערניאָכן מיט זיינע חושים, ווען דאָס דאָרף געשען און זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זיי פונדערווייטנס. ער איז געשטאַנען נעבן פּלויט מיט אָן אָפן מויל און געפּרואווט דורך אומבאַוואוסטע גרימאַסן פון אויגן און מויל אָנטייל צו נעמען אין דעם שפּיל. אַלע האָבן גוט געזען שלמהס בעטנדיקע בליקן, אָבער קיינעם איז נישט איינגעפאַלן אַריינצונעמען שלמהן אין דער חברותא. נאָר אַפילו דאָס שטומע צוקוקן פונדערווייטנס האָט זיך מיט דער צייט פאַר שלמהן געענדיקט. און געקומען איז דאָס אַזוי: אין אַ גליאיקן זומערדיקן נאָכמיטאָג, ווען מען האָט נישט געקאָנט אַזוי פרי

אַרויסטרייבן די בהמות אויף פּאַשע צוליב דער גרויסער היץ און די כמאַרעס פליגן, האָט זיך נאָך אַ לאַנגן אַרומסודען אין די ווינקלען, צונויפגענומען די גאַנצע חברה יונגוואַרג מיט יוזעק דעם קאָוואַלס און יאַנקל „טכויר״ בראש. די קלענערע ייִנגלעך זענען נאָכגעלאָפן פונדערווייטנס, טאָמער וועלן זיי צונויף קומען די „גרויסע״. דער גליקלעכסטער פון דער קליינער חברה איז היינט געווען איוואַש דער אלמנהס. צוליב דער גרויסער היץ האָט זיך קיינעם פון די גרויסע נישט געגלוסט אַריינצוקריכן אין דער שמאָלער נאָרע. אַמליבסטן וואָלטן זיי זיך געלייגט ערגעץ אין שאָטן מיט די פּנימער אין גראָז און איבערגעוואַרט די מיטאָג־שעהן. אָבער פון דאַנען אַוועקצוגיין האָט שוין נישט געפּאַסט. האָט זיך יוזעק אויסגעדרייט צו די קליינע ייִנגלעך, וואָס האָבן געדולדיק געוואַרט אויף די באַפעלן פון די „גרויסע״.

— ווער פון אייך וויל זיין דער „פוקס״?

אַלע, אַלע האָבן געוואָלט ווערן פוקסן. זיי האָבן אַרומגעשטעלט יוזעקן. און יוזעק האָט אויסגעקליבן דעם קלענסטן, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט צו אים צושטופּן. איוואַש האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן ס׳העמד, פעסטער צונויפגעצויגן דאָס שטריקל אַרום די זגרעבנע, געלאַטעטע הייזלעך און מיט דער געשווינדקייט פון אַן אמתדיק חיהלע פאַרשוואונדן אין דער ליימענער עפענונג. באַלד האָט זיך דערהערט פון דאָרט אַ בייז וואָרטשען, גלייך נישט איינער, נאָר צען פוקסן וואָלטן פאַרטיידיקט זייער באַדראָט לעבן. אַ לאַנגער שטעקן האָט זיך איינגעבויערט אין דעם ליימענעם טונעל. — טר־ר־ראַך — דער שטעקן איז צעבראָכן געוואָרן און אויף דער אויבער־פלאַך זענען אַרויסגעפלויגן קליינע שטיקלעך האָלץ. די עלטערע ייִנגלעך האָבן געפּרוּווט אַרויסשלעפּן דעם געפאַנגענעם. נאָר באַלד האָבן זיי דערפילט אין די פינגער אַ שאַרפן, ברענענדיקן ווייטיק פון איוואַשעס ציין.

דאָס שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן צו־לאַנג צו פאַרציען. און אין די שטאָלן שטייען די קי און ריטשען מסתמא אויפן גאַנצן קול. איז דען מעגלעך, אַז די פּאַטערס ביי דער אַרבעט זאָלן נישט הערן? אַזוי איז תמיד, ווען מען גיט זיך אָפּ נישט מיט זיינס גלייכן, נאָר מיט אַזעלכע קליינע „שקראַבעס״.

— העי, איוואַש, קריך שוין אַרויס, געגוג!

נאָר קיין איוואַש איז מער נישטאָ, מען האָט אים געמאַכט פאַר אַ פוקס, צי נישט? און אַ פוקס קומט נישט אַליין אַרויס פון זיין נאָרע, אַ פוקס מוז מען כאַפּן.

יוזעק דעם קאָוואַלס האָט אַ זיפּ געטון מיט דער נאָז, אויסגעשפּיגן ווייט פון זיך, ווי ער האָט עס געזען ביים טאַטן, בעת יענער נעמט זיך



אַנטשיידן אַ וויכטיקן ענין, און די פאַלדן אויף דעם ייִנגלס שטערן האָבן געזאָגט עדות, אַז דאָס קלערן קומט נישט אָן אַזוי לייכט. ער האָט צונויפגערופן די ייִנגלעך און זיי עפּעס איינגערוימט אויפן אויער. יעדן באַזונדער. יאָ, וויל ער דורכאויס זיין אַ פוקס, וועט מען זיך לגבי אים באַנעמען, ווי קעגן אַ פוקס, אָט אַזוי, ווי מען האָט עס געזען ביים לעסנע. מען וועט אים אויסרייכערן און פאַרטיק.

דער טרוקענער פלויט האָט אַ טרעשטש געטון, ווי עמעץ וואָלט געשאָסן. די שפּענער האָט מען צונויפגעשאַרט אין אַ הויפן אַנטקעגן דעם ערד־לאָך.

— איוואַש, צום לעצטן מאָל, גייסט אַרויס, צי נישט?
אַנשטאָט אַן ענטפער:

— ה־ה־ר־ר־רר. —

יוזעק האָט אויסגעווישט דעם פאַרשוויצטן שטערן מיט אַן אַרבל פון העמד, און דאַן אָנגעצונדן אַ שוועבעלע. דאָס טרוקענע האָלץ אויסגעמישט מיט שטרוי, האָט זיך תיכף אָנגעכאַפּט, נאָר מאָדנע אָרעם און נעבעכדיק האָט אויסגעזען אָט דאָס פייערל אַנטקעגן דער צעברענטער קויל פון דער תמוזדיקער זון. האָט מען צונויפגעשלעפּט וואָס־מער האָלץ, כדי נישט צו בלייבן פאַרשעמט. פון דער ליימענער נאָרע איז געקומען אַ פאַרשטיקט דאָרט ליגט אַ ייִנגל, זייער שפּיל־חבר. געקלערט האָט מען בלויז וועגן פוקס. צי וועט אים געלינגען צו אַנטלויפן, צי נישט. פוקסן זענען קלוג, ער קרעכצן. אָבער קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט. אַלע האָבן פאַרגעסן, אַז קאָן דאָרט האָבן אַן אַנדערן אַרויסגאַנג, אפשר פון יענער זייט באַרג? מען מוז גוט אַכטונג געבן. דער רויך האָט געגריזשעט די אויגן ביז טרערן, שוויס האָט צונויפגעקלעפּט די האָר אין נאַסע פּאַסמעס. אָבער די נייגעריקייט האָט די קינדער נישט געלאָזט אָפּטרעטן פון אָרט אַפילו אויף איין רגע. נאָר פלוצים, אין די סאַמע שפּאַנענדסטע מינוטן האָט מען געשטערט זייער שפּיל. גאַנץ אומגעריכט איז געקומען די דאָזיקע שטערונג און דווקא פון אַזאַ זייט, וואו קיינער וואָלט זיך קיינמאָל נישט געריכט. שלמה, דער שלמה מיטן אָפּגעלופּעטן פּנים, וועלכן אַלע טרייבן פון זיך, ווי אַ פאַרשיוועץ הונט, איז מיטאַמאָל צוגעשפּרונגען ווי אַ ווילדער, און אַוועקגעשליידערט יוזעקן מיט די חברים. זיי זענען אַזוי דערשטוינט געוואָרן פון שלמהס אומגעריכטן אַריינדרינגען אין זייער געשלאָסענעם קרייז, אַז זיי האָבן אין דער ערשטער מינוט געלאָזט טון מיט זיך אַלץ, וואָס יענער האָט געוואָלט. דאַן איז שלמה אַרויפגעשפּרונגען אויף דעם הויפן פון ברענענדיקן האָלץ און עס אָנגעהויבן צו טראַטעווען מיט זיינע באָרוועסע פיס. די טליענדיקע גלאָווניעס האָט ער אַוועקגעשליידערט ווייט פון זיך. זיינע דאַרע לאַנגע

הענט האָבן זיך לאַנג געפּאָרעט אין דער פינסטערער, שמאָלער נאָרע, איידער זיי האָבן אַפּירגעשלעפּט אַ רויך־אָנגעזאַפּט ווייך פּעקל, פון וועלכן עס איז אַרויסגעפאַלן אַ פאַרחלשט קינדעריש קעפּל. מען האָט איוואַשן קוים דערמונטערט. אינדערהיים איז ער אָפּגעלעגן אַ וואָך צייט און צו דעם אַלעמען באַקומען קלעפּ פון דער מאַמען. ווייל אין סאַמע מיטן שניט, ווען די צייט ברענט צוגלייך מיט דער זון אויפן הימל, האָט נישט געהאַט ווער צו פּאַשען די קו. פון דער צייט אָן האָט מען שוין שלמהן נישט דערלויבט אַפילו צוצוקוקן זיך פונדערווייטנס. און אַממייסטן האָט געיאָגט מיט שטיינער און שטעקנס איוואַשע דער אלמנהס, ווייל צוליב שלמהן האָט ער באַקומען קלעפּ פון דער מאַמען. און ווען נישט שלמה, וואָלט זיך דאָס שפּיל מסתמא בעסער געענדיקט. איצט וועלן זיך די גרויסע קיינמאָל מער נישט וועלן שפּילן מיט אים, קיינמאָל מער.

II

נישט די אויגן, נישט די פיס פירן דעם מענטש צו דוד נוסדאָרפס קעלער, נאָר די נאָז אַליין. שוין פונדערווייטנס טראָגט זיך אַקעגן דער ריח פון פאַרשידענערליי אויבסט און פאַרוואַנדלט די לופט אַרום קעלער אין ווייַן, וועלכן עס טרינקען די פאַרבייגייער. פון אויסנווייניק זעט אויס דער דאָזיקער קעלער, ווי אַן אויפגעשיט קבר. זיין גראָז־באַוואָקסענער רוקן שעמערירט דורך די עטלעכע שיטערע ביימלעך, וועלכע ס׳רופן דודס קינדער מיטן שטאָלצן נאָמען: סאָד. עטלעכע האַלב־פאַרפוילטע טרעפּלעך פירן צו אַ טיר, וואָס קוקט תמיד מיט איין קרומען שפּאַלט, ווי מיט אַ קאָסאָקע אויג. דאָס שלאָס מוז זיך שטענדיק דינגען מיט הייזעריק־פאַרזשאַווערטע רייד מיט דעם גרויסן, געקאָוועטן שליסל. פון זומער אָן פאַרברענגט דודס משפחה גאַנצע טעג אין דעם דאָזיקן קעלער ביים סאָרטירן דאָס אויבסט. דוד אַליין פאַרנעמט זיך בלויז מיט וועגן און פאַרבינדן די פאַרטיקע זעק. ער שטייט שטענדיק מיט אַ בינטל שפּאַגאַט, וואָס הענגט אים אַראָפּ פוןביידע זייטן מויל ווי קעציש וואָנצעס און מרוטשעט אַריין אין דער באָרד אין דרייערליי שפּראַכן אַלע אים באַקאַנטע קללות. עס זאָל זיין אַביסל פריילעכער ביי דער אַרבעט. אין די אָוונטן זיצט מען אין דער גרויסער, פאַרשימלטער שטוב, וואו ס׳וואַלגערט זיך אין אַלע ווינקלען דאָס האַלב־פאַרפוילטע אויבסט, וועלכעס מען קאָן שוין נישט פאַרקויפן און ס׳איז נאָך אַ שאָד עס אַרויסצוואַרפן. מיט ליסטיקייט מוז מען בייקומען די ממזרישע שטיקלעך פון קליינעם אַכטער־לאָמפּ, וואָס בשום־אופן וויל ער נישט אָנערקענען די אויטאָריטעט פון דודס חשבונות, וועלכע עס גיבן זיך אונטער אָן אַ פּיפּס אַלע שטוב־מענטשן צוזאַמען מיט דער קאַץ. יעדע האַלבע שעה מוז שרה



צולויפן צו דעם קאָפּטשענדיקן לאָמפּ און מיטן פאַרטוך אַרויסשלעפּן דאָס פאַררויכערטע קנייטל. די קינדער זיצן דעמאָלט איינגעטוליעט נעבן אויוון און טאָרן זיך אַפילו נישט געבן קיין ריר, בעת דוד דאַוונט אַריין אין די טונקעלע ציפערן זיין הייסן, שווערן אָטעם. טיילמאָל גיט אינמיטן דערינען אַ שפּרינג אַראָפּ פון אויוון די גראָע קאַץ מיט אַ בעטנדיקן מיאַוטש. הויבן זיך אויף מיט אַ בייזער פון דעם נאָטיץ־ביכל אַ פּאָר גראָע טונקל־באַברעמטע אויגן. דאָס קורצע, אָפּגעגריזשעטע שרייבפּענדל גיט אַ טאַנץ־אונטער אויף דעם איינעם פיסל, פאַלט אַראָפּ פון טיש, ווערט פאַרפאַלן ערגעץ אין אַ לעכל פון דער ליימענער פּאָדלאָגע און אַפילו אָן די ווערטער, וואָס קומען באַלד נאָך, ווייסען אַלע במילא, אַז היינטיקע נאַכט וועט שוין די קאַץ נעכטיקן אינדרויסן. דאָס שרייבן און פירן חשבונות צוליב די שותּפות־געשעפטן מיטן שוואָגער, זענען געווען די שווערסטע אַרבעט פאַר דודן און אים נמאס געמאַכט דעם גאַנצן מסחר. ער וואַרט, זיין עלטסטער זון זאָל זיך נאָר אויסלערנען האַלטן אַ פּענע אין דער האַנט, דאַן וועט שוין לייכטער זיין. איינמאָל אין אַ רעגנדיקן פאַרנאַכט, באַגלייט פון צוויי כמאַרעדיקע שטערנקנייטשן, איז געקומען דער בליץ, וועלכער האָט געטראָפן שלמהס אָרעם, פאַרזוואָרלאָזט לעבנסביימל און אָפּגעשונדן פון זיין קינדהייט דאָס איינציקע ביסל פרייקייט.

— נאָך די ימים־טובים מערטשעשעם ברענגט אַראָפּ חיים וועפּרענע אַ מלמד פאַר זיינע ייִנגען. ס׳איז שוין צייט, אַז אויך אונזער „האַלאָדריגע" זאָל נעמען אַ ייִדיש וואָרט אין מויל אַריין. געדענק, שרה, מ׳עט עים מוזן קויפן אַ ניי היטל.

מען האָט טאַקע שלמהן געקויפט אַ ניי היטל און עס איז שוין געווען די העכסטע צייט, וואָרום דעם זעלבן פרייטיק, וואָס איז געווען אַ מאַרקטאָג אין דער שטאָט, האָט חיים וועפּרענע געברענגט צו פירן אַ קורץ, דיק נפשל. דאָס איז געווען דער נייער, אויף אַ גאַנצן זמן געדונגענער מלמד. אַזוי ווי דער מלמד איז געווען צו־קליין פאַר די אויסגעוואַקסענע, גרויסע דאָרפסיונגען, אַזוי האָט זיך דאָס נייע היטל אַרויסגעוויזן אַלס צו־גרויס פאַר שלמהס קאָפּ. נאָר אַזוי ווי אין שטאָט אַריין איז געווען אַ צוויי מייל וועגס, האָט מען געמאַכט פון הינטן אַ טיפן קנייטש און עס איבערגעלאָזט. אָבער איין צרה איז געווען מיט דעם דאָזיקן פאַלד: ער האָט געהאַט אַ טבע זיך תמיד דעמאָלט אויפצולאָזן, ווען שלמהס קאָפּ האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט אַ „שווער" אות. דאָס רוב זענען דאָס געווען די סוף פיס, אָדער צאַדיקס. דעמאָלט האָט זיך די שווערע, האַרטע קאָפּ־הויט צונויפּ־געצויגן, ווי זי וואָלט געוואָלט צוהעלפן דעם מוח מיט עטלעכע קנייטשן. נאָר אַזוי ווי קנייטשן זענען פון דעם קיינמאָל נישט אַרויסגעקומען, האָבן

די באַוועגונגען פון דער הויט בלויז אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויערן אַריבער ביז עס האָט זיך איינגעהאַלטן אויף דער שפּיץ נאָז. שלמה האָט אַפילו נישט באַמערקט דאָס שפּיל פון זיין היטל. ער האָט בלויז געשוויצט מער ווי תמיד. אַלע זיינע חושים זענען געווען פאַרנומען מיט דעם דערלאַנגען אים דאָס וואָרט אין מוח אַריין. ערשט זיין מלמד, דער קורצער, דיקער שמואל, פלעגט אים אויפוועקן מיט אַ שנעל אונטער דער נאָז און איבערלאָזן רויטע סימנים אויף עטלעכע טעג. פאַר דער גאַנצער פאַר־ביטערטקייט פון זיין לעבן האָט אים געמוזט באַצאָלן שלמהס טעמפּער מוח. אי דערפאַר, וואָס ביי זעכצן יאָר האָט אים זיין פאָטער אַרויסגעפירט אויפן שטעטלשן מאַרק און אים פאַרדונגען צו אַ באַלעבאָס, אָט ווי מען פאַרקויפט אַ בהמה, אי דערפאַר, וואָס די באַלעבאַטים האָבן זיך מיט אים איינגעטיילט, ווי מיט אַ נשמהלאָזער זאַך, און יעדע פיר וואָכן האָט ער געמוזט עסן קעסט ביי אַן אַנדערן באַלעבאָס, אי דערפאַר, וואָס ער האָט געמוזט חנפענען יעדער באַלעבאָסטע אויף אַן אַנדערן אופן. שמואל האָט געוואוסט, אַז פאַר שלמהן וועט זיך קיינער נישט אָננעמען. אָט איבער דעם אומגעלומפּערטן גוף, איבער די פאַרטראַכטע, בעטנדיקע אויגן, איז ע ר געווען דער באַלעבאָס. שטיל, אויף שפּיץ־פינגער פלעגט ער זיך שלייכן אַרום טיש, פאַראויס־שטופּנדיק דאָס קיילעכדיקע בייכל צו דעם אָרט צו, וואו שלמה איז געזעסן אַ פאַרלוירענער אין זיינע געדאַנקען, וואָס האָבן זעלטן ווען געהאַט אַ שייכות צו דעם, וואָס קומט פאָר אַרום אים. אומגעריכט האָט זיך דאָס פלאַטשיקע, קלייענדיקע פּנים פון מלמד אַריבערגעבויגן איבער שלמהס אַקסל און צוגלייך מיט אַ פאַרדומפּענעם, שלעכטן ריח פון מויל האָבן שלמהן אַ זעץ געטון אין סאַמע פּנים די חוזקדיקע ווערטער פון אכזריותדיקער צערטלעכקייט:

— שלמהניו, דו שלאָפסט? האַ? און עכ׳ל מיר אַרויסרייסן מיינע לונגען באַ דיר?

דאָס שטענדיקע זיצן אויף איין אָרט, דאָס וועלן אויפכאַפּן די ווערטער, וואָס האָבן אַרומגעזשומעט אַרום אים ווי בינען און בשום אופן נישט געוואָלט אַריינפליען אין די אויפגעשטעלטע אויערן, דער שטענדיקער פּחד פאַר דעם מלמדס אומגעריכטן זעץ, האָבן אָנגעגאָסן מיט מידקייט שלמהס לאַנגן גוף. אין דער מיטאָג־צייט, בעת אַנדערע קינדער האָבן זיך גיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט זייערע ברויט־און־פּוטערס און געלאָפן זיך שפּילן, איז שלמה אַנידערגעפאַלן ווי אַ שווערער זאַק דאָרט, וואו ער איז גראָד געשטאַנען. טיילמאָל האָט מען אים געפונען אַזש פאַרנאַכט־צו אין אַ לײדיקן שײער, אָדער הינטער אַ פּלויט צווישן געדיכט־באַוואַקסענע גאָרטן־בייטן. איינמאָל



איז אויף אים שיער נישט אַרויפגעפאַלן אַ וואָגן. ערשט אין דער לעצטער מינוט, ווען ער איז שוין געווען כמעט אונטער די קאָפּיטעס, האָט זיך דאָס פערד דערשראָקן פאַר דעם אומבאַוועגלעכן טלומעק און צעבערעכנדיק דעם דישעל, אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט. ווען מען איז שפּעטער צוגעלאָפן צו אים, באַטאַפּט זיינע הענט און פיס, כדי צו האָבן די געוויסקייט, אַז ס׳איז אים גאָרנישט געשען און מען קאָן גוט אָנשרייען אויף אים, האָט שלמה אויסבאַהאַלטן זיין פּנים, שעמענדיק זיך מיט זיינע גאַנצע גלידער, גלייך אים וואָלט געטראָפן די גאַנצע שולד דערפאַר, וואָס די מענטשן האָבן זיך אומזיסט איבערגעשראָקן.

נאָך די ערשטע צוויי חדשים לערנען האָט דוד אַריינגעשטופּט שלמהן אין דער האַנט דאָס צעביסענע שרייב־פּענדל, אַרונטערגערוקט אונטער דער נאָז דאָס פאַרשמירטע, באַשריבענע נאָטיץ־ביכל און געהייסן אויסשרייבן און צונויפרעכענען וויפיל עס קומט אויף דעם פעטער זעליקס חשבון פון דעם עפּל־פאַרקויף. אַלע האָבן אַרומגערינגלט שלמהן, געפירט מיט די אויגן דאָס שרייב־פּענדל, כדי עס זאָל זיך אָפּשטעלן ביי דער ריכטיקער ציפער, און דער טאַטע זאָל נישט האָבן קיין גרונד צו שעלטן ס׳גאַנצע הויזגעזינד. די שווערע טראָפּנס שווייס אויף שלמהס אויבערשטער ליפּ זענען געוואָרן מיט יעדער רגע געדיכטער און שווערער, ווי זיי וואָלטן געוואַקסן אויף די הייוון פון שרעק. זיי צו הילף זענען געקומען אומגעריכטע, נישט געבעטענע טרערן און פון גאַנצן חשבון איז געוואָרן איין גרויסער מישמאַש. אויף צומאָרגנס האָט שוין דאָס גאַנצע דאָרף געוואוסט, אַז פון שלמהן וועט קיין לייט נישט אַרויסוואַקסן, עס איז בלויז אַ שאָד שכר־לימוד. די יינגערע קינדער האָבן שוין אינגאַנצן אָנגעוואוירן זייער דרך־ארץ צום עלטערן ברודער, אים צוגערופן „בורמילע״, אָדער „איוואַנעץ״ און אונטער־גערוקט אונטער דער נאָז די קאַץ. צו דרייצן יאָר האָט אים דער טאַטע אָנגעהויבן לערנען, ווי אַזוי אַ כהן בענטשט דאָס פאָלק ישראל. דאָס „פאָלק״ זענען געווען די עלטערע דאָרפסיידן, וואָס קריגן זיך צווישן זיך אַ גאַנצע וואָך, בעטן זיך איבער ביים פרייטיקדיקן מאַרק־טאָג, כדי מען זאָל פאָרט צונויפנעמען אַ מנין, און צעקריגן זיך אויפסניי שבת ביים דאַווענען צוליב אַן אויסגעקויפט קעלבל אָדער צוליב אַן עליה. די מאַמע זיינע, תמיד אַ פאַריאָגטע מיט טויזנטערליי זאָרגן, די מאַמע, וואָס האָט גוט געפילט דעם יאָך פון אָרעמקייט, די שווערע לאַסט פון אַ פרעמדן דאַך איבערן קאָפּ און געאָרבעט פון פרייטאָג ביז שפּעט־נאַכט, האָט דאָך געפונען אַ שעה צייט, כדי זיך צו באַרימען זונטיק פאַר די פּויערטעס פון דאָרף:

— ווייסט עטץ, „מיינער״ איז פונקט אַזוי, ווי ביי אייך אַ קסיאָנדז. יאָ, ער בענטשט אַלע יידן, אי שאַיעז, אי וואַלקען און אַפּילו דעם רייכן גוטבאַזיצער האַרטשטיין, אַזיסטן איין גאָט ווייס וואָס מיט זיי וואָלט געשען.

וואָס־ווייטער זי האָט גערעדט, אַלץ מער האָט זי זיך אַריינגעלעבט אין דעם איינגערעדטן יחוס, וועלכער האָט זי געזאָלט אויסגלייכן, ניין, אויפהייבן איבער די רייכע באַלעבאָסטעס.

— און איצט וועט עים שוין צוהעלפן מיין שליאָמקע.

— איז עס אוודאי אַזוי, ווי אַ קסיאָנדז מיטאַ דיאַק — האָבן צוגעשאָקלט די פּויערטעס מיט די קעפּ און זיך אינדערשטיל געחידושט, וואָס פאַר אַ וועלט דאָס איז, די יידישע, אַז אַזאַ פריץ, ווי האַטרשטיין, איז אָפּהענגיק אויף זיין גאַנץ לעבן פון דוד סאַדעווניק מיט זיין זון.

## III

שוין באַצייטנס האָט מען זיך אָנגעהויבן צו ריכטן אויף אַ פריען ווינטער. די בלעטער זענען פריער ווי תמיד געל געוואָרן, און ווי גאָלדענע פייגל געפלאַטערט אַ ווײַלע אין דער לופט, איידער זיי זענען צוגעפאַלן מידע צו דער ערד. ביים קאַרטאָפל־גרובן האָט מען געפונען אין פעלד אַ נאָרע פון אַ כאָמיק, באַוואָרנט מיט שפּייז פון כלערליי מינים. די לאָסיצע האָט פרי געביטן איר רויטע פעל און אַ ווייסבייכיקע האָט זי מיט איר שמאָלן ווערטענע־לייב געשפּיגן איבער וועג און פעלדער די זאָרג פון אַ לאַנגן, שווערן ווינטער. פאַר די ימים־נוראים, נאָך איידער מ׳האָט באַוויזן אויס־צוגראָבן די קאַרטאָפל, איז אַראָפּגעפאַלן דער ערשטער שניי. מיט געשוואָלענע בלוי־אָנגעלאָפענע הענט האָט מען אַרויסגעשלעפּט די קאַרטאָפל פון דער פאַרשטאַרטער ערד. מען האָט געוואוסט, אַז באַלד וועלן די קאַרטאָפל, וואָס דער פראָסט האָט געכאַפּט, ווערן איינגעקאַרטשעט און פאַרשפּרייטן אַרום זיך אַ זיסלעכן פאַרדומפענעם ריח פון פוילעניש. אין אַ סך שטיבער האָט מען זיך באַצייטנס אָנגעהויבן גרייטן צום אַוועקפאָרן. ווער קיין פרייסן און ווער נאָך ווייטער, אויב ס׳געלט האָט געקלעקט אויף הוצאות.

— אַז קיין בולבע איז נישטאָ, איז די שטוב געגליכן צו אַ טרומנע! — האָבן געטענהט די עלטערע פויערן מיט דער פאַרחושטער געלאַסנקייט, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון זייערע פאָטערס. בלויז אין די גרויסע הייף האָט מען געהאַט נחת פון גאַנצן עסק. מיט שרייב־פענדלעך אין די הענט האָט מען קאַלקולירט די פרייזן, געבויט קאָלומנעס פון ציפערן, ווי הויכע שלעסער און זיי מולטיפּליצירט דורך פרעמדן הונגער. די סך־הכלען האָבן געדאַרפט דעקן רייזעס קיין ווין, מאָנטע־קאַרלאָ און אָסטענדע. אַ



קלאָרער חשבון: די געפרוירענע קאַרטאָפל וועט מען קאָנען קויפן האַלב־אומזיסט פאַר די ברענערייען צו ברענען בראָנפן און שטעלן אויף בראַהע אַ סך בהמות, וואָס די פויערן וועלן מוזן אויספאַרקויפן.

דערווייל האָבן שניי־זאַווערוכעס אַרומגעשטעלט דאָס דאָרף מיט הויכע, ווייסע שאַנצן. פון יונגע ביימלעך האָבן זיך קוים אַרויסגעזען די ווייכע קעפּלעך. פלעגט מען טאַקע יעדן אינדערפרי טרעפן אויף דעם צוגעפרוי־רענעם שניי שליאַדעס פון האָזן און סאַרנעס, וואָס זענען געקומען ביינאַכט פון די אַרומיקע וועלדער און אויף דער קאָרע פון יונגע ביימלעך סימנים פון זייערע ציין. פיקסן און מאַקדערס זענען געוואָרן שטענדיקע געסט אין די הינער־שטאַלן. זיי האָבן קונציק אויסגעמיטן די קלאַפּאייזנס, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט אויף די סטעזשקעס, מיט וועלכע זיי פלעגן אָנקומען, און איינמאָל האָט מען אַפּילו באַמערקט שליאַדעס פון אַ סטאַדע ווילד־חזירים. אין די אָרעמע שטובן האָט מען זיך געלייגט שלאָפן, ווי נאָר די זון האָט זיך באַהאַלטן אונטער די דריי סמערעקעס. אַ שאָד אומזיסט צו ברענען נאַפט. ביי די רייכערע פויערן האָט מען געשפּונען פלאַקס, געשיילט אַרבעס און באָבעלעך, און די אַלטע פויערן פלעגן זיך באַרימען מיט זייערע העלדישע מעשים בשעתן עסטרייכיש־דייטשן קריג. פון די מעשיות איז אויסגעקומען, אַז פראַנץ־יאָזעף, האָבנדיק אַ מיליטער פון סאַמע אַזעלכע העלדן, וואָלט קיינמאָל נישט געווען פאַרשפּילט דעם קריג, ווען נישט די גענעראַלן, וואָס האָבן נישט געוואוסט, ווי אַזוי אָנצופירן מיט דער אַרמיי און נישט געוואָלט פאָלגן די עצות פון די קייזער־געטרייע דאָמבראָווקער זעלנער. — דאָ איז די פּאָסע, איר זעט? און דאָ דער באַרג. — די פּאָסע איז געווען דער לייוונט־באַקליידעטער פוס און דער באַרג די קני. — אונזער מיליטער שטייט פון דער זייט, און דער דייטש מאַכט זיך נישט וויסנדיק פון י ע נ ע ר זייט פּאָסע, וויל אונדז אַריינגאַרן. זאָג איך: פאַניע פעלד־מאַרשאַלעק...

— פאַרשטייט ער אוקראַיניש? — רופט זיך אָן אַ קליין יינגל.

— גיי, האָק נישט איבער, — בייזערט זיך דער אַלטער — ער פאַרשטייט אַ סך שפּראַכן, דער דאָזיקער פעלדמאַרשאַלעק, דאָס גאַנצע לעבן זיצט ער דאָך אין די ביכער, אָבער דעמאָלט האָב איך אויך געקענט דייטש און האָב צו אים גערעדט טאַקע מיט דעם קייזערס לשון. גלייבסט נישט? און וואָס מיינט מען „גלייכאיבונג״?*) האַ?

די קינדער, וואָס זענען אינמיטן דערינען אַנטשלאָפן געוואָרן, וואו וועלכעס ס׳איז געפאַלן, האָבן אין זייערע חלומות מיטגענומען די אויפגע־

---

*) געלענקסאיבונגען. אַ פאַרדרייט דייטש וואָרט.

וועקטע בענקשאַפט צו אַ פרעמדער, גרויסער וועלט, וואָס הייבט זיך אָן מסתמא פון יענער זייט וואַלד.

אין די יידישע שטיבער פלעגט מען אויסהערן די ייִנגלעך, צי זיי קענען כאָטש דאַוונען, און ווי אַ זאַך מאַכט זיך, צי וועט גאָט פאַרשטיין אַמאָל דעם פאַרדרייטן, פאַרגרעבטן קדיש. די יידענעס האָבן געפליקט פעדערן אין רעשעטעס אַריין. קינדער וואַקסן אונטער קיין עין־הרע, און כאָטש ס׳עלטסטע מיידל איז נישט מער אַלט ווי זעקס יאָר, מוז מען שוין צונויפליגן פעדערן אויף אָן איבערבעט מיט קישנס. בייטאָג פלעגן די קינדער אַריינהויכן זייער אָטעם אין די פאַרפרוירענע שייבלעך, כדי צוצוהעלפן אַביסל דער זון, וועלכע איז שטענדיק אויפגעשטאַנען אַ נישט־אויסגעשלאָ־פענע, און גענעצנדיק אַ פיר שעה איבער דעם טרויעריקן הימל, פאַרפאַלן געוואָרן פון יענער זייט וואַלד. יעדן טאָג האָבן די קינדער געפרעגט ביי טאַטע־מאַמע — ווען וועט שוין זיין פסח? און ס׳האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דער לוח, וואָס זאָגט צו דעם יום טוב אין צוויי חדשים אַרום, נאַרט זיי אָפּ. זענען זיי אַליין געגאַנגען זוכן דעם פרילינג. זיי האָבן זיך געדראַפּעט אויף די העכסטעביימער, צעביסן מיט די ציין די האַרטע פּענקעס און אַלץ געוואָלט דערגיין, צי זיי וועלן נישט געפינען הינטער דער האַרטער הויט צונויפגעלייגטע, צאַרטע בלעטלעך.

יעדעס קלענסטע געשעעניש האָט באַקומען זיין ספּעציעלן חן און טעם, אויסגעוואַקסן צו אַ וועלט־געשעעניש אין דעם פאַרוואָרפענעם, מיט שטיבלעך פאַרזייעטן טאָל. איז דעריבער דאָס גאַנצע דאָרף צערודערט געוואָרן פון דער ידיעה, וועלכע האָט זיך אַזוי אומגעריכט אויסגעפּיקט פון דער שניי־פאַרהאַרטעוועטער שאָל. און אַלע האָבן שוין געהאַט ביז צו די ערשטע פרילינגס־אַרבעטן אַ קוואַל, פון וועלכן מען קאָן שעפּן אָן אַ מאָס. אין אינדערפרי איז געקומען מאַרטע פּאַוולעס לייען ביי שרהן אַ זאַק. עס איז געווען אַביסל חידושלעך צו וואָס דאַרף עס מאַרטע אַזוי נייטיק אַ זאַק, ווייל תבואה אַרויסצופירן אין שטאָט אַריין האָט זי אוודאי נישט פון דעם האַלבן יאָך פעלד. שרה איז גראָד געווען פאַרנומען מיטן אָנטון ס׳ייִנגסטע קינד, האָט זי נישט געהאַט קיין צייט זיך וועגן דעם קאָפּ צו צעברעכן. מאַרטע איז געשטאַנען אַ ווײַלע רואיק, דאַן האָט זי פאַרשטאָפּט דאָס מויל מיטן פאַרטוך, ווי זי וואָלט געוואָלט בגוואַלט צוהאַלטן די ווערטער, וועלכע די צונג שטופּט אַרויס אָן איר ווילן, און געוואַרט מען זאָל ביי איר אַ פרעג טאָן, ווי דאָס איז שטענדיק די טבע צווישן באַלעבאָסטעס, וואָס עס הערט זיך נייעס אין דאָרף און דעסגלייכן. אָבער שרה האָט נישט געפרעגט, געוואוסט, אַז מאַרטע וועט לאַנג נישט קאָנען איינהאַלטן אין



זיך דאָס נייעס, צוליב וועלכן זי איז אַהערגעקומען. מאַרטע האָט אַ זיפץ געטאָן מיט איר שטענדיק פאַרלייגטער נאָז:

— ס׳שמעקט דאָ היינט ביי אייך, סורקאָ, ווי איר וואָלט געמאַכט אַ ברית.

— דוד פאָרט היינט אין שטאָט אַריין, האָב איך פרי אָפּגעקאַכט ס׳אָנבייסן.

— אָ, אין דאָרף ריכט מען זעך אויך אויף אַ חתונה. מען וועט עס דעמאָלט קאָכן און באַקן נאָך בעסערע מאכלים, ווי ביי אייך אויפן האַמאָן*).

אַזוי ווי שרה האָט נישט נאָכגעפרעגט ביי וועמען, האָט זיך מאַרטע צוגעבויגן צו איר אויער.

— די שוואַרצע זאָשקע איז נעכטן צוריקגעקומען פון שטאָט.

— שוין ווידער אויסגעדינט איר צייט, — האָט זיך שרה נישט געקאָנט איינהאַלטן, — זי קאָן קיין אָרט לאַנג נישט דערוואַרעמען.

אויף דעם האָט מאַרטע געוואַרט.

— האָ, האָ, האָ, אָבער איצט האָט זי זיך פאַרדינט מער, ווי אויף אַ נדן. איצט האָט זי זיך פאַרדינט אַ חתן. און נאָך וואָס פאַר איינעם! דער באַלעבאָסטעס זון!

— גיי, רעד נישט קיין נאַרישקייטן, מאַרטע. ווייסט דען ביי וועמען זי האָט געדינט? ביי דער רייכער הויפּט־טראַפיקאַנטקע.

— דאָס ווייס איך טאַקע נישט, אָבער איר מאַמע האָט מיר דערציילט דאָס אַלץ בסוד סודות. ער שלאָפט מיט זאָשקען אויפן אויוון, גייט נישט אַרויס פון שטוב, ווייל ער האָט מורא, אַז די שטעטישע זשידעס זאָלן נישט געוואָר ווערן, וואו ער געפינט זיך און נישט צו וויסן געבן זיין מאַמען. ער וויל מיט זאָשקען חתונה האָבן אויף אָן אמת.

בעת ס׳האָבן די פויערן צווישן זיך אויסגעמאָלן אַלע פרטים פון דעם שמד און פון דער חתונה, אויף וועלכער ס׳וועלן זיך צונויפפאָרן אַלע גלחים פון גאַנצן „פּאָוויאַט״, און ווער ווייסט אויב נישט דער ביסקופּ אַליין, האָט מען אין די עטלעכע יידישע שטיבלעך גערעדט וועגן דעם פאַל שטיל, גלייך ס׳וואָלט אַ חולה געלעגן אין בעט. עלטערע יידענעס האָבן פאַרגלייזט מיט די אויגן, געצמאַקעט מיט די ליפּן, פאַרברעכנדיק גלייכצייטיק די הענט איבער באַפאַרטוכטע בייכער:

— מע מוז דאָך צעוויסן געבן דער מאַמען, ווייַ איז צו אירע יאָר!

הערשל דער געוועלבניק, פון תמיד אָן באַקאַנט אַלס אַ גרויסער לץ, האָט זיך געוויצלט אויף דעם יונגן פאַרלס חשבון:

*) פורים.

— אַזאַ יאָר צו מיר, ווי גלייך ער טוט, דער יונג. אַ שיקסע אין פיר פאַלעס, ס'אי דאָ וואו אַ קנייפּ צו טון, כ'לעבן.

זיין ווייב האָט פאַר כעס אַ וואָרף געטאָן מיט אַ שיסל, וועלכע זי האָט גראָד געהאַלטן אין דער האַנט, אַזש דער ראַנד האָט זיך אויסגעבויגן.

— קענסט נאָכגיין אין זיינע דרכים, תכשיט מיינער, אדרבא, ווער ווערט דיר? נאָר זאָלן די קינדער נישט צוהערן אַזעלכענע רייד. אַ שיינעם טאַטעניו האָבן זיי זיך דאָס אויסגעקליבן!

יאַנקעניו, דער עלטסטער, וואָס האָט פיינט געהאַט די מאַמע, די ווײַנערקע, און פלעגט תמיד האַלטן מיטן טאַטן, האָט אַרויסגעמורטשעט פון ווינקל:

— דו האָסטעך אַליין אויסגעקליבן אַזאַ טאַטן פאַר דיינע קינדער.

— האָב עך נישט געזאָגט? ער גייט שוין נאָך באַצייטנס דעם אַלטן בעל-עבירהניק. ס'איז מיר גוט און וואויל אויף מיינע אַלטע יאָרן. כ'על אַך דאָ באַלד אַראָפּברענגען אַ רעגימענט מיט שיקסעס און מעך עלעך באַגראָבן לעבעדיקערהייט, אַז קיינער זאָל אַפּילו מיין געביין נישט געפינען.

זי האָט זיך ערשט אַביסל באַרואיקט, ווען ס'איז אַריינגעקומען דער סאַדעווניק און בלויז פונדערווייטנס אויפגעשטעלט די נייגעריקע אויערן, בעת דוד האָט מיט הערשקען אַרומגערעדט דעם ענין.

— מען מוז יאַקאַש צעווייסן געבן דער „אַלטער", אַז איר זונדל כאַליעט דאָ באַ פּאַוולען אויפן אויוון.

— מיין עסק איז עס, — האָט זיך הערש געפּרואווט אַרויסדרייען פון גאַנצן עסק. אָבער דוד האָט נישט נאָכגעלאָזט:

— הערש, דו פאָרסט מערצעשעם מאָרגן פאַסן טיטון, קאָנסט איר טאַקע זאָגן אין איין וועגס.

— אָבער מיר פּאַסט נישט צו קומען צו איר מיט דעם. כ'קויף איין באַ איר אַזויפיל יאָרן. ווייסט וואָס, דוד, זיץ אויף מיט מיין געלעגנהייט און דו וועסט איר זאָגן.

אין מאַכלע שוואַרצס פאַרלאַג*) איז געווען אַ טומל און גערודער, ווי יעדן דאָנערשטיק, ווען ס'קומען די יידן פון דער גאַנצער געגנט „אויספאַסן" טיטון און טאַבאַק אויף אַ גאַנצער וואָך און איינקויפן דערביי אויף שבת. משרתים האָבן אויפגעהאַקט די קעסטלעך, דאָס באַברילטע, לאַנג-נאָזיקע פריילין האָט זיך איינגעבויגן וואָס טיפער איבער די רעכענונגען, און מאַכלע שוואַרץ, וועלכע איז געזעסן ביי איר טישל ברייט און גווידערדיק

*) אַ לאָקאַלער אויסדרוק פאַר אַ טיטון-סקלאַד.



אין דעם שווערן, שוואַרץ-אַטלאַסענעם קלייד, וואָס האָט יעדן פּראָסטן מאַנטיק געקאָנט פאַרוואַנדלען אין אַ יום-טוב, האָט געקאָמאַנדעוועט מיט איר מענעריש קול.

— הע, שטופּט ענק נישט, יעדער וועט באַקומען.

פון איר פּנים האָט מען נישט געקאָנט אַרויסלייענען ווי ווייט עס פרעסט זי די זאָרג וועגן איר זונס גורל. דאָס אויסגעליידיקטע שופלעדל האָט עדות געזאָגט, אַז דאָסמאָל איז עס אַן ערנסטערע זאַך, ווי תמיד. אפשר האָט ער איר אָנגעטאָן די בושה און אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע? איר זון צוזאַמען מיט הערש-בערן דעם שלאָסער און קויפּציע דעם רופא?

דוד איז געשטאַנען די גאַנצע צייט לעבן הערשן, נישט געוואוסט ווי אַזוי מען גייט עס צו צו אַזאַ שטרענגער יידענע. ערשט ווען הערש האָט אים אַ זעץ געטאָן אין דער זייט — וואָס שטייסטו וואָס, זעסטעך, אַז די נאַכט וועט באַלד צופאַלן — האָט זיך דוד אָנגעהויבן אַרויסצורוקן פון דער שורה געדולדיק וואַרטנדיקע. מאַכלעס שטרענג קול האָט אים אָפּגעשטעלט אויפן אָרט:

— האָסט נישט קיין צייט? זיי מוחל און גיי דיר אויף דיין אָרט, באַ מיר שטופּט מען זעך נישט.

דוד האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען. עס האָט זיך פלוצים אין אים דערוועקט די זיכערקייט פון אַ מענטש, וועלכער האָט אַ זעלטענע סחורה צו פאַרקויפן.

— בין עך מיר נישט דאָ אַרומעט געפאָרן.

מאַכלע, וועלכער ס'האָט אַ צי געטאָן דאָס האַרץ מיט עפּעס אַ פאַרגעפיל, האָט זיך ביי די ווערטער אויסגעדרייט צו דודן מיט איר גאַנצן מאַסיוון לייב. זי האָט אַפּילו אָנגעהויבן דודן צו אירצן, כאָטש דאָס איז נישט געווען איר טבע.

—אַז עך ווילט עפּעס פון מיר, קומט זשע נענטער.

אַלע האָבן זיך פאַרחידושט אומגעקוקט אויף דודן. מסתמא עפּעס אַ וויכטיקער פאַרשוין, אַז מאַכלע, וואָס זאָגט „דו" צו אַלע, אַפּילו צו די גראָבערדיקע יידן, אירצט אים.

מאַכלע האָט אַפּילו מיט דער ברעם נישט גערירט, בעת דוד האָט איר אַריינגערוימט אין אויער דאָס אַלץ, וואָס ער ווייסט וועגן איר זון. זי האָט בלויז אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— מען שליסט די פאַרלאַג! גענוג היינט געלייזט! קומטס, זייט מוחל, מאָרגן.

עס האָבן נישט געהאָלפֿן קיין שום טענות, אַז מען איז געפֿאָרן עטלעכע מייל אומזיסט, אַז מאָרגן מוז מען ווידער דינגען אַ פֿור, און היינט איז דאָך דער טאָג פֿון „פּאַסונעק“. מאַכלע, איינגעהילט אין זעלבסטגעפֿיל אַלס דעם באַצירקהויפּטמאַנס „רעכטע האַנט“, האָט זיך אויסגעדרייט צו אַלעמען מיט אַ ברוגזער באַוועגונג, און די ווידערשפּעניקערע, וואָס האָבן נישט געוואָלט אַזוי גיך אָפּטרעטן, האָט צעטריבן דער אײַזערנער ראָלעט, וועלכן דער משרת האָט אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן אויף זייערע קעפּ.

מאַכלע האָט פֿאַרנומען ס'גאַנצע געזעס פֿון געדונגענעם פּיאַקער. אַ גאַנצן וועג האָט זי זיך נישט אומגעקוקט, נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אָן אַ זייט, זי האָט בלויז אָנגעיאָגט אירע געדאַנקען, ווי די משרתים אין געוועלב. אַלץ האָט מאַכלען געפֿאָלגט, זיך אונטערגעגעבן איר הערשנדיקער שטים, אַחוץ איר אייגענעם זון. דאָ האָט זיך געענדיקט איר ממשלה און דאָס זעלבסטגעפֿיל, וועלכעס זי האָט זיך אַזוי שווער אויסגעקעמפֿט אין לעבן און אָנגעהויבן האָט זיך איר אָפּהענטיקייט. די אָפּהענטיקייט פֿון די פֿלאַמיק־רויטע האָר, פֿון די גרינע, לאַכנדיקע אויגן, וואָס קאָקעטירן אַלץ און אַלעמען, נישט אויסשליסנדיק די אייגענע מאַמע. ער האָט זי אויך געמאַכט אונטערטעניק צו אַלע זיינע קאַפּריזן. אַמאָל איז דאָס געווען דער „מיילעך איבער“, אַמאָל אַ פֿאַררוקט פֿידל־שפּילן דורך גאַנצע טעג און נעכט, און זייער אָפֿט אַ פּאָר שיינע, מיידלשע פּיס.

קיינער האָט נישט געהערט וועגן וואָס מוטער און זון האָבן צווישן זיך גערעדט אין פּאַוולעס שטוב, און וואָס פֿאַראַ אַרגומענטן ס'איז מאַכלען אויסגעקומען אָנצואווענדן. דער סוף איז געווען, אַז מאַכלע האָט מיט עפּעס אַ כישופֿדיק וואָרט אַראָפּגעשאָרט איר איזעקן פֿון פּאַוולעס פּעקאַלעך, פּונקט ווי זי גיט אַ שאַר דאָס געלייזטע געלט אין דער פֿאַרשמאַלצעוועטער קעשענע אַריין.

פֿון הינטער דער שטוב האָט זיך געהערט אַ מיידליש כליפּען, אָבער איזעק האָט זיך אַפֿילו נישט געטאָרט אומקוקן אין יענער זייט. אַ גאַנצן וועג איז ער געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און קיינעם נישט געקוקט גלייך אין פּנים אַריין. דוד, ביי וועמענס שטוב עס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע מאַכלעס פּיאַקער, האָט דאַן געהאַט צו דערציילן, אַז איזעקס אויגן זענען געווען רויט פֿון וויינען, פֿון בושה, אָדער גאָר צוליב זאָשקען — געווי קאָן מען עס נישט וויסן.

ווען מאַכלע האָט אָפּגעשטעלט די פֿור נעבן דודס שטוב, זענען זיך גיך צונויפֿגעלאָפֿן אַלע קינדער און אַרומגערינגלט די גראָבע יידענע. מאַכלע האָט צוגערופֿן דודס קינדער און זיי באַטיילט מיט גראָצערס. דודן



האָט זי שוין מער נישט געאירצט, בעת זי האָט אים אויף עפּעס אַן אופֿן געוואָלט באַדאַנקען פֿאַר זיין הילף ביים געפֿינען דעם זון.

— זיי מוחל, קום נאָר נענטער, רב ייד. כ'וואָלט געקאָנט צונעמען דיין זון צו מיר אין געשעפֿט, דעם לאַנגן יונגאַטש, וואָס האָט מיך צוגעפֿירט צום ערלס שטוב. אַז דו ווילסט, נעם עים מיט דאַנערשטיק אין שטאָט.

אָט אויף אַזאַ אופֿן איז שלמה געוואָרן אַ משרת אין מאַכלעס הויפּט־פֿאַרלאַג.

## IV

דער דאָזיקער טאָג, ווען מאַכלע איז אַראָפּגעקומען אין דאָרף אַריין אָפּנעמען איר זון פֿון גויאישע הענט, האָט זיך אין דודס משפּחה אָנגענומען אַלס „גליקסטאָג“. אַז מען האָט זיך געוואָלט וועגן עפּעס דערמאָנען, האָט מען אַלס הויפּט־עדות אָנגערופֿן יענעם טאָג. — וואָרט, דאָס איז געווען אַן ערך דריי וואָכן פֿאַר י ע נ ע ם  ט אָ ג. — די קינדער זענען אַרומגעלאָפֿן אויסגעשמירט מיט רויטער און געלער פֿאַרב פֿון די צוקערלעך. יעדע רגע האָט אַן אַנדערס אויסגעשאָסן מיט געוויין; גיב מיר אָפּ מיין באַבאָנע! מאַ—אַ—מע, ער וויל נישט אָפּגעבן.

די ערשטע טעג אין מאַכלעס הויפּט־פֿאַרלאַג האָט שלמה נישט אויפֿגעהערט צו ניסן. ווי נאָר ער האָט זיך איינגעבויגן איבער אַ צעעפֿנט קעסטל, כדי אויסצוסאָרטירן די פּעקלעך טאַבעק און טיטון, האָט עס אַ ברי געטאָן אין די נאָזלעכער פֿון די שאַרפֿע ריחות, ווי עמעץ וואָלט געדרייט און דורכגעצויגן אַן אונטערגעצונדן שנירל. ביז עס האָט עקספּלאָדירט דער לאַנג צוריקגעהאַלטענער נאָס מיט אַ הילכיקן — אַ פּטשע, פּטשע! צוויי גרויסע, בגוואַלט אַרויסגעפּרעסטע טרערן זענען געווען שלמהס איינציקע טרויער־עדות. אַזיסטן האָט יעדער פֿון די אַרומיקע געלאַכט. אַפֿילו מאַכלע האָט אַריינגעברומט אין די גוידערס, צוריקהאַלטנדיק אַזויערנאָך דאָס לאַכן:

— זיי מוחל, וואָס איז דאָס עפּעס פֿאַר אַ ייִנגל? ער וועט מיר דאָך מיט זיין ניסן צעטראָגן ס'גאַנצע געוועלב.

ווען דוד איז אין אַ וואָך אַרום געקומען אין שטאָט אַריין און דערזען זיין זון, ווי ער דרייט זיך דאָס אַרום צווישן די שטעטישע, פֿיין געקליידטע משרתים, האָט ער מיטאַמאָל באַקומען דרך־ארץ פֿאַר דעם אומגעלומפּערטן „בורמילע“, איז צוגעגאַנגען צו אים מיט נישט דרייסטע שריט און אים דערלאַנגט די האַנט, ווי זיינס גלייכן. דעם טאַטנס אויפֿפֿירן האָט צוגעגעבן שלמהן דאָס ביסל זיכערקייט, וועלכעס ער האָט בשום־אופֿן נישט געקאָנט

אויפברענגען בנוגע די לצנישע, פלינקע משרתים, וואָס פלעגן תמיד חוזק מאַכן און אָפּטון פאַרשידענערליי שפּיצלעך דעם „דאָרפטשאָק“, און אויפגעבונדן זיין צונג מיט באַרימערייען. אַז עס איז אים דאָ גוט, אַז עס לעבט זיך אים ווי אַ פּריץ, אַז גאָט וועט געבן אַזוי אויף ווייטער..... ער האָט אונטערגעשטראָכן די ווערטער מיט דעם ניגון פון אַן אַלטן ייד, אַ דאַוונער, כדי זיך נאָכמער וויכטיק צו מאַכן אין דעם טאַטנס אויגן. און דער טאַטע האָט אים טאַקע אָנגעהויבן צו דערציילן אַלע זיינע דאגות און זיך אַפילו געעצהט מיט אים, צי זאָל ער זי „שטשעטינעס“ שוין פאַרקויפן, אָדער זיי אויסהאַלטן ביז פּסח. ס׳וועט טאַקע אַסך אָוועקפאַלן, נאָר איצט רייסן די סוחרים פּאַסעס פון די סאַדאָווניקעס. און דוד איז אַהיימגעפאָרן אַ באַרואיקטער און אַ גאַנצן וועג איבערגעחזרט אַלץ אויפסניי דאָס געהערטע, און נאָך יעדער וועג־קרייצונג צוגעלייגט עפּעס צוגעטראַכטס, אייגנס, כדי צו דערפרייען דער מאַמעס האַרץ אינדערהיים.

אַראָפּ פון דעם גאוואהדיקן טראַקט פון באַרימעריי, האָט זיך אינדעראמתן אביסל אַנדערש אויסגענומען שלמהס לעבן אין דעם פינצטערן, שימלדיקן קעמערל הינטערן סקלאַד, וואו מאַכלע האָט אים געהייסן מאַכן אַ געלעגער. דאָ, אויף דעם צעמאָרשטן, צעריבענעם שטרויזאַק, פלעגט ער ליגן שעהנלאַנג, אַרויסזוכן די ווערטער, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט צונויפנעמען, בעת די משרתים האָבן פון אים חוזק געמאַכט, און ערשט איצט, אין דער נאַכט, פלעגט זיין נאַרישעוואַטע שווייגן אויפפלאַמען מיט דעם לאַנג געזוכטן ענטפער. ערשט ווען שלמה האָט דעם ענטפער איבערגעחזרט צוויי, דריי, צען מאָל, און ס׳איז שוין קיין ספק נישט געווען, אַז די יונגען מוזן באַהאַלטן זייערע פאַרשעמטע אויגן, ערשט דעמאָלט איז פריי געוואָרן פאַר שלמהן די סטעזשקע, וואָס דאַרף אים אַרויספירן פון דעם שמאָלן, פייכטן קעמערל. ער האָט זיך געדאַרפט בלויז דערמאָנען דעם ריח פון פרישן קלעע, פון אַ בליענדיקן עפּלבוים, אָדער דעם וואַלד נאָך אַ רעגן, דאַן האָט ער געקאָנט זיין זיכער, אַז דער ריח וועט אים שוין פירן אַליין. באַלד וועט עס זיין די פאַרשאָטנטע גרעבליע אונטער דעם גרינעם אָלשינע־דאַך, וואו ס׳איז תמיד פייכט, ניעזאַבודקע־בלאָ און אַ קליין ביסעלע נישט זיכער, אַזוי ווי ס׳וואָלט יעדע רגע געדאַרפט אַרויסשפּרינגען „עפּעס“ פון אונטער די שאָרכנדיקע בלעטער. און דאַן דער ליימענער, הויכער באַרג, מיט דער בליענדיקער זיסלעכער לוצערנע און דער האַרבֿער צענטאָריע, דער באַרג, וואָס קאָן קיינמאָל נישט אויפברענגען אַזויפיל גראָז, כדי צו פאַרלאַטען זיינע געלע בלויזן. זיין אייגנטלעכע באַדייטונג האָט דער באַרג באַקומען ערשט אַרום האַלבן טאָג. די צוועלפטע שעה איז געווען זיין זיווג. ווען די אַרומיקע פעלדער זענען זיך צעפלאָסן, איינגעשלעפערטע אין אַ שווערער, וואונטשלאָזער



שטילקייט, פלעגט די מיטאָג־שעה קומען צו אים. ער האָט אַרויסגעברענגט דאָס סודותפולסטע, וואָס איז געלעגן פאַרבאָרגן הינטער זיין נוצלאָזן, פאַרשעמטן גוף, כדי לענגער אויפצוהאַלטן די מיטאָג־שעה, וואָס האָט זיך געלייגט אויף זיין קאָפּ, ווי אַ קרוין. דעמאָלט איז יעדן, סיי מענטש, סיי חיה, באַפאַלן עפּעס אַ מיסטישע שרעק, און קיינער וואָלט נישט געוואַגט צו שטערן דעם ליים־באַרג אין זיין ליבעס־שעה מיט דער זון. טיילמאָל האָט שלמהן דער ריח צוגעפירט צו דעם יונגן בערעזע־וואַלד, און טיילמאָל אויך צו דעם קעלער, נעבן דודס שטוב.

אַמערגסטן איז אים געווען אין די שבתים. ער פלעגט זיך אַרומדרייען אויף דעם שול־הויף צווישן די בחורים, וואָס האָבן זיך געסודעט צווישן זיך, און זיך געוויזן בלויז פון צייט צו צייט אין שול, מען זאָל מיינען, אַז זיי דאַווענען טאַקע אויף אַן אמת. שלמהן האָט פאַרדראָסן דאָס אָפּנאַרן גאָט, מענטשן און זיך אַליין. אפשר דערפאַר האָט עס אים אַזוי שטאַרק פאַרדראָסן, ווייל ער אַליין האָט פיינט געהאַט דאָס דאַווענען. די ווערטער אָנשטאָט צו עפענען פאַר אים גאָטס ווייטע וועלט, האָבן זיך געשטעלט, ווי זעלנער אין געשלאָסענע רייען, און שלמהן נישט געוואָלט דורכלאָזן. און אַמליבסטן וואָלט אים געווען זיך איצט אַנידערצוואַרפן ערגעץ אין פעלד מיטן פנים צום פייכטן גראָז. ווען נישט דאָס, אַז די יונגען וואָלטן עס תיכף צוגעטראָגן מאַכלען און פון אים געמאַכט דעם גרעסטן בעל־עבירהניק פון שטאָט.

ווען שלמה איז צוריקגעקומען פון שול, האָט מאַכלע, האַלטנדיק נאָך אַלץ אינמיטן דאַווענען, אויפגעהויבן איר האַנט, אַז אַלע בראָזלעטן און פינגערלעך האָבן באַפעלעריש מיטגעקלונגען און געטייטלט מיטן פינגער צו דער קיך: נו, אָ! שלמה האָט שוין פאַרשטאַנען דאָס דאָזיקע שמונה־עשרהדיקע שטום־לשון און אַריינגערופן די דינסט. ערשט, ווען די תמיד בייזע און צעשויבערטע רבקה האָט אָנגעהויבן צו רוקן די בענקלעך און קלאַפּן מיטן געשיר, האָט מאַכלע אַוועקגעלייגט דעם שווערן סידור און אַ פרעג געטאָן שלמהן:

— האָסט געזען ביים דאַווענען דעם יונגן הער?

שלמה פלעגט שאָקלען מיטן קאָפּ, נאָר קיינער האָט נישט געוואוסט, אויב דאָס באַטייט אויף „יאָ“, אָדער אויף „ניין“. מאַכלע, וועלכע האָט נישט געוואָלט צולאָזן צו זיך קיין חשד אויף איר איינציקן זון, האָט זיך אויסגעטייטשט דאָס קאָפּ־שאָקלען צום בעסטן, און אַ צופרידענע זיך געזעצט ביים געדעקטן טיש וואַרטן אויף איר פרומען זון. איזעק פלעגט אַריינפאַלן מיט געפילדער, ווי אַ וויכער.

— וואו ביסטו געווען אַזוי לאַנג?

שלמה האָט מורא געהאַט אויפצוהויבן די אויגן פון טעלער, נאָר איזעק האָט דערווייל אָנגעהויבן אַרומצואוויקלען די מאַמען מיט ווערטער, ווי מיט סטענגעס קאַלירטע, ביז מאַכלע האָט פאַרגעסן אָן איר פראַגע.

יעדן טאָג פלעגט שלמה באַקומען דאָס עסן אין אַ קיך־ווינקל, בלויז שבת האָט אים מאַכלע געהייסן זיצן ביים טיש.

— זאָל דאָס ייִנגל אויך אָפּלעקן אַ ביינדל, — פלעגט זי טענהן גרויסמוטיק צו רבקהן, ווען יענע האָט זיך געוואָרפן, ווי אַ שלאַנג, הלמאי זי מוז באַדינען דוד פאַרכס זון.

די איבעריקע משרתים, וואָס האָבן געוואָלט דורך שלמהס אומגעלומפּערטקייט נאָך בולטער אונטערשטרייכן אין די מיידלשע אויגן זייערע רויט־גרינע קראַוואַטן, און די עלעגאַנטע, פון גרויסשטאָטישן פריזער איבערגענומענע, באַוועגונגען, זענען געקומען צו אים נאָכן עסן און נישט אָפּגעלאָזט, ביז שלמה איז נישט מיטגעגאַנגען מיט זיי צו ליפּע „טכויר״. ליפּע מיט זיין ווייב פלעגן נאָך יעדן שבתדיקן מאָלצייט גיין אויפן בוידעם זיך „צולייגן״ צווישן היי, און די גרויסע, האַלב־ליידיקע שטוב איבערגעלאָזט פאַר די דריי טעכטער. די עלטסטע, יענטע, האָט געהאַלטן פאַר אירע שבתדיקע געסט אַ „קראָם״, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן אַלטער אויסגעבעטער „שטאָלווערק״־פודלע, אין וועלכער ס׳זענען געלעגן האַלב־גרייצערדיקע מילקעס, טשאָקאָלאַד־קניידלעך, אַנדרוטן ווייניקע און זיסע. שבת האָט מען גענומען אויף באָרג, און זונטיק אינדערפרי האָט יענטע אַרומגעשיקט דאָס ייִנגסטע שוועסטערל, מייטען, אויפמאַנען די חובות. די ערשטע פלעגן קומען די משרתים און די לערניינגלעך פון די באַלמעלאָכעס. דאַן זענען געקומען די דינסט־מיידלעך אין רויטע בלוזקעס, מיט שוואַרצע מאַשן אין די הויך־געקעמטע פריזורן. זיי זענען געזעסן שטייף, אָנגעצויגן, ווי זיי וואָלטן זיך קיינמאָל נישט געקאָנט באַפרייען פון זייער עול. אין די וואָכנטעג האָבן זיי זיך געמוטשעט אין די טונקעלע קיכן, געטראָגן דעם עול פון קאָכן, וואַשן, פּרעסן. און אין די שבתים האָבן זיי זיך געמיט איינצוהאַלטן דעם פיינעם, נגידישן טאָן, די גאַנצע חשיבות, וועלכע זיי האָבן איבערגענומען פון זייערע באַגוידערטע באַלעבאָסטעס. און די דאָזיקע לאַסט איז זייער אָפּט געווען שווערער, ווי די וואָכעדיקע אַרבעט. דער לעצטער פלעגט קומען קויפּציע דער פריזער, וואָס איז נישט לאַנג אַראָפּגעקומען פון אַ גרויסער שטאָט. ווען אַלע „מילקעס״ און „אַנדרוטן״ זענען שוין פאַרשוואונדן און אויפן דנאָ זענען געבליבן בלויז די דריי „סוכאַרדס״, וואָס האָבן שוין זייט מער ווי אַ יאָר אומזיסט געלאָקט מיט זייער פאַפּירענער עטיקעטן־פּראַכט די



שבתדיקע געסט, און די דעמערונג האָט אַריינגעצויגן אין זיך, ווי אַ טיפער טייך, פלעגט זיך פון דער טיר דערהערן קויפּציעס וואויליונגעריש קול:

— עך שלאָפט, כאַפּטע? אַי, וואו נעמט מען דעם מלאך־המות, וואָס איז פאַר אייך דער גלייכסטער זיווג?

באַלד איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ מיילדיש, בעטנדיק קול:

— אפשר וועט מען טאַנצן אַ קאַדריל?

— אָדער אַ לאַנסיע?

מען האָט זיך פאַרנויגט פאַר די דאַמען. אַ קוויטשיקער „אַנאַוואָו״ האָט זיי געלאָזט פאַרנוויז, ווי אויפגעשטעלטע בעזעמער, צונויפשאַרן דעם שטויב פון דער זעלטן געוואַשענער פאָדלאָגע פון איין עק שטוב צום צווייטן.

ערשט פאַר דער הבדלה, ווען מען האָט זיך איבערצייגט, אַז מען האָט שוין דעם שבת צוגעטראָגן, ווי אַ שווערן קאַסטן אויף אייגענע פּלייצעס, צו אַ „גוטער און גליקלעכער וואָך״, איז די שטימונג געוואָרן מיטאַמאָל אַ לוסטיקערע און פרייערע. עס איז שוין געפאַלן אַ וואָרט, ביי וועלכן מיידלעך מאַכן זיך נישט הערנדיק, כדי אויסצומיידן דאָס רויט ווערן, דאַן איז געקומען אַ מיידלשער קוויטש און אַ מענעריש הויך געלעכטער. גראָד דעמאָלט האָט זיך דערהערט פון הויז ליפּעס כראַקען, וועלכער איז אַראָפּגעקראָכן מיט דער לייטער פון בוידעם. זיין ווייב, וועלכע האָט זיך גיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט איר „גאָט פון אברהם״ וויזט אויס ערגעץ אויף דער לייטער צווישן בוידעם און שטוב, איז אַריינגעקומען מיט אַן אָנגעצונדן ליכט, באַשיצנדיק עס מיט דער האַנט פאַר אַ ווינטצוג. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אויסצולייזיקן ליפּעס שטוב, ווי אויף אַ באַפעל. און באַלד נאָכדעם האָט זיך געטראָגן אין דער אָפענער נאַכט אַריין דאָס שווערע זיפצן פון דעמבענע טירן, וואויל־יונגערישער, איילנדיקער גרילץ פון די ניי־אַרטיקע אייזערנע געוועלב־רולעטן, און פון די קיכן דאָס סקריפּען פון די קאַווע־מילעכלעך. אַ נייע וואָך האָט זיך אָנגעהויבן.

## V

— כ׳האָב דען נישט געוואוסט, אַז דאָס וועט זיין דער סוף? אַז דער יונג טויג צו גאָרנישט!

דוד, וועלכער האָט געהאַלטן אינמיטן דאַווענען, האָט דעם כעס אַריינגעבורטשעט אין טלית אַריין.

— נו שוין, לאָז אים שוין היינט געמאַך, לאָז דיר אַביסל איבער אויף מאָרגן, — האָט שרהס קול געוואָלט אַביסל אָנוואַרעמען די בייזע,

האַרטע, פּאָטערלעכע ווערטער, איידער זיי וועלן דורך דער דינער וואַנט צוקומען צו די אויערן, פֿאַר וועלכע זיי זענען באַשטימט. און די דאָזיקע אויערן האָבן געפֿלאָמט פֿון ביידע זייטן קאָפּ, ווי צוויי שטורקאַצן, בעת זייער אייגנטימער איז געשטאַנען אויף איין אָרט און אַלץ געהאַלטן אין די הענט די פֿאַרשטויבטע שיך, זוכנדיק מיט די אויגן אַן אָרט, וואו זיי אַנידערצושטעלן. אָבער קיין איין ווינקל האָט אים נישט אויפֿגענומען מיט געטריישאַפֿט, און אַפֿילו די פּאָליצע, ווי אָנגערייצט פֿון פֿאָטערס צאָרן, האָט צו אים אַרויסגעשטשירעט אַלע אירע סענקעס, ווי אַנטבלויזטע ציין.

ערשט די שיסל בולבע־גריץ, וועלכע ס׳האָט די מאַמע געשטעלט פֿאַר אים אויפֿן טיש, האָט אַביסל פֿאַרפֿעסטיקט שלמהס פּאָזיציע אינדערהיים, וואָס האָט זיך אַזוי פֿײַנטלעך פֿון אים אָפּגעקערט ביי זיין צוריקקומען.

מען האָט פֿון שלמהן בשום־אופֿן נישט געקאָנט געוואָר ווערן, פֿאַרוואָס זיין שטאָטישע קאַריערע האָט זיך פֿאַר אים אַזוי גיך געענדיקט. ביי דער מינדסטער פֿראַגע האָט שלמה אַראָפּגעלאָזט די אויגן און איז רויט געוואָרן, ווי אַ בוראַק.

— אפשר האָט עס חלילה עפּעס צו טון מיט געלט? — האָט שרה מיט צוויי פֿינגער צוגעלעגטע צום מויל געוואָלט פֿאַרטרייבן די ווערטער, נאָך איידער זי האָט זיי אַרויסגעזאָגט. ערשט ווען דוד איז געפֿאָרן אין שטאָט אַריין, איז מיטאַמאָל אַלץ קלאָר געוואָרן. מאַכלע האָט שלמהן אַרויסגעטריבן דערפֿאַר, ווייל זי האָט אים געכאַפּט דערביי, ווי ער טראָגט בריוו פֿון איר זון צום רופֿאס טאָכטער.

אפשר צוליב דעם, וואָס דוד האָט געוווּסט, אַז זיין כעס וועט שוין דאָ גאָרנישט נישט העלפֿן. האָט ער געשוויגן איצט נאָך העכער, ווי תמיד:

— צו דעם האָט עס שכל, צו דעם! צו וואָס ביסטו געגאַנגען, צו וואָס? צו אַלדי שוואַרצע יאָר האָסטו ליבערש געזאָלט גיין!

— אַז דער יונגער הער האָט מעך געשיקט, האָב עך אפשר נישט געזאָלט פֿאָלגן?

מער איז פֿון שלמהן נישט געווען אַרויסצובאַקומען.

איצט האָט שלמה בלויז געוואַרט מיט הכנעה אויף דעם, וואָס פֿאַר אַ תכלית פֿאַר אים עס וועלן אויסטראַכטן דעם פֿאָטערס צונויפֿגעצויגענע ברעמען, פֿאַר אים, דעם נישט געראָטענעם זון, דעם בורמילע. אָבער דער טאַטע האָט זיך אויף אים אַפֿילו נישט אומגעקוקט, ווי ער וואָלט לחלוטין אָן אים פֿאַרגעסן.

דערפֿאַר פֿלעגט ער זיך איצט בלויז פֿאַרנעמען מיט זיין ייִנגערן זון, חיימען. ער האָט אים מיטגענומען אין די סעדער און אַפֿילו אויף



מאַרק־טעג און יאַרידן, וואָס דאָס איז שוין געווען דער העכסטער גראַד אנערקענונג פֿון דעם פֿאָטערס זייט. חיים האָט שוין פֿונדערווייטענס געקאָנט אונטערשיידן דעם קונה פֿון אַ גנב. זיין תמיד וואַכנדיקער חשד האָט זיך נישט געלאָזט פֿאַרפֿירן דורך דעם פֿיינסטן אַנצוג, אָדער דורך דעם זאָרגלאָזיקסטן שמייכל פֿון אַ „נאַש בראַט״. חיים פֿלעגט זיצן אויפֿן וואָגן צווישן די זעק מיט אויבסט, דאָס היטל אַראָפּגערוקט איבער די אויגן און מכלומרשט דרעמלען. האָט זיך איינער פֿון דער חברה צוגערוקט נענטער מיט דער כוונה, וואָס האָט נישט געלאָזט צווייפֿלען אין איר צוועק, האָט חיים זיך נישט גערירט, ביז דעם פֿרעמדנס הענט האָבן נישט אָנגעכאַפּט אַ זעקל מיט סחורה. דעמאָלט האָט חיים מיט אַ קעצישער באַוועגונג אַ כאַפּ געטאָן די בייטש און זי אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ סיטשענדיקע שלאַנג איבער יענעמס אויגן, פּנים, וואו ס׳האָט זיך געלאָזט. און די גרויסע, ברייטפּלייציקע מענער זענען, קריצנדיק מיט די ציין, אַנטלאָפֿן פֿאַר דער צעיושעטער ווילדקייט פֿון צוועלפֿיעריקן ייִנגל, וואָס האָט געקאָנט אַזוי גוט היטן דעם טאַטנס ביסל האָב און גוטס. אינדערהיים פֿלעגט זיך חיים אויפֿשפּילן פֿאַר די איבעריקע קינדער מעשה באַלעבאָס. ביי אים אין קעשענע האָבן שטענדיק געקלונגען עטלעכע מטבעות. די ייִנגערע קינדער האָבן אים באַדינט און צוגעטראָגן אַלע נייעסן. דערפֿאַר האָט ער זיי טיילמאָל אין אַ מינוט פֿון גרויסמוטיקייט געשענקט אַ גראַצער אויף באַבאָנעס.

— געדענקט, מיר זאָלט עך אויך געבן צו פֿאַרזוכן, — האָט ער נאָכגעשריגן זייערע גליקלעכע פּיס, וואָס האָבן געקנעטן די בלאָטעס אויף דער אייביק פֿאַרשאָטנטער סטעזשקע, וועלכע פֿירט צום דאָרפֿס־קרעמל. פֿון שלמהן האָט ער חוזק געמאַכט, אים נאָכגעוואָרפֿן ווערטער, ווי שפּיציקע שטיינדלעך.

ער האָט געוווּסט, אַז שלמה זיצט איבער אין פֿעלד און אין גאָרטן, העלפֿט־מיט די פּויערן אין זייער אַרבעט, האָט ער אָפּערגעשלעפּט פֿון דער קאַמער אַן אַלטע מאָטיקע, זי געשטעלט לעבן שלמהס באַנק־בעטל, אַריינ־גערופֿן זישען, ביילקען און מאָטלען, און זיי געהייסן שרייען ביי דעם ברודערס אַריינקומען:

— שלמהס כלה, שלמהס כלה!

שלמה האָט אַ כאַפּ געטאָן די מאָטיקע אונטערן רעקל, גלייך דאָס שטיק האָלץ און אייזן וואָלט געקאָנט פֿאַרשטיין די באַליידיקנדיקע ווערטער און זי דאָן באַהאַלטן אין היי, אויפֿן בוידעם.

שלמה האָט זיך אויסגעזוכט אַן אַרבעט אין גערטל. ער האָט עס אַרומגעצוימט מיט אַ נייעם פּלויט, אַרויסגעוואָרפֿן די שטיינער, ציגל און

אַלטע טעפּ, וואָס האָבן זיך דאָרט אָנגעזאַמלט במשך פון יאָרן, געמאַכט בייטן און פאַרזעצט אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט. אין צוויי וואָכן אַרום האָבן די בייטן אָנגעהויבן צו שרייבן אויף טונקעלער, פּוכקער ערד, מיט גלייכע, גרינע שורות פון די אויפגעגאַנגענע קערנער דעם צוזאָג פון גערעטעניש. באַלד איז שוין אין דעם גערטל נישט געווען וואָס צו טון, און שלמה האָט אָנגעהויבן פאַרפאַלן צו ווערן פון דער היים אויף גאַנצע טעג. ער איז אַהיימגעקומען מיט אַן אָפּגעברענטן שטערן, גלאַנציקע אויגן, און אַ ווילדן חשק צו דער וועטשערע, וואָס האָט זיך געקאָכט אויף די דרייפיסלעך. איינמאָל, ווען דער טאַטע האָט אָפּגעפירט אין שטאָט אַריין די פריע באַרן, איז ער צוריקגעקומען מיט עפּעס אַ נייאיקייט, וועלכע האָט אויסגעקרימט מיט צאָרן זיין פאַרשוויצט, פאַרשוואַרצט פּנים. ער איז אַריינגעלאָפן אין שטוב מיט גיכע, דריבנע שריט, גלייך ער וואָלט נישט פאַרגינען זיין ווייב, וואָס איר איז באַשערט אַביסל שפּעטער געוואָר צו ווערן דעם אמת וועגן איר זון.

— כ'ווייס שוין, וואו דיין תכשיט שלעפּט זעך אַרום גאַנצע טעג.

שרה האָט געוואוסט, אַז טאָמער זאָגט זיך אָפּ איר מאַן פון זיין שותפות צו וועלכן עס איז קינד, און מאַכט זי פאַר דער אייגנטלעכער אייגנטימערין איבער דעם קינדס פעלערן, דאַן איז עפּעס וויכטיקס פאַרגעקומען. אירע געדאַנקען האָבן תיכף אויפגעפלאַמט מיט דעם ערגסטן, מיט וועלכן מען פלעגט זי שרעקן קינדווייז אינדערהיים: שמד!

— ביסט אַפילו גאָרנישט נייגעריק, וואָס? — האָט זיך דער כעס געזוכט אַ וועג, ווי אַרום צו אַנטלויפן פון דודס סאָפּענדיקער ברוסט, וואו ס'האָט אים אָנגעהויבן ווערן צו ענג, ווי אין אַ שטייג. נישט וואַרטנדיק אויף דעם ווייבס ענטפער, האָט ער אַ שליידער געטון פון זיך די ווערטער, ווי אַ בינטל האָלץ:

— ביים גראַף יאַניצקי שניידט ער ווייץ, שניידט ער. צוזאַמען מיט איוואַנען, האַוורילען און מאַרינען. גוזען מיט מיינע אייגענע קוקערס. כ'זאָל אַזוי דאָ פּגרן אויפן אָרט. איז דיר עפּעס גוט, האַ? וואָס האָסט דיר אויסגעפּלעקעט אַזאַ זון?

אַזוי ווי יעדן טאָג, האָט זיך אויך היינטיקן אָוונט שלמה צוגעשאַרט אַהיים מיט הינטער־סטעזשקעס. דעם סערפּ האָט ער געהאַט אַרומגעוויקלט מיט ווייצן שטרוי, די זאַנגען צונויפגענומען אויפ'ן שפּיץ אין אַ בערשטל. ער האָט דעם סערפּ אַריינגעשטעקט אונטער אַ בעלקע פון דעם שטרויענעם דאַך, און ערשט דאַן אויפגעמאַכט די הויז־טיר. די קילע, פאַרדומפּענע



לופט איז היינט געוואָרן אָנגעגליט מיט אַ דערשראָקענעם, פיבערדיקן קינדער־שעפּטשען:

— גיי נישט אַריין, דער טאַטע וועט שלאָגן. ער ווייסט שוין אַלץ!

שלמה איז געבליבן שטיין אויף זיינע צעשפּרייטע פיס, אַ צעטומלטער נישט צוליב דער בשורה אַליין. ער האָט געוואוסט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט ער מוזן אַריבערשווימען דורך דעם פאָטערס צאָרן און ס'וועט זיך אויך נישט באַגיין אָן עטלעכע פיאָלעטע סימנים פון פאָטערלעכער אויטאָריטעט. שלמה האָט זיך בלויז נישט געקאָנט צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז עמעץ זאָרגט זיך צוליב אים, ווייל אים אָפּהיטן פון שלעכטן. די אָנגעגרייטע קלעפּ האָט ער אָנגענומען אַלס זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, נאָר דאָס, וואָס זיין קליין שוועסטערל שטייט אין טונקעלן פירהויז צוליב אים, שלמה בורמילען, איז אים אויסגעקומען, ווי אַ נס, גלייך ס'וואָלט אויף אים געפאַלן דער ווידערשיין פון אַ שענערער און בעסערער וועלט. און מיט דעם דאָזיקן לייכטנדיקן ווידערשיין איז ער אַריינגעקומען אין שטוב; ער איז נישט פאַרשוואונדן פון זיין פּנים אויך דאַן, ווען דער פאָטערלעכער רימען האָט געסווישטשעט איבער זיין לייב, ווי אַ שלאַנג. זינט דעם טאָג האָט זיך דוד קיינמאָל מיט קיין איינציקן וואָרט מער נישט אָנגערופן צו זיין עלטסטן זון. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער באַמערקט אים לחלוטין נישט, ווי פאַר דודס אויגן וואָלט שלמהס גוף צעשוואומען געוואָרן אין אַ מראָק. איצט, ווען חיים איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער אַפילו מיט שרהן אויפגעהערט צו רעדן וועגן זיינע געשעפטן. איצט האָט ער אַלצדינג אויסדערציילט פאַר חיימען, אַז די געשעפטן זענען ווערט דעם טויט, די סוחרים קומען אַליין אַראָפּ אין די דערפער, און די רייכערע פויערן זענען אַליין געוואָרן סוחרים, פירן זייער אייגן און די שכנימס אויבס אין די שטעט, אַז קיין גוטע רייסערס קאָן מען אויך נישט געפינען, ווער ס'האָט אַ האַנט צום רייסן, פאָרט קיין פּרייסן. ווער האָט עס אַמאָל געהערט, האַ? דער מענטש איז דאָרט געשטאָרבן, וואו ער איז געבוירן געוואָרן. וויפיל ער האָט געהאַט, איז געווען פאַר אים גענוג. און חיים האָט גיך אויסגעשנייצט די נאָז מיט אַ ברייטן זשעסט, ווי ער האָט עס געזען ביי דערוואַקסענע, צונויפגענומען דעם שטערן אין ברייטע, אַלטע קנייטשן, און געמאַכט צווישן זיי אַ נעסט פאַר פריע זאָרגן. און שלמה פלעגט שוין גיין גאַנץ אָפן מיט די שניטערס אויף פּאַנסקע פעלדער. פון אָנהויב האָט זיך שרה געמאַכט ווי נישט זעענדיק, נאָר אַז זי האָט זיך אָנגעהויבן פון צייט צו צייט אויסצולייען ביי שלמהן עטלעכע גראַצערס, ווען ס'האָט אויסגעפעלט אין שטוב אויף זאַלץ, נאַפט, אָדער מעל, האָט זי אים אָנגעהויבן אויך איינצוּוויקלען

אויפן וועג אַ שטיק ברויט מיט קנאָבל. און עס האָט זיך שוין אַזוי איינגעפירט אַליין פון זיך, אַז תמיד, ווען מען האָט געדאַרפט אַ ניי אונטערגעניי, אָדער אַ קליידל, אַ פונט פלייש אויף שבת, פלעגט מען גיין מיט דעם צו שלמהן. מיט דער צייט האָט דער דאָזיקער מנהג אָנגענומען אַנדערע פאָרמען. יעדן אינדערפרי, בעת שלמה איז נאָך געשלאָפן, האָט שרה דורכגעזוכט זיינע קעשענעס און אַרויסגענומען פון דאָרט אַזויפיל, וויפיל זי האָט גראָד געדאַרפט אויף איבערצוקומען אַ טאָג.

## VI

ביי מיליטער האָט שלמה געדינט בלויז צוויי חדשים. מען האָט אים „רעקלאַמירט״ אַלס עלטסטן זון, דעם שפּיזער פון דער משפחה. דער שופט האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער שטילער האָפענונג, אַז דער יידישער יונג, וועלכער שניידט און דרעשט אַזוי גוט, ווי די פּעאיקסטע פּאַראָבקעס, וועט מיט דער צייט אָנטאָן אַ ווייסן קאַפּטאַן און ער וועט נאָך פאַרשאַפן אַ סך כבוד דעם דאָרף, ווען ס׳וועט אַראָפּקומען דער בישאָף אַליין און עפענען פאַר דעם פאַרבלאָנדזשעטן, מענטשלעכן שעפעלע דאָס טויער צום אמתדיקן גן־עדן. האָט ער אָן איין וואָרט אונטערגעשריבן די פּאַפּירן פאַר דער באַצירקס־הויפּטמאַנשאַפט, און איידער מען האָט זיך גוט אומגעקוקט, איז שוין שלמה געווען צוריק אינדערהיים. אין די צוויי חדשים איז ער נאָכמער אויסגעוואַקסן. זיינע הויזן האָבן פרייגעלאָזט די פיס ביז איבער די פיס־קנעכלען, און צוליב דעם, וואָס ער האָט געמוזט שטענדיק האַלטן שטייף די אָרעמס, כדי די צו־קורצע אַרבל זאָלן זיך נישט אַרויפשאַרצן ביז צו די עלנבויגנס, זענען זיינע באַוועגונגען געוואָרן נאָכמער אומגעלומפּערט.

עס איז גראָד געווען אינמיטן ווינטער, אין דער צייט, ווען ס׳איז נישט געווען קיין שום אַרבעט פאַר זיינע הענט. אין די הייף האָט מען די איבערגעבליבענע תבואה געדראָשן צו ביסלעך, כדי ס׳זאָל קלעקן באַשעפטיקונג פאַר די אייגענע דינסטן, ביז מען וועט אָנהייבן אַרויסצופירן דאָס מיסט אויף די פעלדער. איז שלמה געזעסן גאַנצע טעג נעבן פענצטער און געקוקט אויף די צווירטשענדיקע וואָראָבייטשיקעס. דוד איז צוזאַמען מיט חיימען גאַנצע טעג אַרומגעקראָכן אין די שכנותדיקע דערפער, נאָכפרעגנדיק זיך נאָך אַ ניי־געבוירן קעלבל, אָדער אַ קו, וואָס האָט זיך אויפגעהערט צו מעלקן, און ס׳איז אַ שאָד זי איבערצואווינטערן. שרה האָט אַ גאַנצן טאָג געקלאַפּט מיט די טעפּ, ווי זי וואָלט מי יודע וואָס געקאָכט, און צום סוף האָט זי אויף דער שיסל אויסגעשיט געלבלעכע, צנגעפּרוירענע



קאַרטאָפל, אָדער אַ שיטערן בולבע־גריץ. זייער אָפט פלעגט זי זיך אויך די בולבע אויסלייען ביי אַ שכנטע.

איינמאָל איז דוד פריער ווי תמיד צוריקגעקומען פון זיין וואַנדער־וועג איבער די פאַרשנייטע דערפער. ער האָט עטלעכע מאָל אויסגעשנייצט אין פירהויז די נאָז און אַ לאַנגע צייט געווישט ביי דער שוועל די פאַרשנייטע שטיוול אין דעם ברוינעם, בערעזענעם בעזעם, גלייך זיין שטוב מיט דער ליימענער פּאָדלאָגע וואָלט עס מיטאַמאָל געוואָרן אַ גאַנצע מיוחסת, גלייך־געשטעלט מיט די שטיבער פון די רייכסטע באַלעבאַטים. מיט דעם אויסווישן די שטיוול האָט דוד אַרויסגעוויזן זיין ווייב דעם גרעסטן כבוד. דער צונויפגעדרייטער שטריק, וועלכער האָט אַרויסגעשטאַרט פון דער קעשענע פון זיין קורצן, אויסגעקראָכענעם פוטערל, האָט אַפילו נישט געהאַט וואָס צו דערציילן פאַר די שטוב־מענטשן וועגן געלונגענע געשעפטן. דערפאַר איז אַלעמענס חידוש געווען נאָך גרעסער, ווען דוד האָט אַ וואונק געטאָן צו שרהן, און די אַלקער־טיר האָט זיך געשטעלט, ווי אַ מחיצה צווישן קינדער און טאַטע־מאַמע. אַפילו אין די קינדערשע ווי ים־מושלעס צעעפנטע אויערן איז נישט אַריינגעפאַלן קיין שום וואָרט, אַחוץ די כוואַליעס פון שטילן שעפּטש. יעדעס פון די קינדער האָט געפּלאַטערט פון אומרו, אויסגערעכנט אין געדאַנקען אַלע חטאים פון דער לעצטער צייט, באַטראַכט זיי פון אַלע זייטן, צי האָבן זיי די ווערט, וואָס איז נויטיק פאַר טאַטע־מאַמעס קריגס־ראַט. ווען ס׳האָט זיך ענדלעך צוריק אויפגעמאַכט די אַלקער־טיר, האָבן שוין ביידע קלענערע ייִנגלעך געהאַלטן די הייזלעך אין די הענט, גרייט צו אַנטלויפן. זעענדיק, אַז דודס הענט האָבן נישט אָפּגעשפּיליעט דעם רימען, זענען זיי געבליבן שטיין אויף זייער אָרט. דעם חשד האָבן זיי אָבער נישט געקאָנט אינגאַנצן בייקומען, אַז טאָמער איז דעם טאַטנס רואיקייט בלויז אַ פּאָרטל, כדי זיי זאָלן זיך נישט צעלויפן. האָבן זייערע אויגן געגנישטערט, אָבער נישט געפונען גאָרנישט פאַרדעכטיקס אונטער דעם פּאָטערס אויפגעהויבענע ברעמען. בלויז אויף דער מאַמעס פּנים האָבן געפלאַמט צוויי גלי־רויטע, פון דער איבעריקער בלאַסקייט שאַרף אָפּגעגרענעצטע פלעקן. נאָר די דאָזיקע פלעקן זענען נישט געווען געפערלעך פאַר די יינגלעך, העכסטנס פאַר דער מאַמען אַליין. און אַלע, אַחוץ שלמהן, האָבן באַמערקט, אַז דער מאַמעס אויגן לאָזן איבער וואָס־אָפטער די אַרבעט און גייען־נאָך בגנבה דעם עלטסטן זון מיט פאַרזאָרגטע בליקן.

ביי דער וועטשערע האָט זיך שרה נישט געקאָנט איינהאַלטן און איבער־געפרעגט דודן:

— איז ווי־זשע ?הינגעקומען ער, דער רויטער?

דוד האט אויסגעשפרייט אלע צען פינגער אויף דעם געהעבלעוועטן טיש:

— דער רוח ווייסט עים. אנטלאפן קיין בערלין, אדער נאך ווייטער. ס׳אי דאך נישט זאשקע די שווארצע...

שרה האט געגעבן דודן א וואונק און ס׳איז ווידער שטיל געווארן. די קינדער, וואס האבן געהארכט מיט אויפגעשטעלטע אויערן, האבן פון דעם אלעם קנאפ פארשטאנען. און צום ווייניקסטן פון אלע שלמה. כאטש דער עסק האט אים דווקא יא געדארפט אנגיין אביסל מער.

זייט דעם טאג איז אויפגעלעבט געווארן דודס שטוב. איעדן אינדערפרי איז דוד פארפאלן געזווארן אין די שניי־זאווערוכעס, און ערשט דער אוונט האט אים צוריקגעפירט אהיים. נאר איצט איז ער קיינמאל נישט געקומען מיט קיין ליידיקע הענט. אין שטאל האבן אויסגעמעקעט קליינע קעלבער זייער איינגעקשנטע, אכט־טאגיקע בענקשאפט צו די שווערע, ווייס־שווארצע, האלענדישע קי, וואס האבן זיי אפגעענטפערט מיט א ריטשען אין א גרויסער, פריצישער שטאל. דאקעגן קליינע, אויסגעמאגערטע קי, וואס ארעמע פויערן האבן פארקויפט, נישט האבנדיק זיי מיט וואס איבערצואווינטערן, האבן זיך געשטאכן מיט א פארביסענער פיינטשאפט, אזוי, אז די וואנט האט געדראט מיט איינפאלן. אט די דאזיקע קי האט איינגעקויפט „ס׳הויף״ און זיי געשטעלט ווינטער־צייט אויף בראהע. שרה האט געבאקן חלות אויף שבת, א גאנצע וואך האט מען געגעסן ווייס־געבייטלט ברויט און אלע סימנים האבן אנגעוויזן אויף דעם, אז דודן איז געלונגען אפצוטון דער נויט א שפיצל. נאר גאר באלד האט זיך דער סוד פון דודס וואוילטאג אויפגעקניפט מיט א לעקעד־און־בראנפן און באקומען דאס פנים פון פייגען, דעם יאבלענקער זשאנדצעס טאכטער.

באלד נאך חנוכה, אין א זונטיקדיקן פרימארגן, וואס האט געבלענדט מיט ווינטערשער ווייסקייט, האט שרה ארויסגענומען פון קופערט דודס יום־טובדיקן געפרעסטן קראגן און אים אנגעטאן שלמהן. אבער דער קראגן איז געווען צו ענג. האט שלמה אנגעהויבן צו שלעפן ביידע ווידער־שפעניקע עקן, זיי זאלן העלפן צודעקן דאס שטיקל פון אפענעם, נישט באווארנטן לייב, ביז דאס לעכל האט געפלאצט. שרה האט גיך געכאפט נאדל־פאדעם און צוגענייט דעם קראגן צום העמד צו, אז ער זאל נישט אוועקשטיין. דעמאלט האט דוד צום ערשטן מאל נאך לאנגע יארן צו וויסן געגעבן, אז ער ווייסט יא עפעס וועגן שלמהס אנוועזנהייט אין שטוב. מיט א צופרידענעם שמייכל האט ער א זאג געטאן צום ווייב:

— גיב אכטונג, שרה, זאלסט נישט צונייען דעם חתן־בחור נ׳שכל.



שלמהן האבן א ברי געטאן די ווערטער. די הויט אויף הענט און פנים איז געווארן נאך רויטער ווי שטענדיק, גלייך זי וואלט זיך מיט א פלאמיקן פאנצער געווערט קעגן אן אומזיכטבארער סכנה, וואס ליגט באהאלטן אין די דאזיקע ווערטער.

פאטער און זון האבן איבערגעלאזט הינטער זיך דעם אויסגעדאפטשעטן דארפס־וועג און דורכגעשניטן דעם וואלד, וועלכער האט זקניש געפלאפלט מיט די דארע, פאריעריקע בלעטלעך. דאן זענען זיי ארויס אויף דער פעלד־סטעזשקע. דער פריש־צוגעפרוירענער שניי האט פארפירט מיט די שטיוול א לאנגן, אויסטארלישן שמועס, אין וועלכן ס׳האט זיין צונג געשפריצט מיט „שינס״, און די ציין האבן געקריצט מיט שארפע, הארטע „ריישס״. ווען זיי זענען ארויף אויפן בערגל מיטן צלם, האט זיך דאס יאבלענקער הויף געזען, ווי א טונקעלע נעסט אינמיטןברייטן, גלי־ווייסן שטח. בלויז דער קוימען פון דער ברענעריי האט געשטארצט אינדערלופטן, ווי די כאלעווע פון אן איבערגעדרייטן שטיוול.

— שלמה, זאלסטעך לאטיש אויפפירן, — דאס זענען געווען די איינציקע ווערטער צווישן פאטער און זון אויפן וועג, וואס האט געדויערט א קנאפע שעה צייט.

אין אלטער דעם זשאנדצעס פירהויז האט די ריין אפגעריבענע פאדלאגע געשמעקט מיט וואלד־פרישקייט, ווי ס׳וואלטן די ברעטער דורכן ריח געוואלט באוויזן זייער צוגעהעריקייט צו די ברוינע, קלעפיקע סאסנע־שטאמען, וואס שטייען פון יענער זייט פארקן און וואס מען הערט זייער רוישן אין טונקעלע, אנלבנהדיקע נעכט.

דער ברוינער, הויכער הונט האט א נישט זיכערן ווארטש געטאן אין דודס זייט, ארומגעשמעקט שלמהס שטיוול און מיט א ברייטן גענעץ צוריקגעגאנגען אין זיין ווינקל ביי דער טיר. וויזט אויס, אז פאר דעם גרויסן, שטילן הויז איז געווען גענוג דער איינער ווארטש, ווייל באלד האט זיך אויפגעמאכט די טיר און ס׳איז זיי אנטקעגנגעקומען די באלעבאסטע אליין, ר׳ אלטערס ווייב. קודם האט דודן באגריסט די גאנצע צאל ווארצלען, וואס האבן אין א חניפהדיקן שמייכל נאכמער אויסגעצויגן דאס ברייטע, צעגאסענע פנים. דאן האבן אנגעהויבן צו פינטלען די אויגן גיך, גיך, ווי זיי וואלטן מורא געהאט, אז עמעץ קאן זיי איבעריאגן און ערשט צולעצט האט פריינדלעך א שפריץ געטאן די סלינע:

— ס׳קאצל קומט, ס׳קאצל קומט. —

זי האט אריינגעפירט די געסט אין א גרויסן, ליכטיקן צימער, וואו ס׳איז געזעסן מיט א לאנגן ציבעק אין מויל איר מאן. זיינע קורצע, פעסטע

פּיס, אין פּעפּיטאַ רייטהויזן און לאַקירטע געפּאַסטע שטיוול, האָט ער געהאַלטן אויסגעשטרעקט ווייט פון זיך. ר׳ אַלטער האָט אַ קוק געגעבן אויף שלמהן פון אונטן אַרויף, זיין רויט־אָפּגעברענט, צעשמייכלט פּנים איז אין דער רעם פון גראָע האָר געוואָרן פאַרטונקלט פון עפּעס אַ באַהאַלטענעם געדאַנק. מיט אַ זיפץ האָט ער אויפגעהויבן די פּייקע צום לינקן אויג, געקלאַפּט אין איר שמעקנדיקן ווײנשלהאָלץ און ערשט דאַן זיך אויסגעדרייט צום ווייב:

— דערלאַנג, מלכה, די געסט בענקלעך.

און מלכה האָט געווישט און געווישט מיטן פאַרטעך די בלישטשענדיקע בענקלעך, ווי ס׳וואָלט אויף זיי פון אינדערפרי אָנגעפאַלן אַ וואָגן שטויב.

— מען דאַרף די געסט מכבד זיין. האָסט דאָרט עפּעס פון שבת?

פון דער צעעפנטער קאַמאָד האָט עס פאַרשמעקט מיט לעקעך און נאָנט און צוקערפלעצלעך.

שלמהן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלע פורימס, וואָס ער קאָן נאָר געדענקען פון זיינע ערשטע קינדער־יאָרן אָן, ליגן באַהאַלטן אין דער דאָזיקער בייכיקער קאָמאָד.

מלכה האָט אויף אַ טאַץ אַריינגעברענגט קליינע, באַבלימלטע גלעזלעך.

— וואו איז פייגע? — האָט אַ פרעג געטאָן אַלטער.

— דער קאָפּ טוט איר וויי פון סאַמע אינדערפרי — האָט גיך געענטפערט זיין ווייב.

ר׳ אַלטער האָט אָנגעגאָסן דעם זיסן, דורכזיכטיקן קימלבראָנפן.

— לחיים!

— לחיים!

— צו געזונט —

— זאָל זאַן אין אַ מזלדיקער שעה, מחותן, אונדז זאָל מער דערלעבן צו זען נחת ביי אונדזערע קינדער — האָט זיך דוד צעהיצט.

אַלטער האָט זיין ענטפער פאַרלוירן אין דער געדיכטעניש פון זיין ווייסער באָרד, און ס׳איז אַרויסגעקומען בלויז אַ נישט־פאַרשטענדלעכער ברום. אַזוי איז שלמה געוואָרן אַ חתן מיט אַלטער דעם זשאָנדצעס טאָכטער.

## VII

תנאים האָט מען געשריבן שבתצונאַכטס, און די חתונה איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ וואָך נאָך פורים. ערשט ביים שרייבן די תנאים האָט שלמה געזען צום ערשטן מאָל זיין כלה. אייגנטלעך האָט ער זי שוין פריער



געזען. יאָ, ער דערמאָנט זיך געננוי. דאָס איז געווען נאָך זיין צוריקקומען פון מיליטער.

יאָסל באַשעס און יידלס זון האָבן אים נישט געלאָזט צורו, ביז ער איז מיט זיי מיטגעגאַנגען צו יידלען דעם מילכיקער, וועלכער האָט געהאַלטן די פּאַכט אין יאַבלענקער הויף. אַזוי ווי יעדן שבת נאָכמיטאָג, זענען זיך אויך דאַסמאָל צונויפגעקומען אַלע יונגעלייט און מיידלעך פון גאַנצן דאָרף. יידל, תמיד שמייכלענדיק, תמיד רעזווע, האָט געוואָרנט ס׳יונגוואָרג:

— וואָיעוועטס נישט, אַז מיין אַלטע וועט דערהערן, וועט זי אַזאַ אַרויסטרייבן — נאָר אַליין האָט ער בשעת מעשה אַ קניפּ געטאָן איינע פון די מיידלעך, וואָס זענען געקומען צו זיינע טעכטער.

אויף אַ ווײלע האָט מען זיך געפּרוּווט איינהאַלטן, אָבער גאָר באַלד האָט מען פאַרגעסן אָן יידלס וואָרענונג, און דאָס פאַרשטיקטע לאַכן האָט אויפגעשוימט מיט צוריקגעהאַלטענער לוסטיקייט און געדראָט דעם דאַך צו צעטראָגן. דעמאָלט האָט זיך אויפגעמאַכט די טיר צום אַלקער און צוזאַמען מיטן ריח פון טוכלער סמעטענע, זויערער מילך און סערוועטקע האָט אַ זעץ געטאָן אינמיטן דער צעלוסטיקטער חברה דאָס פאַרדומפּענע קול פון יידלס ווייב, דער דאַוונערקע. דורכן אָפענעם שפּאַלט האָט מען אויך געקאָנט זען, ווי בראַנע שטייט אינמיטן דער שטוב מיט אַ שווערן סידור אין דער האַנט, הייבט זיך אויף ביי יעדן וואָרט אויף די שפּיץ פינגער, ווי דאָס קריגן מיט מאַן און קינדער וואָלט געווען אַ טייל פון איר תפילה. עס איז געוואָרן שטיל, מאַן צו זייען. יידל האָט אַריינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסל און זיך געוואָלט אַרויסשאַרן פון שטוב, אָבער דאָס שאַרפע אויג פון זיין בראַנען האָט אים נאָך פריער באַמערקט, און איר קול, איינגעוויקלט אין דעם דאַוונענדיקן ניגון, האָט אים אָפּגעשטעלט, ווי דער קלאַפּ פון אַ בייטש:

— אַלטער נאַר, כ׳על מעך שוין נישט וואונדערן אויף די יינגע באַראַנעס. אַז זיי זעען דאָס בא אַזאַ אַלטן צאַפּ...

ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך ס׳וואָלטן די שמאָלע, צעשפּרינגענע ליפּן געשיט מיט ווערטער, ווען עפּעס פון יענער זייט פענצטער וואָלט נישט צוגעצויגן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון בראַנעס קליינע, שאַרפע אייגעלעך.

— זע נאָר, זע, די גראַפיניע!

אַלע פון שטוב, גליקלעך, אַז דער שטראָם פון בראַנעס רייד האָט זיך אַריינגעגאָסן אין אַן אַנדערער קאָריטע, זענען צוגעלאָפן צום פענצטער. די אַכט שייבלעך פון די צוויי פענצטער זענען באַקלעפּט געוואָרן מיט

בלישטשענדיקע אויגן, צעקנייטשטע נעז און ליפּן. מיט דער ברייטער אַקאַציען־אַלייע, וואָס פירט פון הויף צום דאָרפסוועג, איז געגאַנגען איינע אַליין דעם זשאַנדצעס טאָכטער. דאָס קליינע זיידענע שירעמל, אַנשטאָט צו באַשאָטענען דעם קאָפּ, איז געלעגן קאָקעטיש פאַרלייגט אויף איין אַקסל, ווי זיין גאַנצע עקזיסטענץ וואָלט געהאַט בלויז איין צוועק: פייגעס קלאָרע, קיילעכדיקע, בראַנזלעטנבאַהאַנגענע הענט זאָלן זיך קאָנען בעסער אַרויסזען. דאָס קליינע האַנטגעשטיקטע שערצל איז געלעגן צווישן די ברייטע קליבעס, ווי אַ קינדיש בריסעכל, וואָס איז אומטריי געוואָרן זיין אייגנטלעכער באַשטימונג. דער שוואַרצער, האַרטגעפלאָכטענער צאָפּ, צונויפגעדרייט אין אַ „קיגעלע״, איז געלעגן אויפן סאַמע שפּיץ קאָפּ, גרייט אַוועקצופליען מיטן ערשט־בעסטן ווינט, און ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איר נאָמען פייגעלע, וואָס האָט נישט קיין שום אינעווייניקסטן שייכות מיט איר גאַנצער, מאַסיווער, פעסטער געשטאַלט, געהער בלויז צו דער פריזור.

— ווי זי גייט דאָס שטאָלץ. און צו יידל מילעכיקער פּאַסט איר נישט אַפילו מיט דער נאָז אַריינצושמעקן. יעדן פּאַסט עס, דיר, רוכטשע, און דיר, יונה, און דיר, ריוועלע, — האָט זי זיך געוועגדט מיט אַ זיסלעכן שמייכל צו די אַנוועזנדיקע — נאָר איר אײנער נישט. פּר־ר־רײליין!

איר לאַנג געהאַדעוועטער כעס האָט זיך נישט געקאָנט איינשטילן אַפילו דערמאָלט, ווען דעם זשאַנדצעס טאָכטער איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן די ביימער.

— זענען אפשר מיינע קינדער נישט פון אַזאַ פיינער משפחה, ווי זי? מיין טאַטע עליו השלום איז געווען שוין דעמאָלט פּאַסעסאָר, ווען איר זיידע האָט נאָך אַרומגעטראָגן קענדלעך מיט מילך. יאָ. אַי, זי וועט זיך אַזוי לאַנג שפּילן, ביז — געדענקט מיינע ווערטער —

און זי איז צוריקגעגאַנגען צום שווערן סידור, כדי צו פאַרענדיקן פאַר גאָט איר הייסן וויכוח.

שלמה האָט נישט נאָכגעקלערט, ווי אַזוי נאָך עס איז די דאָזיקע שטאָלצע פייגע, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט צוקלויבן קיין חתן אין דער גאַנצער געגנט, געוואָרן אַ כלה מיט אים, דעם „בורמילע״, וואָס איז ייִנגער פון איר מיט גאַנצע צוועלף יאָר. דערפאַר האָבן אַנדערע דאָס געטאָן פאַר שלמהן אויך. אין דער ערשטער ריי בראַנע. זי האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט די פינגער איבערן מויל, פאַרגלייזט מיט די אויגן:

— מען טאָר זעך דאָך נישט פרייען מיט יענעמס אומגליק, כ׳האָב דאָך אַליין מיידלעך, טאַטעניו אין הימל, היט זיי אויס פאַר אַלעם שלעכטן,



נאָר כ׳האָב דען נישט געזאָגט? אַז קיין דאָרפיש ייִנגל האָט איר נישט געפּאַסט. נאָר מאַכלעס זון. און נאָך עפּעס וועל עך אַך זאָגן, אַז שולדיק איז דאָ די מאַמע. אַז מען זעט די טאָכטער שלעפּט זעך אַרום מיט אַ פּאַצעט, ברעכט מען איר גוט אָן די ביינער. נישט מען לאָדנט נאָך איין דעם פּאַצעט אַהיים און מען קאָכט און באַקט פאַר אים פון כל־טוב.

שבת ביים אויפרופן האָבן די יונגען חוזק געמאַכט פון שלמהן:

— קומסט אַריין צו אַלעם גוטן, ווערסט אַ גרייטער באַלעבאָס, שלמה. ביסט אוודאי געבוירן אין אַ הייבל? וואָס?

נאָר איין שלמה האָט די גאַנצע צייט נישט געוואָלט גלייבן, אַז ער איז טאַקע אויף אָן אמת אַ חתן געוואָרן. ס׳איז מסתמא אויף אַ שפּאָס. טאַטע־מאַמע ווילן אָנלערנען די טאָכטער, זי זאָל זיך נישט צופיל איבערנעמען ביי זיי. ער האָט דאָך געהערט אַליין פון בראַנען, אַז קיינער געפעלט נישט פייגען. וויל מען זי איצט אָנלערנען און זי וועט שוין נעמען דעם חתן, וועלכן דער זשאַנדצע האָט פאַר איר צוגעגרייט. ער האָט געדולדיק געוואַרט אויפן טאָג, ווען דאָס גאַנצע פּורים־שפּיל וועט נעמען אַ סוף. נאָר אַנשטאָט דעם אויסגעקוקטן סוף, איז געקומען פון קריקעניץ אַ פור מיט בערקע שניידער, מיטן געזעל און מיט דער אָפּגעריבענער, דאַרער ניי־מאַשין. מען האָט אויסגערוימט די שטוב ווי אויף פּסח, אויפגעשטעלט די מאַשין ביים פענצטער און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ צושניידן, מעסטן און שטעפּן, אַזש די קינדער פון אַ האַלב דאָרף זענען געקומען אונטער די פענצטער קוקן, ווי אויף אַ חתונה. די אייגענע קינדער האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן אויף קיין איין רגע. מען זאָל זיי אַפילו טרייבן מיט שטעקענעס. זיי זענען געווען אומעטום פול, געגנבעט שטיקלעך פון צוגעשניטענעם שטאָף, געשטופּט די פינגער אין דעם פליענדיקן ראָד, אַרויפגעשטעלט די פיס אויפן אייזערנעם טרעטער און געוואָלט העלפן נייען. נאָר אויסגעקומען איז עס תמיד אַזוי, אַז אַנשטאָט דעם פיס־ברעטל האָבן זיי אָנגעטראָפן דעם שניידערס הינעראויג און אַנשטאָט דעם אונטערגעלייגטן שטאָף, האָט זיך תמיד אַריינבאַקומען אונטער דער נאָדל אַ קינדערשער פינגער. בערקע האָט געשאָלטן אויף וואָס די וועלט שטייט, געשוואוירן, אַז אין אַזאַ שטוב האָט ער נאָך ביי זיין לעבן נישט גענייט, און דער געזעל, וועלכער האָט געוואָלט פאַרטויבן די קינדער, וואָס האָבן באַוויינט זייערע צעקאַלעטשעטע פינגער, האָט אָנגעהויבן צו זינגען אַ ליד פון אַ דייטשער אָפּערעטע, וואָס איין גאָט ווייסט אויף וואָס פאַר אַן אופן עס איז צו אים פאַרוואָגלט געוואָרן:

— „קינד, קאָנסט דו טאַנצען, ווי מיינע פראַוי,

וויגסט דיך און שמיגסט דיך, ווי מיינע פראָוי״...

בערקע האָט געהאַלטן אין איין מעסטן. ער האָט שטענדיק געקייט שטיקלעך אָפּגעביסענעם פּאָדעם און צוליב די שפּילקעס, וואָס ער האָט געהאַלטן אין מויל, האָט ער קיינמאָל נישט געקאָנט ענטפערן, בלויז צעפּירט די הענט מיט אַ פּאַנפּעוואַטע — נ־נ־ו, אָ, — ווי ער וואָלט געהאַלטן אינמיטן שמונה־עשרה.

איין שלמה האָט דאָס אַלץ געהאַלטן פאַר אַ שפּאַס. אַפּילו דעמאָלט, ווען מען האָט אים אין איין זונטיקדיקן אינדערפרי אָנגעטאָן דעם נייעם אָנצוג, בערקעס „גלאַנצלייסטונג״ נאָך אַ וואָך אַרבעט, די נייע, סקריפּענ־דיקע שיך, און חיים, נישט וועלנדיק זיך אין אַזאַ טאָג פאַרלאָזן אויף דעם ברודערס אומגעלומפּערטע פינגער, האָט אים אַליין צוגעבונדן דעם שניפּס.

און אויך דאַן, ווען ער איז שוין געזעסן אויף דער געדונגענער פור מיט טאַטע־מאַמע און דעם פעטער הערש, וועלכער איז אייגנס אַראָפּגעקומען פון דריטן דאָרף, כדי צו באַשיינען די חתונה, האָבן שלמהס געדאַנקען, ווי אומישנע אויסגעמיטן דעם הייַנטיקן טאָג און זיך אָפּגעשטעלט ביי דער גרענעץ פון הויפּישן פעלד מיט דער פראַגע, צי וועט עס דעם פריץ יאַניצקי געלינגען אויסצודרענעווען הײַ־יאָר די נאַסע לאָנקע, צי נישט?

נישט ווייט פון יענער אַקאַציען־אַלייע, וואו שלמה האָט צום ערשטן מאָל פון בראַנדלס פענצטער דערזען פייגען, דעם זשאָנדצעס טאָכטער, איז זיי אַנטקעגנגעקומען יאַצקע, דער קאַפּעלמייסטער, מיטן פידל און נאָך אים זיינע צוויי געהילפן, די „פלייט״ און דער „באַס״. חתנס צד איז איינגעשטאַנען ביי הער ראָזענבערג, ווי ער פלעגט זיך אַליין טיטולירן, דעם הויפּישן גאָזשעלניק.

הער ראָזענבערג, אַ קליין שוואַרץ יידל, איז אַרומגעלאָפן פון איין ווינקל אין צווייטן, צונויפגעשטעלט בענקלעך, ווי פאַר אַ מנין מענטשן, הגם עס זענען אָנגעקומען בלויז פיר פאַרשוין. הער ראָזענבערג, וועלכער האָט געשפּילט די ראָלע פון אַן אויפגעקלערטן מענטש, האָט געשיקט זיין ווייב, זי זאָל ביי דער כלה צוגרייטן אַלץ אויף דעם „מאָדערנסטן״ אופן, און אַליין איז ער יעדע ווילע פאַרשוואונדן אין קיך, פון וואַנען ס׳האָט זיך געהערט דאָס וויינען פון קינד.

פון דעם הויכן ברענעריי־שטאָק האָט מען געזען די באַלויכטענע פענצטער אין זשאָנדצעס הויז, מען האָט געהערט די וויינענדיקע טענער פון פידל, וועלכע יאַצקע האָט באַאַרבעט מיט זיין סמיטשיק אויף דעם



אכזריותדיקסטן אופן, און שלמהן האָט זיך געדאַכט, אַז ער זיצט דאָ שוין גאַנצע יאָרן און קיינמאָל וועט זיך דאָס אַלץ נישט ענדיקן. זיין מידער קאָפּ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, דער שאָטן פון ברייטן קאַפּעלעטש האָט געהיטן די פאַרמאַכטע אויגן און דער גאַנצער, אין נייעם אָנצוג איינגעקלעמטער גוף האָט זיך אָנגעהויבן איינצוואַוויקלען אין שלאָף, ווי אין אַ וואַרעמער שאַל. נאָר גראָד דעמאָלט האָט זיך מיט רעש צעעפנט די טיר און נאָך פון דער שוועל האָט ראָזענבערגס ווייב אַ קוויטש געטאָן:

— מזל־טוב איך, מחותן, מזל־טוב מחותנתטע, מזל־טוב דיר, חתן!

דאָס גאַנצע צימער, וואָס איז ביז אַהער פול געווען מיט אַ וויינענדיקער ימים־נוראים־שטימונג און דעם שימל פון שרהס אַלטפרענקישע קליידער, האָט זיך הכנעהדיק אונטערגעגעבן דעם זיגערישן ריח פון בערטאַס פולן, פאַרפומירטן קערפּער.

אויפן טיש האָבן זיך באַוויזן לעקעך און בראָנפן, און באַלד האָט זיך געלאָזט הערן פון יענער זייט טיר דאָס תאוהדיקע מלאָסקען פון אַ צונג און דאַן דאָס דערשטיקטע וויינען פון קינד, וואָס האָט נישט געקאָנט מיט זיין קליינעם מיילעכל גובר זיין די שפע מילך, וואָס האָט זיך במשך פון גאַנצן טאָג אָנגעזאַמלט אין דער מאַמעס ברוסטן און איצט ווי אַ וואַסער מבול פאַרגאָסן די אויגן און ס׳גאַנצע פּנימל.

בעת בערטאַ האָט אָנגעטאָן איר שוואַרץ דעקאָלטירט שפּיצנקלייד איז אָנגעקומען פון שטאָט די פור מיטן דיין, שוחט און חזן. דער חזן האָט מיטגעברענגט זיינע צוויי, בלאַסע, אויסגעוויקסטע יינגלעך, זיי זאָלן העלפן מיטזינגען ביים כלה־באַדעקנס און „אָפּלעקן אַ ביינדל״ ביי אַ רייכער, דאָרפישער חתונה. מיט זייערע פאַרבונדענע העלזלעך האָבן די דאָזיקע בלאַסע, דאַרע יינגלעך, אויסגעזען, ווי מען וואָלט זיי געברענגט צו אַ דאָקטאָר און נישט צו אַ חופה. די גאַנצע צייט האָבן זיי זיך געהאַלטן ביים טאַטן, געזעסן ביים טיש מיט אַלע עלטערע יידן און געכאַפּט פון טיש די גרעסטע שטיקער לעקעך. אַז ס׳איז צו זיי צוגעקומען וועלכעס פון די יינגלעך און זיך געוואָלט מיט זיי שפּילן, האָבן זיי אָן איין וואָרט חוצפּהדיק אויסגעדרייט זייערע קעפּלעך און די פאַרשעמטע דאָרפישע יינגלעך זענען אַרויסגעלאָפן אין דער טונקעלער נאַכט, אָפּצוקילן זייערע הייסע, צעפלאַמטע שטערנס.

— וואו איז דער חתן? — האָט דער שוחט שטרענג אַ פרעג געטאָן תיכּף ביי דער שוועל, ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדלט נישט וועגן אַ חתן, נאָר וועגן עפּעס אַ פאַרברעכער.

שלמה, וועלכער איז נישט געווען געוואוינט מען זאל זיך מיט אים פארנעמען, האט זיך ביי דער פראגע אינגאנצן פארלוירן. דער תענית האט אים אויסגעטריקנט דעם גימען, אין האלז האט געברענט, ווי מען וואלט דארט אנגעשיט פול פעפער, און קיין אייןווארט האט זיך נישט געקאנט דורכגליטשן דורך דער אויסגעדעווערטער מדבר פון זיין מויל. נאר ס'ווייזט אויס, אז דער ענטפער איז געווען לחלוטין איבעריק און די פראגע איז געווען בלויז א רעטארישע, ווייל וויבאלד ס'האט זיך באוויזן אויפן טיש א ניי פלעשל בראנפן, האבן די יידן אן שלמהן אינגאנצן פארגעסן. זיי האבן זיך דערמאנט אן אים ערשט דאן, ווען ס'האט זיך אונטער די פענצטער דערהערט יאצקעס פידל. דעמאלט האבן זיי אנגעכאפט שלמהן אונטער די ארעמס, ווי ער וואלט מיטאמאל געווארן א טלימעק, אדער א קליין קינד, וואס קאן אליין קיין שריט נישט שטעלן, און יאצקע האט אויסגעבעט דעם וועג מיט די שענסטע ניגונים, וועלכע ער האט אויפגעכאפט ביי די שטעטישע קלעזמער.

אין זשאנדצעס שטוב איז געווען פארגע פון ליכט, לאמפן און מענטשן. אין א ווינקל אויף אן אויסגעבעטער שטול, ארומגעשטעלט מיט בלומענטעפ און יונגע סאסנע־ביימלעך, איז געזעסן איינגעוויקלט אין א לאנגן ברויט־שלייער די כלה, ווי א קארטש, אומגעריכט צעבליט אין דער ערב־פריילינגדיקער נאכט.

מיטאמאל איז געווארן א רעש און געפילדער. טירן האבן זיך צעעפנט, ליכט האבן געפלאקערט אין ווינטצוג און קיינער האט אפילו נישט באמערקט ,ווי ס'זענען מיטאמאל אויפגעשטעלט געווארן אינמיטן שטוב פיר דרענגלעך מיט א פירעקיקן, געלאטעטן, סאמעטענעם דאך. און שוין איז שלמה געשטאנען אונטער דער רויטער חופה און מיט ווערטער, וועלכע עמעץ פון הינטן האט אים אונטערגעזאגט, זיך צוגעשמידט צו דעם ווייסן, פרעמדן קארטש. דאס כליפען פון אלע אלטע ווייבער און דאס צמאקעריי פון פרעמדע מיילער גלייך אין זיין פנים האבן שלמהן אויסגעלייזט פון דער שווערער, דושנער שטילקייט. מען האט זיך געשטופט, געטרעטן איינער דעם צווייטן, כדי זיך וואס־גיכער צוצובאקומען צום יונגן פארפאלק. מען האט שלמהן באזעצט אויבנאן פון טיש, נעבן פייגען. און די גילדענע יויך האט מען זיי דערלאנגט אין איין טעלער. שלמה איז געווען הונגעריק, נאר ווען ער האט דערזען פייגעס רויטע, פארוויינטע אויגן, האט ער אוועקגעלייגט דעם לעפל.

דער זשאנדצע, וועלכער האט געמאכט אן איבעריקע כוסה, האט פארגעסן מיט ווען ער איז זיך דא משדך. מיט זיינע פעסטע, קורצע



פיר האט ער צוגעדאפטשעט צום טאקט פון דער מוזיק, וואס האט געוואלט העלפן אריבערצופירן אין א קאדריל־שריט די שערענגע ווייס און ראזע געקליידטע מיידלעך צו דער צווייטער וואנט, וואו ס'האבן געדולדיק אריינגעשוויצט אין זייערע צו־ענגע קראגנס די יונגע בחורים. ר' אלטער האט זיך יעדע ווילע געווענדט צו זיינע געסט:

— עסט, מיינע קינדער, עסט, איר זאלט וויסן, אז דער יאבלעווקער זשאנדצע מאכט חתונה א טאכטער. — עס האט זיך געדאכט, אז אט, אט, וועלן זיינע צעפלאמטע באקן אונטערצינדן די ווייסע האר פון דער געדיכטער בארד.

כדי נישט צו קוקן אין פייגעס רויטע, פארשוואלענע אויגן, האט שלמה געמוזט אויסדרייען דעם קאפ אזוי, אז דער נייער, שטייפער קראגן האט זיך אים אריינגעשניטן אין קארק מיט א רויטער, שארפער בייטש. נאר דא, פון דער זייט האט ער זיך געטראפן מיט די אויגן פון זיינע טאטע־מאמע, וואס זענען געזעסן ביי א זייטיקן טיש, ווי א קליין, טונקל אינזעלע צווישן דעם צעכוואליעטן ים פון פריידיקער חתונה־שטימונג. אומזיסט האט דער פעטער הערש אויסגעבאמקעט מיט די פינגער אויפן טיש זיין ליבסטן ניגון און אומזיסט האט דער מאמעס אלטמאדיש בראקאטן־קלייד געראשעט ביי יעדער באוועגונג מיט אלע פעלדעלעך און געבעטן עפעס א גוט ווארט ביי עמעצן פון כלהס צד. זאל ווער צוקומען אויף א רגע בלויז, זאל עס זיין כאטש א קינד. נאר קיינער האט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. האט זיך אויפגעהויבן דער פעטער הערש, וועלכער איז געקומען אזש פון דריטן דארף באשיינען זיינע קרובים, און געהייסן דעם פארעבעק שפאנען די פערד. די מאמע האט זיך געזעגנט מיט שלמהן פונדערווייטנס מיט א נישט זיכערן, וויינענדיקן בליק, ווי מיט א פרעמדן. צו פייגען האט זי בלויז א שאקל געטאן מיטן קאפ, נישט וויסנדיק, ווי אזוי זיך אויפצופירן לגבי דער „פריילין" פון הויף. נאך איר האט זיך ארויסגעשארט דוד, פון קיינעם נשט באמערקט, פון קיינעם נישט צוריקגעהאלטן.

## VIII

די שטוב, וועלכע דער זשאנדצע האט געקויפט פאר זיין טאכטער אלס נדן, איז געשטאנען ביי דער דעברע, וועלכע פירט ארויס פון וואלד דעם קליינעם פאטעק און ברענגט אים צו צום דארף. עטלעכע שמאלע ביטלעך, דורך מענטשלעכע הענט ארויסגעריסענע פון דער ארומיקער ווילדערניש, האבן זיך טיף אריינגעשניטן אין דעם שיפן דעברע־וועג. עס האט זיך געדאכט, אז זיי לויפן, ווי א סטאדע דורשטיקע שאף קאפ־אראפ

צו דעם רוישנדיקן וואַסערל אויף דעם דנאָ פון דער טיפער דעברע. שטיינער, אָנגעטראָגענע דורכן פּאָטעק בעת אַ פאַרפלייצונג, האָבן זיך געוויסלט צווישן ווילדגראָז, ווי נאַקעטיקע שאַרבנס. שלמה איז אַרומגעגאַנגען צווישן דער דאָזיקער ווילדערניש, ווי אַ הונט, וועלכער ניאָכעט אַרום אַ נײַ אָרט. און דעם ערשטן מאַרקטאָג האָט זיך שלמה אויסגעקליבן אין דער נאָענטער שטאָט. פייגע, וועלכע איז געוואוינט געווען צו פאָרן מיט דער פריצישער בריטשקע, האָט זיך אויסגעזוכט עפּעס אַן אַרבעט אין דער האַלבטונקעלער קאַמער, כדי נישט צו מוזן קוקן, ווי איר מאַן נעמט דעם קויבער אין האַנט און גייט צופוס צוגלייך מיט אַלע פויערן. ווען די אונטערגייענדיקע זון האָט זיך באַזעצט, ווי אַן אָנגעבלאָזענע קוואָקע אויף דעם ווערך פון דער איינציקער ווערבע נעבן שטוב, איז שלמה צוריקגעקומען אַהיים. ער האָט מיטגעבראַכט אַ לאָפּאַטע, אַ האַק, אַ מאָטיקע און אַן אײַזערנעם גאָפּל.

אין דער דעברע האָט שלמה אויסגעהאַקט עטלעכע יונגע גראָבעס און אויסגעטעסעט הענטלעך צו די איינגעהאַנדלטע מכשירים. דאַן האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט. קודם האָט ער אַרומגעצוימט די עטלעכע בייטלעך מיט אַ פלויט. די ברוינע, יונגע ריטלעך האָבן זיך בויגעוודיק אַרומגעוויקלט אַרום די ווייסע, צוגעשפּיצטע קלעצער. דאַן האָט ער צעגראָבן די פייכטע ערד און פאַרזעצט באַבאַלעך, מייערן און בולבעס. איינמאָל איז שלמה אויף אַ גאַנצן טאָג פאַרשוואונדן געוואָרן און ערשט פאַרנאַכט צו איז ער צוריקגעקומען, באַלאָדן מיט אַ בונט יונגע שטשעפּעס. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעסטן און אויסחשבונען, ווי אַזוי די ביימלעך צו פאַרזעצן, אַז דער שאָטן זאָל וואָס־ווייניקער פאַרשטעלן דאָס גערטל. און ווען די ביימלעך זענען שוין געשטאַנען יעדעס אויף זיין פלאַץ, גרייט זיך מיט די וואָרצלען אַרײַנצושפּאַרן אין דער פרעמדער, ליימיקער ערד, האָט שלמהס גרויסע פרייד גובר געווען זיין שעמעוודיקייט, וואָס איז אים תמיד באַפאַלן, ווען עס איז אים אויסגעקומען צו ווענדן זיך צום ווייב מיט עפּעס אַ וואָרט, און ער האָט אַרויסגערופן פייגען פון שטוב. פייגע איז אַרויס אויף דער שוועל, זיך איינגעקוקט אין אַלע זייטן און דערזעענדיק די עטלעכע נאַקעטיקע ביימלעך, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו זיי מיט דער פּלייצע און אָן איין וואָרט אַרײַן צוריק אין הויז. ווי אַ שווערע פלאַכטע האָט זיך פייגעס האַרט, איינגעעקשנט שווייגן געלייגט אויף שלמהס פרייד. ביינאַכט האָט ער נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט זיך אומרואיק געוואָרפן אויפן געלעגער, און זיינע געדאַנקען האָבן אונטערגעיאָגט צום וואַקסן די דאַרע אָנבלעטערדיקע ביימלעך. ערשט ווען זיי זענען אין דמיון געשטאַנען אונטער דער שווערער, גילדערנער קרוין פון זון־דורכגעגליטע פּירות, איז שלמה אונטער זייער שאָטן אַנטשלאָפן געוואָרן.



שלמה פלעגט העלפן יעדן אינדערפרי צורוימען די שטוב און דאַן איז ער געגאַנגען אין וואַלד, ווי ער איז עס געווען געוואוינט פונדערהיים אויס. אויף זיינע פּלייצעס האָט ער געברענגט צו שלעפּן אַ בינט טרוקן כרויסט, אָדער אַ פאַרדאַרטן בוים. דאָס האָלץ האָט ער צעהאַקט אין דינטשיקע שייטלעך, אַז פייגע זאָל זיך נישט מוזן אָנמוטשען ביים אונטערהייצן. דאָס האָלץ האָט זיך אָנגעהויפט נעבן דער שטוב כמעט ביז צום סאַמע דאַך, נאָר פייגע האָט זיך נאָך אַלץ נישט גענומען צום קאָכן. גאַנצע טעג איז זי אַרומגעגאַנגען אַ נישט געקעמטע אין אַ רויטן טערקישן שלאָפראָק, אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און געשוויגן. זי האָט אויסגעמיטן די מענטשן, מורא האָבנדיק פאַר זייערע בליקן, פאַר זייערע פראַגן, וואָס טראָגן פאַרבאָהאַלטן אין זייער תמימותדיקייט אַ פאַרסמטן שטאָכל:

— ווי גייט עס אייך, פייגעניו?

עס האָט זיך פייגען געדאַכט, אַז די ווערטער זענען באַשאַפן געוואָרן בלויז צוליב איר, כדי זי צו שרעקן און אויפצודעקן איר חרפּה.

איינמאָל אין אַ זונטיקדיקן אָוונט, אין דער צייט, ווען דער זשאַנדצעפאָרט שטענדיק אין שטאָט אַריין, האָט זיך פייגע מיט די פעלדער געלאָזט גיין אַהיים. לויט איר אויסרעכענונג האָט טאַקע פייגע געטראָפן די מאַמע אַליין. די דעמערונג, וואָס האָט אַרומגענומען קאָפּ, הענט און פיס און נאָר פון פּנים איבערגעלאָזט אַ ווייסלעכן פלעק, האָט געהאָלפן פייגען בייצוקומען איר שטאָלץ. האָבן זיך הייסע, דערשטיקטע ווערטער געשאָרט צו דער מאַמעס אויערן. נאָר מלכהס ליפּן האָבן זיך אַרומגעצוימט מיט אַ שוצוואַנט פון בייזע, האַרטע קנייטשן פון באַליידיקטן, אָפּגענאַרטן מאַמעשטאָלץ, וועלכע אַפילו דאָס צערטלעכסטע וואָרט האָט נישט געקאָנט דורכברעכן. איז פייגע צוגעפאַלן צו דער מוטערס הענט און שוין הויך אויף אַ קול געבעטן, זי זאָל קאָנען בלייבן אינדערהיים, ווייל איידער „אַהין" זיך אומצוקערן איז שוין ליבער דער טויט. פייגע האָט געוואוסט, אַז דער מוטערס כעס ברענט זיך אויס אין געבייזער, אין ווערטער־האָגל און דאַן קאָן מען ביי איר פועלן אַלץ. איז זי טאַקע אַהיימגעגאַנגען מיט אַ סוד, וואָס האָט איר האָפנונג צוגעבונדן צו אַ באַשטימטן ברעג. צוריקקומענדיק אין איר קליינעם, פויערישן שטיבל, האָט זי זיך תיכף אויסגעטאָן און געלייגט שלאָפן, נישט אָנצינדנדיק אַפילו דאָס לעמפּל. שלמה האָט געהערט, ווי דאָס שטרוי אין פייגעס בעט שאָרכט בייז, גלייך ס׳וואָלט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן די קאַפּריזן פון אַ צעהיצטן, שלאָפלאָזן גוף. אינדערפרי זענען פייגעס אויגן געווען אַרומגענומען מיט אַ רויטער רעם פון געשווילעכץ. שלמה איז אַרויס פון שטוב און זיך געשטעלט האַקן האָלץ. ער האָט

געגלויבט, אַז דאָ אינדרויסן, ווייט פון פייגעס רויטע אויגן, וועט אים גיכער געלינגען דורכצונעמען דאָס אומפאַרשטענדלעכע און צוצוקומען צו דער סיבה פון זיין ווייבס שטילן טרויער.

ה־העך, ה־ה־העך — האָט זיך געקייכט די האַק מיט דער שאַרפער, פרימאַרגנדיקער לופט.

די שווערע קלעצער האָבן זיך געשפּאָלטן אויף צוויי חלקים, דאַן אויף פיר און צולעצט זענען פון אונטער דער האַק אָפּירגעשפּרונגען דינע שייטלעך און געבליבן ליגן, ווי קעצלעך מיט ווייסע בייכלעך אַרויף צו דער זון. ווען דאָס גאַנצע האָלץ איז שוין געלעגן צונויפגעלייגט אַרום די שטובווענט, האָט זיך שלמה דערמאָנט אַן זיין פאַרפעלטן טראַכטן.

ביי דער אַרבעט האָט ער פאַרגעסן צוליב וואָס ער איז אייגנטלעך פון שטוב אַוועק.

פאַרפאַלן, אַליין מיט זיינע געדאַנקען וועט ער שוין נישט צוקומען צו דעם סוד פון פייגעס טרויער. אונטער דעם אומבאַקאַנטן „עפּעס" האָט ער אונטערגעשטעלט זיך אַליין און געגומען אויף זיך די שולד פאַר פייגעס פאַרצערטן בליק. און מאָדנע, פון דעם איז אים לייכטער געוואָרן. איצט האָט ער כאָטש געוואוסט, אַז ער, שלמה, איז שולדיק אין דעם אַלעם. ער האָט געוואָלט צוגיין צו פייגען, אָננעמען זי פאַר בידע הענט און איר זאָגן: פייגע, דיר איז שלעכט ביי מיר, כ׳ווייס, אַז דו ווילסט גיין צו „דיינע", האַלט עך דעך נישט, כאָטש... דאָס, וואָס עס דאַרף נאָכקומען נאָכן „כאָטש", קאָן אַפילו אין די געדאַנקען נישט אַדורך דורך שלמהס האַלז, ווי אַ צו־גרויסער ביסן. מען מוז עס אויך נישט זאָגן אָט דאָס וואָרט, נאָר פונדעסטוועגן איז אַ שאָד, אַ גרויסע שאָד, אַז פייגע וועט זיך קיינמאָל וועגן דעם נישט דערוויסן.

נאָר אַז ער איז אַריין אין שטוב, זענען אַ ל ע ווערטער מיטאַמאָל פאַרפרוירן געוואָרן אונטער פייגעס בליק, ווי אונטער אַ צפון־ווינט.

כדי פאָרט מיט עפּעס צו באַרעכטיקן זיין אַריינקומען, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— איז אפשר דאָ עפּעס צום איבערכאַפּן?

עס איז גראָד געווען מיטאָגצייט, נאָר קיין איין טעפּל האָט נישט געזאָגט עדות, אַז דאָ אין שטוב האָט מען וועגן דעם אַ טראַכט געטאָן. האָט שלמה אָנגעשיילט אַ טאָפּ בולבעס, אַרויסגעזוכט די דרייפּיסלעך און בלאָזנדיק אין דעם פרישן, נאַסלעכן האָלץ, זיי אָפּגעקאָכט. דאַן האָט ער די בולבעס אויסגעשיט אויף צוויי טעלער און זיך אַזוי לאַנג אַרומגעדרייט



מיטן לעפל אין דער האַנט, ביז וואַנען פייגע האָט זיך נישט צוגעזעצט צום טיש און אָנגעהויבן עסן.

פון דעם טאָג אָן האָט שלמה אָנגעהויבן צו פירן די ווירטשאַפט אין שטוב. מיט יעדן חודש, וואָס פירט טיפער אין זומער אַריין, איז פייגעס שריט געוואָרן אַלץ שווערער און איר קערפּער אומבאַהאָלפענער. איצט האָט שוין שלמה נישט אָפּגעטרעטן די שטוב. אָנגעהויבן האָט עס זיך באַלד נאָך כל־נדרי. אַן איינגעקאָרטשעטע אין דרייען איז פייגע געלעגן אויפן בעט און געקלאַפּט מיט די ציין. קיין איין וואָרט, קיין איין קרעכץ פון די פאַרקלעמטע ליפּן. בלויז די פאַרשטאַרטע האַנט, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען איבערן בעטראַנד איז געווען, ווי אַ סיגנאַל, וועלכן ס׳שיקט אַרויס דער פאַרמאַטערטער קערפּער אין דער טונקעלער נאַכט אַריין. שלמה, אַן איינגעהויקערט, הילפלאָז באַשעפעניש, אונטער דער רוט פון פרעמדן ווייטיק, האָט צוגעלייגט צו פייגעס קאָפּ עסיק־קאָמפּרעסן און צו די קריזשעס — פלעשער מיט הייס וואַסער. ערשט ווען ער האָט אויסגעשעפּט אַלע זיינע מעדיצינישע המצאות, האָט זיך שלמה געכאַפּט, אַז העלפן קאָן דאָ בלויז די אַלטע האַנקע, די דאָרפסבאָבע. מיטאַמאָל האָבן זיינע פיס באַקומען יינגלשע לייכטקייט. פייכטע ערד האָט געשפּריצט אין אַלע זייטן. ביימער און פלויטן זענען מיטגעלאָפן מיט שלמהן, ווי אויף געוועט. עס האָט אָבער געדויערט אַן אייביקייט, ביז די אַלטע האַנקע איז אַראָפּגעקראָכן פון אויוון, מיט פאַרשלאָפענע פינגער פעסטער צוגעבונדן ס׳קלייד, וואָס האָט זיך אויפגעבונדן בשעתן שלאָף. ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער שטוב, איז פייגע געלעגן מיט שווייספאַרקלעמטע האָר, און מיט שרעק־פאַרגלי־ווערטע אויגן געקוקט אויף דאָס בייגעבוירענע, וואָס האָט מיט האַרטן, עקשנותדיקן שריי, געוואָלט גובר זיין די קאַלוזשע בלוט אַרום זיך און צוגלייך די פרעמדע, אומבאַקאַנטע וועלט.

— אַזוי גרינג צו האָבן אַן ערשטלינג און דאָס אין אייער „שטאַנד" — האָט זיך געחידושט די אַלטע — ס׳האָט מיר נאָך אַזאַ זאַך נישט געטראָפן, ווי לאַנג כ׳בין „באַבקע".

פון גרויס צופרידנהייט האָט זיך איר ציינלאָז מויל דערלויבט אַ גוטמוטיקן שפּאַס. זי האָט זיך איינגעבויגן איבער דעם קליינעם גופל און נעמענדיק עס אין די הענט, אַ זאָג געטאָן צערטלעך, גלייך אין די בלוט־פאַרקלעפּטע אויערן אַריין:

— וועסט האָבן מזל, ווייל ביסט געקומען אַזוי לייכט אויף דער וועלט, ווי אַ בענקערטל.

נאָר פון דער אַלטערס אומשולדיק שפּעסעלע איז פייגעס בלאַס פּנים אָנגעלאָפן געוואָרן מיט הייסער רויטקייט, זי האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט, פאַרמאַכנדיק די אויגן, ווי זי וואָלט מיט איינמאָל דערפילט די גאַנצע מידקייט פון די פאַרגאַנגענע שעהען.

ס׳ערשטע מאָל זינט איר חתונה זענען געקומען צו פייגען אירע עלטערן. די מאַמע האָט געברענגט צו פירן אַ ביטלע ווישניק און אַ גרויסן האָניק־לעקעך. די וואָרצלען אויף איר פּנים האָבן זיך באַוועגט גיך, גיך, ווי זיי וואָלטן נאָכגעיאָגט די שעפּעלאָווע ווערטער:

— מזל־טוב דיר, טאָכטער, זאָל עס טאַקע זיין מיט מזל!

אויפן ברית האָט מען צונויפגעבעטן מער מענטשן, ווי אויף דער חתונה. מען האָט אייגנס אַראָפּגעברענגט פון דער שטאָט פרומע די קעכין. זי האָט מיטגעברענגט קופּערנע פאַנען, ראָנען און בלעכן, זיך געשאַפט מיט יעדן, גלייך אַ יעדער פון די שטוממענטשן וואָלט בלויז געווען אַ צולאָג צו איר צוואַקסענער, פּירפּאָלעדיקער געשטאַלט. יעדער פון די ניי־אָנגעקומענע געסט האָט געהאַלטן פאַר אַ חוב זיך איינצובויגן איבערן וויגל, אַ צמאָקע טאָן מיט די ליפּן און זיך חידושן אויף אַ קול.

— קיין עין־הרע אַ יונג, וועגט אוודאי אַן אַכט פונט. עס האָט עים נישט געשאַדט וואָס ער איז אַ זיבאַלע. און אַריינגעראָטן אינגאַנצן אין דער מאַמען זאָל לעבן און זוכה זיין עים געזונט צו דערציען.

אויף שלמהן האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט, ער האָט זיך אַרומגע־דרייט, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין מדבר, וואָס זוכט דעם פאַרלוירענעם וועג. פון דער שוועל, איבער אַלעמענס קעפּ אַריבער האָט ער געוואָרפן אַ שעמעוודיקן בליק אויף פייגען. אונטער דער זיידענער, געשטיקטער קופּקע האָבן אירע אויגן אָנגענומען צוריק זייער אַמאָליקן, זיגערישן גלאַנץ. פון די ברייטע, צעלאָזטע אַרבל זענען אַפּירגעשוואומען די ווייסע, קיילעכדיקע הענט, מיט חן־גריבעלעך נעבן די עלנבויגנס.

שלמהן איז מיטאַמאָל געוואָרן דושנע אין שטוב. ער האָט זיך געלאָזט פירן פון זיינע פיס מיט דער ווייסער, שמאָלער סטעזשקע, צווישן האַרבסטיקע פעלדער. זיינע שריט האָבן אויפגעוועקט די דרעמלענדיקע מחנות קראָען, וואָס האָבן זיך ביי שלמהס דערנענטערן אויפגעהויבן איבער דער ערד, ווי אַ שוואַרצער, קראַקעדיקער נעפּל.

## IX

דער סוד, וועלכן מוטער און טאָכטער האָבן אין אַ זונטיקדיקן פאַרנאַכט איינגעגראָבן טיף אין זייער זכרון, ווי אַ קערל אין דער ערד, איז זיך מיט דער צייט צעוואַקסן מיט אַן אומגעריכטער גערעטעניש. עס איז שוין פון



לאַנג געווען צוגעגרייט אַלס אויסרייד, טאָמער וועט „ער" וועלן וויסן, פאַרוואָס זי נעמט מיט מיט זיך אַלע זאַכן. — דער טאַטע איז נעבעך זייער קראַנק און ווער ווייסט ווי לאַנג זי וועט מוזן בלייבן אינדערהיים — מען קאָן דאָך נישט וויסן וואָס אַזאַ יונג קאָן איינפאַלן. ער קאָן זי גאָר פאַרהאַלטן און נישט וועלן אַרויסלאָזן. מען האָט בלויז געמוזט צוזאָגן אַ צוויי, דריי וואָכן, ביז דאָס קינד וועט ווערן אַביסל גרעסער, דער וועג זאָל חלילה נישט פאַרשאָטן.

און כאָטש אַלץ איז געווען פאָראויסבאַשטימט, איז פייגע אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן, ווען ס׳איז פאָרפאָרן נעבן שמאָלן גערטנדל דאָס גוטבאַקאַנטע הויפישע געלעגנהייט, און יאַנטעק מיט די גראָבע וואָנצעס איז אַריינגעקומען מיט אַ באַטריבט פּנים:

— פּראָשע פּאַנונצי — אַזוי ווי ער האָט זי גערופן אין די מיידלשע יאָרן — דער פּאַן זשאָנדצאַ איז זייער קראַנק. צוויי דאָקטוירים האָט מען שוין היינט געברענגט צו פירן פון שטאָט. און די פּאַני שיקט מיך נאָך אייך.

פייגע האָט זיך געוואָרפן פּאַקן די קוישן און קופּערטס. אומזיסט האָט זי זיך באַמיט צו באַהאַלטן איר פריידיקע דערשטוינטקייט. אַלע אירע באַוועגונגען האָבן געטרונקען לחיים מיט די קליידער און קישנס. זי האָט געלאָזט די פינגער זיך אָנשיכורן מיט דעם סודותפולן שעפּטשען פון זייד, געלאָזט זיי זיך אַריינהאָרכן אינם שאָרכן פון דער שטייפער, געקראָכ־מאַלעטער לייוונט און זיך דורכשמועסן מיט די גוטמוטיקע, באַרעדעוודיקע פערקאַלן.

דער אַלטער פורמאַן האָט זיך פון גרויס פאַרלעגנהייט געקראַצט הינטער אַן אויער, מיט אַ דין הוסטל געגעבן אָנצוהערן, אַז די פערד האָבן שוין אויפגעגעסן דעם גאַנצן קלעע און האָבער און אַז ס׳איז שוין צייט אין וועג אַריין. שלמה האָט געוואָלט מיט עפּעס צוהעלפן, אָבער פייגע האָט אים אַ שאַרפע געטאָן מיט אַ וואָרט אַזוי, אַז זיינע הענט זענען ווי אָפּגעבריטע אַוועקגעפאַלן פון קופּערט, וועלכן ער האָט אַפּירגעשלעפּט אינדערמיט שטוב. מער ווי אַלעמאָל האָט זיך פייגע געפּאָרעט אַרום קינד, אַכטונג געגעבן, אַז דאָס קאַפּוזעלע זאָל זיך נישט פּעלבלען אויף דעם קליינעם, מיט בלאָנדן, ווייכן פוך באַהויכטן קאָפּ. דאַן האָט זי זיך אָנגעהויבן איילן, ווי עמיצער וואָלט איר נאָכגעיאָגט. זי האָט די זאַכן צונויפגעקנוילט און בינטלעכווייז זיי אַריינגעוואָרפן אין די קוישן, ווי בעת אַ שרפה. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז דער גורל שפּילט זיך בלויז מיט איר, אין דער לעצטער מינוט וועט „עפּעס" געשען און זי וועט מוזן דאָ בלייבן איר גאַנץ

לעבן אין דעם קליינעם, אָרעמען שטיבל. ערשט ווען זי איז געזעסן אויף דער פור מיטן קינד אויף די הענט און פון הויכן געזעס אַראָפּגעקוקט אויף דעם נידעריקן שטיבל, האָט זי דערפילט מיטאַמאָל די זיכערקייט פון די אַמאָלקע יאָרן און מיט אַ שמייכל געזעגנט איר צופעליקע היים. פון איר גרויסער, צעשטראָלטער פרייד האָט זי אָפּגעצופּט אַ וואָרט, ווי אַ קליין צווייגעלע און עס צוגעוואָרפן שלמהן, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער שוועל און מיט די הענט גערודערט אינדערלופטן, גלייך די פאַרנאַכטיקע דעמערונג וואָלט געווען אַ צעכוואַליעטער ים, דורך וועלכן מען מוז זיך דורכקעמפן צו אַ טרוקענעם ברעג.

— זיי געזונט, שלמה.

דאָס ערשטע מאָל האָט זי אים אָנגערופן ביים נאָמען. ער איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל, לאַנג נאָכגעקוקט דער פור און מיטן איבערחזרן פייגעס ווערטער געפּרואווט זיך אַליין פאַרשטעלן דעם וועג, וועלכער האָט געפירט צו דעם יאַבלעווקער הויף.

— דער טאַטע איז נעבעך זייער, זייער קראַנק.

ערשט אין שטוב, וואו זיינע פיס האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין די צעוואָרפענע זאַכן, איז שלמהן געוואָרן מיטאַמאָל קלאָר, אַז פייגע וועט זיך שוין מער צו אים נישט אומקערן. נישט צו אים און נישט צום גערטל מיט די עטלעכע קליינע ביימלעך, וואָס זייער שאָטן קאָן נאָך דערווייל נישט צודעקן קיין קינדערישן קאָפּ אפילו. פונדעסטוועגן האָט ער אָנגעהויבן צונויפלייגן די זאַכן אין דער אויסגעליידיקטער קימאָד, גלייך פייגע וואָלט זיך געדאַרפט מאָרגן אומקערן אַהיים.

דער געדאַנק, אַז פייגע איז אַוועק אויף שטענדיק האָט זיך אַריינגעשטאָכן אין שלמהס באַוואוסטזיין מיט אַ שאַרפן, כמעט פיזישן ווייטיק. מסתמא האָט ער זיך צופיל צוגעוואוינט צו אָט דער פרעמדער פּריצישער פרוי. בשום אופן האָט שלמה נישט געקאָנט דערגיין, ווען דאָס איז געשען. זיי האָבן דאָך די גאַנצע צייט כמעט צווישן זיך נישט גערעדט. אפשר האָבן אים צוגעבונדן צו פייגען די זומערדיקע אָוונטן, ווען זיי זענען ביידע געזעסן אויף דער שוועל אַנטקעגן נאָענטן וואַלד און שווייגנדיק געלאָזט זיך פירן דורך דער לבנה העט ווייט איבער דער מעזשע פון אַלע מעגלעכקייטן... און אפשר דעמאָלט — שלמה האָט שוין געהאָט אָן דעם פאַרגעסן, נאָר איצט אין דער איינזאַמקייט האָט ער זיך אומגעקערט צו דעם קליינעם פרט, ווי מען קערט זיך אום אין אָן אייגן, וואַרעם ווינקעלע נאָך אַ האַרטן, פּראָסטיקן טאָג. דעמאָלט, ווען ער, זייענדיק זיכער, אַז פייגע שלאָפט, איז צוגעגאַנגען ס'ערשטע מאָל צום וויגל, געקוקט לאַנג אויף דעם קליינעם



נפשל, וועלכעס האָט אַרויסבאַקומען פון אונטער דער וויקל־שנור אַ הענטל און מיט אַ צמאָקעריי געזויגן דעם גראָבן פינגער. זיין האַרטע, צעראַצטע האַנט, האָט אַ שאַר געטאָן איבער דעם צעקנייטשטן פנימל און צערטלעך געגלעט די צעקנייטשטע הויט, גלייך דאָס וואָלט געווען אַ דינטשיק זיידנפּאַפּיר. פּלוצים האָט ער דערפילט עפּעס שטעכעדיקס לענגאויס דער חוט־השדרה, וואָס פרעסט אַרויף דאָס בלוט צום האַלז צו. אויסדרייענדיק זיך האָט ער זיך באַגעגנט מיט פייגעס פאַרחידושטע אויגן. פון אונטער האַלב־פאַרמאַכטע וויעס זענען אירע בליקן נאָכגעגאַנגען אַלע זיינע באַוועגונגען. שלמה, אַ פאַרשעמטער, האָט אָנגעהויבן אַראָפּצוטרייבן פון קינד די פליגן, צו פאַכען אַרום וויגל, גלייך ער וואָלט וועלן אָוועקטרייבן די פליגן, וואָס זענען, אָנגעקלעבט אַרום אויוון אין טונקעלע, געאָמעטרישע פיגורן, שוין לאַנג געשלאָפן.

מיט געוויסקייט וואָלט שלמה נישט געקאָנט זאָגן פון וואַנען עס האָט זיך גענומען דאָס פּריקרע, נאָגנדיקע געפיל אין האַרץ, פאַר וועלכן ער האָט זיך בחינם געמיט צוצוטראַכטן אַ נאָמען. ער האָט דאָך געוואוסט, אַז אַמאָל מוז זיך דאָס אַלץ ענדיקן, ווייל ס'איז גאָר און גאָרנישט נישט צוגעפּאַסט צו זיין דאָליע. איז צוליב וואָס דאָס טראַכטן...

X

פייגע האָט זיך שוין נישט געקאָנט דערוואָרטן זען די היים. זי האָט געפּרואווט אויסצופרעגן דעם פאַרעבעק, אָבער דער ווינט און די רעדער האָבן פאַרטויבט די ווערטער און זיי נישט צוגעלאָזט צום אַלטן פויערס טויבלעכע אויערן. די ברייטע הינטנס פון די פוקסן־רויטע, געפלעגטע פערד, וואָס האָבן געשפּילט מיט מוסקולן אונטער דער זיידנווייכער פעל, האָבן פאַרשטעלט דעם וועג. דעם ריטם פון די פערדישע קאָפּיטעס, וואָס האָבן אַרויסגעוואָרפן פון אונטער זיך שטיקלעך בלאָטע, גרידקעלעך ערד, האָבן זיך אונטערגעגעבן פייגעס געדאַנקען. אין דעם פאַרנאַכטיקן, האַרבסטיקן נעפּל, וועלכער האָט זיך צוגעטשאַיעט ביי דער ערד און דורך וועלכן די פור איז דורכגעשוואומען, ווי דורך אַ קילן, גראָען טייך, האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן אויסגעוויזן אַזוי פּשוט.

דער וועג, ווי אַ גראָבער, ווייסער רעטונגס־שטריק לויפט פאַרויס און וועט זי אַ ליאַדע מינוט פאַראַנקערן צו איר היים. די מאַמע וועט אַרויס מיט פליעסקענדיקע הענט און דער טאַטע וועט אַ מרוטשע טון אין זיין ווייסער באָרד, און זיין פולער קאָרק וועט ווערן נאָך רויטער פון לויטער צופרידנקייט. ערשט ווען מען האָט זיך דערנענטערט צו די לאָנקעס, וואָס

האָבן ווי ברייטע, גרינע טייכן, אַרומגענומען דאָס הויף, און פייגע האָט דערזען צווישן ברוינבלעטערדיקעביימער דעם טשוב פון טאַטנס שטוב, איז זי מיטאַמאָל באַפאַלן אַ מאָדנע מאַטקייט. קיינער האָט זי נישט אָפּגעוואָרט אויף דער שוועל, הגם די פור האָט אָנגעמאַכט אַ גערודער אויף דעם ציגל־אויסגעשיטן הויף. ערשט אין פירהויז האָט זי זיך באַגעגנט מיט דער מאַמען. אָננעמענדיק מיט די הענט דאָס פּנים פון בײדע זייטן, ווי זי וואָלט געוואָלט אַראָפּרייסן פון אים די גאַנצע הויט, האָט זי אַ סיטשע געטאָן אין דער טאָכטערס אויערן:

— דער טאַטע איז נעבעך זייער שלאַף.

אָט די ווערטער, וואָס פייגע האָט אַליין ביי זיך אין דער שטילקייט אויסגעכאַוועט, זענען איצט אַריינגעפאַלן אין אירע אויערן מיט אַן אכזריות־דיקן, טעמפּן ווידערקלאַנג. זי האָט זיי געוואָלט אַראָפּשאָקלען פון זיך, אָבער זיי האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו איר קערפּער און געקראָכן אויף איר, ווי פעטע, עקלדיקע ווערים. פייגע האָט אַלץ נישט געוואָלט פאַרשטיין דעם אמת. די ווילדע שרעק, וועלכע איז זי מיטאַמאָל באַפאַלן, האָט איר געפּרוּווט אונטערצורוקן אַ סיבה, אַזוי ווי מען רוקט אונטער אַ ביין הונט אַ פעטן ביסן.

מסתמא שטייט „ער״ דאָ ערגעץ הינטער אַ טיר און האָרכט אונטער, דער, פאַר וועלכן די דאָזיקע ווערטער זענען באַשטימט. מיט אַ וואָלד־סטעזשקע האָט ער דורכגעשניטן דעם וועג, געוואָלט קומען פאַר איר, זיך איבערצייגן, אויב דעם טאַטנס קרענק איז נישט בלויז אַן אויסרייד. פייגע האָט זיך צוגעבויגן צו דער מוטערס אויער, אַזש די האָר פון דער בראָדעוועקעס האָבן איר אַ שטאָך געטאָן אין פּנים:

— וואו איז „ער״?

— נו, דאָ אין שטוב, כ׳וואָלט מיט עים אַנטלאָפן קיין לעמבערג, צו אַ פּראָפעסאָר, ראַטן נישט די דאָקטוירים. זאָגן, אַז ער וועט נישט קאָנען אויסהאַלטן אַזאַ וועג.

— כ׳מיין דאָך, מאַמע, עים, שלמהן —

פון אומגעריכטער שרעק האָט זיך ביי דער מאַמען אַ ריס געטאָן אַ געדאַנק און געפּלאַצט מיט אַ קורצן שריי, ווי אַ שלעכט פאַרנייטע נאָט.

— וואָס, וואָס טוט זעך מיט דיר, פייגע?

עפּעס האָט פייגע אָנגעהויבן צו באַנעמען. נישט מיטאַמאָל. ווי מיט שווערע טריט איז זי אַרויפגעגאַנגען צו דעם נייעם, אומברחמנותדיקן אמת, וועלכער האָט דאָ די גאַנצע צייט געלויערט אויף איר. אי דעמאָלט, ווען זי האָט זיך געוואָרפן פּאַקן די קופערטס, אי דעמאָלט, ווען זי האָט זיך



אָפּגעזעגנט מיט שלמהן. מער צו זיך, ווי צו דער מאַמען, פאַרקניפּנדיק זיך מיט יעדן וואָרט מיט דער נייער, אַנטפּלעקטער וואָר, האָט זי געמורמלט מיט הילפלאָזע ליפּן:

— דער טאַטע איז טאַקע אויף אַן אמת קראַנק, טאַקע אויף אַן אמת?

עס זענען דאַן אַוועק טעג פון אַ שטילער, מיט גאָרנישט באַגרינדעטער האָפענונג און טעג פון האַנטברעכעניש, ביז מען האָט איינמאָל אינדערפרי דערהערט פון זשאַנדצעס שטוב אַן אָפּגעהאַקטן ווייבערישן קוויטש און דאַן אַ יאָמערלעך געוויין.

די אַלע, וואָס האָבן ר׳ אַלטערן געהאַלטן פאַר אַן עושר און אים געגעבן געלט אויף קרעדיט, האָבן זיך איצט, נאָך זיין טויט, איבערצייגט, ווי ווייט זיי האָבן זיך אָפּגענאַרט.

דער זשאַנדצע האָט געהאַט איבערגענומען אַלע מנהגים פון די פּריצים. ער האָט ליב געהאַט צו רייטן אויף הייסבלוטיקע פערד, גוט צו עסן, צו טרינקען, גיין פיין געקליידט.

ווען מען האָט נאָך אָפּזיצן שבעה געעפנט דעם הויכן קאַסע־קאַסטן, האָט מען אַחוץ אַלטע צייגענישן פון פאַרשידענע גוטבאַזיצערס, וואָס האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דער זשאַנדצע האָט זיי טריי און ערלעך געדינט דורך אַזויפיל און אַזויפיל יאָרן, געפונען בלויז עטלעכע קלאַגעס וועגן אַלימענטן. אין אַ ברוינעם צעקנייטשטן העפט, האָט דער זשאַנדצע געפירט פאַר יעדן קינד זיינעם אַ נישט געזעצלעכע באַזונדערע רובריק. אונטער צוויי פון די דאָזיקע רובריקן זענען געלעגן רויטע, פעסטע שטריכן, ווי שליאַבאַנעס, וואָס פאַרשטעלן דעם ווייטערן וועג. דאָס האָט געזאָלט באַטייטן, אַז די רובריק־אייגנטימער זענען שוין אַלט געוואָרן צו אַכצן יאָר און אַלס ברייטפּלייציקע, געזונטע יונגים, פאַרדינען זיי שוין אַליין אויף זיך. אייגנטלעך האָבן זיי זיך אַליין אויסגעהאַלטן פון זייער אַכטן לעבנסיאָר אָן, און דאָס געלט, וואָס זייערע מאַמעס האָבן יעדן חודש פּינקטלעך איינקאַסירט, איז פאַרוועגדט געוואָרן צו גאָר אַנדערע צוועקן. למשל אויף צונויפלייגן אַ נדן פאַר דער מאַמען, אויף צוצוקויפן אַ שטיקל פעלד, אַ קו, פאַריכטן אַ סטאָדאָלע.

נאָר געלט, אָדער קאַסע־ביכלעך, אַזוי ווי די יורשים האָבן זיך געריכט, האָט מען אין ר׳ אַלטערס קאַסע־קאַסטן נישט געפונען. מלכה האָט זיך געקנייפּט די באַקן און געקלאָגט הויך, אויף אַ קול, אַז נישט דערלעבן זאָל מען אויף דער עלטער אָנצוקומען צו אַ קינד. פונדעסטוועגן, ווען מען האָט געמוזט אויסרוימען דאָס הויז פאַר דעם נייעם זשאַנדצע, און איר עלטסטער זון איז געקומען נעמען די מאַמען צו זיך, האָט מלכה אַליין

צוגעאײלט דאָס אָװעקפאָרן און אַנטלאָפן פון איר אַמאָליקער שטוב, װי פון אַ שרפה.

פון דער מינוט אָן, װען מען האָט צוריק אײנגעפּאַקט אירע זאַכן און זי צוזאַמען מיטן קינד און מיט די קױשן אַרױפגעזעצט אױף אַ געדונגענער פור, איז פײגע אַרומגעגאַנגען װי פאַרשטײנערט. אין אירע אױגן האָט זיך נישט באַװיזן קײן אײן טרער. רואיק האָט זי זיך געזעגנט מיט מוטער און ברידער און געפאָרן צוריק צו שלמהן, װי דאָס װאָלט געװעזן איר אײגנטלעכער, פאַרבאַהאַלטענער װאונטש. מיט דער צײט האָט זי אױפגעהערט צו טראָגן איר היטעלע און אַפילו צום דאַװענען אין די ימים־טובים אָנגעטאָן אַ שװאַרץ אַזשור־שאַליקל. און זינט יענעם טאָג, װען אַ שכנהשע פּױערטע האָט זי צום ערשטן מאָל אָנגערופן אױפן דאָרפישן שטײגער „שלאָמעכע”, האָט זי שױן שטענדיק איר קאָפּ באַהאַלטן אונטער אַ װײס, באַבלימלט טיכל.

פײגעס ברודער, דעם שטאָלצן יאַנציע, װעלכער האָט געהאַט אַ טבע זיך אָנצובלאָזן בײ יעדן װאָרט, װי אַן אינדיק, האָט עס נישט געפּאַסט פאַר מענטשן, אַז זײן שװעסטער זאָל הונגערן צוזאַמען מיט איר קינד. האָט ער זיך אױסגערעדט בײ די שטעטלשע בהמה־סוחרים, אַז נאָר דעמאָלט װעט זײ דאָס „הױף”, אין װעלכן ער איז זשאַנדצע, פאַרקױפן די בראַהע־אָקסן, װען זײן שװאָגער שלמה װעט אױך דערבײ עפּעס פאַרדינען. דער גראָבער זעליק „קלאָץ”, אַ ייד, אַ תקיף, איז אױפגעשפּרונגען פון בענקל און אַ װאָרף געטאָן דאָס היטל צו דער ערד.

— װאָס, עים גײט מען דאָ שטעלן פּאַראַגראַפן, עים אײנגעמען, װי אַ קינד? איז דאַרף מען נישט דעם גאַנצן האַנדל מיטן אַזשעכאָװוקער פּריץ. מ׳עט זעך באַגײן. מוחל.

אָבער די איבעריקע שותפים האָבן געװאונקען צו יאַנציען מיט אײן אױג, צום סימן, אַז אַלץ װעט גײן לױט זײן װאונטש. זעליקס כעס מוז האָבן זײן אױסשטאַנד. טאַקע דעם אַנדערן טאָג איז געקומען צו יאַנציען אַ שליח מיט אַ פאַרשמירט, צעקנײטשט בריװל, אין װעלכן די סוחרים זענען מודיע, אַז מען װעט שלמהן געבן בײ זײ עפּעס אַ פאַרדינסטל. מ׳עט בלױז זען צו װאָס דער שװאָגער טױג. אַזױ װי שלמה האָט צום מסחר נישט געטױגט, האָט מען אים מיטגעשיקט מיט די פּאַרטיעס אָקסן אַלס אױפזעער. אין װעג, װעלכער האָט טײלמאָל געדױערט עטלעכע טעג און נעכט, האָט ער אַכטונג געגעבן די שװערע בהמות זאָלן זיך נישט צופיל אױסשאַקלען, געקױפט פאַר זײ פּאַשע און מיט דער צײט האָט מען שלמהן אָנפאַרטרױט דאָס געלט צו באַצאָלן פאַר די אָקסן.



שלמה האָט גאָר באַלד שלום געמאַכט מיט דעם נײעם אָרט לעבן. ער האָט זיך גיך באַפרײנדעט מיט די אָקסנטרײבערס און אָנגעשטיקעװעט זײן אײגן אָרעם לעבן מיט די דערצײלונגען פון פרעמדע גורלות און די װאונדערלעכע, אױסגעטראַכטע „געשיכטעס”, װאָס די עלטערע טרײבערס האָבן מיטגעטראָגן מיט זיך, װי די טלימקעלעך װעגצערונג. גרײט זײ אױפצובינדן בײ דער ערשטער געלעגנהײט און זיך צו טײלן מיט אַנדערע, װי מיטן לעצטן שטיקל ראַזעװע ברױט. מען האָט געגעכטיקט, װי ס׳איז גראָד אױסגעקומען. ס׳רוב אין פרעמדע שטאַלן צוזאַמען מיט בהמות. דאָס פּאַמעלעכע דזשאַמדזיען פון די קי און דער ריח פון װאַרעמען מיסט האָבן אײנגעשלעפערט דעם מידן גוף. בלױז די אױערן, געװאױנט צו װאַכן, האָבן אױפגענומען דורכן שלאָף דעם מינדסטן קלאַנג פון קײט, דאָס שװערע סאָפּען פון די קאַלביקע קי און דאָס בײזע הירזשען פון אַ פערד, בשעת אַ צװײטס פּרואװט אים אָנצוכאַפּן מיט די צײן פאַר אַן אױער. אין די זומער־חדשים, װען די בהמות האָבן זיך אונטערגעשלאָגן די קלאָען אױף די צעהיצטע שטײנער פון װעג, פלעגט מען אױסקלױבן צום טרײבן די נאַכט.

די רעשטעטע פון הימל האָט נישט אױפגעהערט צו זײען אין דעם טונקעלן מולטער פון דער ערד דאָס װײסע שטערנמעל, פון װעלכן ס׳איז אױפגעגאַנגען און געװירן דאָס מאָדנע ברױט פון אַן אומבאַשטימטער בענקשאַפט, אַ ברױט, װאָס מען קאָן דערפון קײנמאָל נישט װערן זאַט.

אױפן װעג האָט מען זיך געטראָפן מיט אַלע די, װאָס האָבן זײער לעבן נישט פאַרפעסטיקט צװישן פיר געטרײע װענט. ציגײנער, בעטלער, נשרפים, שיכורים, װאָס האָבן פאַרשיכורט זײער לעצט שטיקל פעלד, פּאַקנטרעגער, ס׳רוב אָרעמע יידן, װאָס טראָגן אױף די פּלײצעס אַ גאַנץ „װאַרנהױז”, הענדלער מיט הײליגע בילדער. שלמה האָט זיך אױסגעלערנט אַרױסצו־לײענען פון די באַװעגונגען פון די דאָזיקע מענטשן זײער גורל. יעדעס פרעמדע פּנים איז געװאָרן פאַר אים דער שליסל צו אַ נײער, אומבאַקאַנטער װעלט. דער װידערשײן פון פרעמדער פרײד און טרױער איז געפאַלן אױף שלמהן מיט אַ ליכטיקן פּאַס, אַרױסגעשײלט פון דער גלײכגילטיקער װיסטעניש פון פּנים די אױגן און זײ געמאַכט פרוכטבאַר פאַר אַ נײער זריעה. שלמה האָט אָנגעהױבן צו פאַרשטײן. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז די דאָזיקע צופעליק באַגעגנטע טראָגן אין זיך די גרײטקײט אױפצונעמען אים, פונקט װי ער אַלײן צעעפנט זיך פאַר יעדן נײעם מענטש, חיה אָדער בױם. מוז דאָך זײן אַ געװיסער פּונקט, װאו פרעמדע גורלות קרײצן זיך, פלעכטן זיך צונױף און װאַקסן אַרײן װי װילדפלײש אין מענטשלעכן לעבן. אין שלאָפלאָזע נעכט פלעגט שלמה אָנהױבן זוכן דעם דאָזיקן פּונקט.

די שבתים פלעגט שלמה פאַרברענגען אינדערהיים. פייגע האָט געדונגען אַ פויער צום באַאַרבעטן דעם גאָרטן און דאָס שטיקל פעלד הינטער דער שטוב. נאָר שלמה איז קיינמאָל נישט געווען צופרידן מיט דער אַרבעט פון פרעמדע הענט. צוריקקומענדיק פון דאַוונען אין די שבתדיקע מלבושים, פלעגט זיך שלמה אָפּשטעלן נעבן אַרבעטנדיקן פויער און קיינער וואָלט נישט געקאָנט אָנגעבן, צום ווינציקסטן ער אַליין, ווען די מאָטיקע, אָדער דער אייזערנער גאָפּל האָט זיך פּלוצים געפונען אין שלמהס הענט, אַזוי לאַנג, ביז וואַנען פייגע האָט נישט אַרויסגעשיקט דאָס עלטסטע קינד אים רופן צום עסן.

דאָס קועלע, וואָס שלמה האָט אַריינגעשטעלט אין שטאַל, איז געווען פון דעם סאָרט בהמות, וועלכע מען פירט אַרויס אויף מאַרק־טעג ערב־ווינטער. קליין, דאַר, מיט אַן אָפּגעבראָכענעם האָרן, האָט עס דערמאָנט אָן מענטשן, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין קינדהייט נישט געהאַט. זי האָט נישט געהאַט קיין שום קאַפּריזן, נישט געווען קיין מפונק אויף עסן. ביים מעלקן איז די קו געשטאַנען רואיק און אַריינגעהאָרכט אין איר אייגענעם, געדולדיקן לייב. דאָס מעלקן איז געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע געשעענישן. דריי מאָל אין טאָג פלעגט שלמה מיט אַ קוואָרט מעסטן אויף וויפל ס'איז געשטיגן דער ווייסער, שוימיקער באַוויז פון דער קוס דאַנק־באַרקייט פאַר דעם צערטלעכן פאַרנעמען זיך מיט איר. אין די זומערדיקע, שבתדיקע נאָכמיטאָגס האָט שלמה גענומען די קו אויפן שטריקל און זיך געלאָזט מיט איר אויסצוגעפינען די פעטסטע גרעזער אין דער טיפער דעברע, אָדער הינטערן וואַלד. און ווען די קו האָט טיילמאָל עטלעכע ציפּ געגעבן פון אַ פרעמדער, געדיכטבאַוואַקסענער מעזשע, פלעגט שלמה דעמאָלט צומאַכן ביידע אויגן. צוליב דער קו איז ער גרייט געווען אויף זיך צו נעמען די דאָזיקע עבירה. איינמאָל, ווען די קו האָט זיך פאַרקילט און מיט איר הוסט אויפגעריסן די לופט אַרום זיך, האָט זיך שלמה אויסגעבעט אין שטאַל און דאָרט געבליבן נעכטיקן.

## XI

ווי זי וואָלט די גאַנצע ליבע, אומגעדולדע, שרעק אויסגעשעפּט ביים ערשטן קינד, האָט פייגע געבוירן די איבעריקע קינדער מיט דער גלייכ־גילטיקייט פון אַ מאַשין. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַפילו איר קערפּער וויל נישט אָנטייל נעמען אין דעם דאָזיקן ענין און די ערשטע עטלעכע טעג נאָך דעם געבוירן האָבן אירע ברוסטוואָרצלען אַרויסגעלאָזט אָנשטאָט מילך אַ ברוינלעך־וואַסערדיקע פליסיקייט, און שכנטעס־זייגערינס האָבן זיך



געמוזט מרחם זיין איבער דעם קליינעם נפשל. טיילמאָל פלעגט זיך פייגע אויפכאַפּן ווי פון אַ שווערן חלום. זי האָט אָנגעהויבן צו רוימען, וואַשן, פוצן אַלץ, וואָס איז געקומען אונטער די הענט. דאַן האָט זי לאַנג געקוקט אינם פנימל פון איר עלטסטן קינד, ווי זי וואָלט עס צום ערשטן מאָל דערזען. און אַז די ברייטע, פולע ליפּן האָבן זיך אונטער איר בליק צעעפנט אין אַ חניפהדיקן שמייכל, האָט פייגע מיטאַמאָל אַוועקגעשליידערט פון זיך דאָס פאַרחידושטע קינד און זיך אויף אַ גאַנצן טאָג פאַרמאַכט אין קאַמער. ווען ס'האָט נישט געקאָנט אַרויסנאַרן די מאַמען פון קאַמער נישט דאָס יאָמערלעכע וויינען און נישט דאָס פויקן מיט די פויסטן אין דער טיר, האָט בוני, דער עלטסטער, אָנגעהויבן צו באַאַרבעטן מיט די הענט כאַנציען, דאַן אַרויסגעוואָרפן פון וויג דעם קליינעם נאָטאַלען, און ווי אַ קעצל אונטערגעוואָרפן אונטער דער שוועל.

די קינדער האָבן מורא געהאַט פאַרן עלטסטן ברודערל און פלעגן ביי זיין דערנענטערן אויפפלאַטערן אין שרעק, ווי אַ טשערעדע יונגע הינדלעך, בעת זיי פילן איבער זיך דעם יאַסטרוב. איינמאָל האָט פייגע אָנגעטאָן בונין זיין נייעם אָנצוג מיטן מאַרינאַרסקע קראַגן און געפאָרן מיט אים אין שטאָט אַריין. ווייזט אויס, אַז אין די געוועלבער, וואו זי פלעגט אַריינקומען מיט איר מוטער, האָט מען פייגען דערקענט, ווייל פלוצים האָבן זיך באַוויזן אויף די ליידיקע, פאַרלאָזטע שוועלן און פאָטשינעס מיידלעך, ווייבלעך מיט קינדער, און פון צייט צו צייט האָט זיך אויך צווישן דעם געזעמל אַריינגעמישט אַ מענערישער קאָפּ. אַ פאַר־חידושטער, פאָרשנדיקער בליק, דאַן אַ פאַרזאָרגטער שאָקל מיט די לאַנגע פאות און דער מענערישער קאָפּ איז פאַרשוואונדן אין דער געדיכטער טונקלקייט פון געוועלב, פונקט ווי אומגעריכט ער האָט זיך באַוויזן. אַ שושקעריי איז דורכגעלאָפן צווישן די מענטשן, ווי אַ ווינט צווישן ביימער. פייגע איז אומישנע געגאַנגען פאַמעלעך, זיך געלאָזט צייט. זאָלן זיי זי גוט אָנקוקן, דעם זשאָנדצעס טאָכטער. דאָס שוואַרצע, זיידענע שאַנזשירטע אויסשטייער־קלייד האָט גערוישט מיט אַלע פעלבעלעך, אָנטקעגנגעשטעלט דער זון וואָס־אַמאָל אַן אַנדערן קנייטש, ווי ס'וואָלט זיך געוואָלט אָפּנעמען זיין חלק פאַר די גאַנצע זעקס יאָר, וואָס עס איז געהאָנגען אין דער שאַפע. ענדלעך האָבן זיך די ווייבער געכאַפּט, אַז דאָ גייט נישט בלויז שלמה „גוי"ס ווייב, נאָר אויך גלייכצייטיק אַ קונה, ביי וועלכן מען קאָן עפּעס לייזן, האָבן זיי אָנגעהויבן נאָכצושרייען פייגען, ווי די דאָרפישע לערערינס און „פאַפּאַדיאַנקעס"*): „פאַנונציו, פראָשע פאַזוואָליץ!"

*) גלחישע פרויען.

נאָר פייגע האָט זיך נישט אומגעקוקט אין זייער זייט. זי איז אַריינגעגאַנגען אין דעם קליינעם ביידל, וואו ס׳איז געזעסן, צווישן עטלעכע סלאָיקלעך מיט ביליקע, פּויערישע צוקערלעך, די דאַרע, לאָמע טשאַרנע. דער ערשטער אָנזאָג, אַז דער היינטיקער שפּאַציר וועט זיך נישט ענדיקן אַזוי גלאַט, איז געקומען ווי אַ סיגנאַל פון אַ נאָענטן שטורם און טאַקע אין טשאַרנעס געוועלבל. בעת פייגע האָט געצאָלט, האָט בוני אַרויסגעשלעפּט פון אַ סלאָי לאַנגע צוקערלעך און נאָגנדיק זיי, אויסגעשמירט מיט רויטער און געלער פאַרב דאָס פּנים, דעם נייעם אָנצוג און די הענט.

דערזעענדיק דאָס אויסגעשמירטע קינד, האָט די קליינע טשאַרנע אָנגעהויבן צו שמייכלען:

— אַי, אַ נאַשער וואַקסטו דאָס, בחור מיינער.

פייגע האָט אָנגענומען בונין ביי דער האַנט און אים געשלעפּט צום פּלומפּ אינמיטן מאַרק. בוני האָט נישט געקאָנט מיט זיינע קליינע, צו שיך און שטיינער נישט צוגעקוואוינטע פיס, האַלטן שריט מיט דער מאַמען. די פיסלעך האָבן זיך אָנגעהויבן פּלאָנטערן איינס אָן צווייטן, און בוני איז פּלוצים געבליבן ליגן אין שטויב און פערדסקויט פון מאַרק. בעת די מאַמע האָט אים אָפּגעשטויבט און בוני האָט מיט טרערן נאָכמער צעשמירט די פאַרב אויפן פּנים, האָט ער דערפילט ווי דער מאַמעס האַנט פּרעסט צונויף זיין האַנטגעלענק, ווי אָן אייזערנע שרויף, און אירע פינגער גראָבן זיך אַריין אין זיין פלייש. בוני האָט אַ געשריי געטאָן און געוואָלט אַרויסרייסן זיין הענטל, אָבער דער מאַמעס האַנט האָט געהאַלטן ווי אַ צוואַנג. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן. פון אַנטקעגנאיבערדיקן געסל איז אָנגעקומען מיט געלאַסענע שריט עפּעס אַן אויסגעפּוצטער פּריץ. אַ גרינער הוט האָט פאַרשאָטנט דעם שטערן און פרייגעלאָזט אַ ווייס זאַמערשפּראָסיק פּנים מיט ברייטע, תאוותדיקע ליפּן, וואָס די רויטלעכע, קורצגעשוירענע וואָנצעס האָבן נאָכמער אַנטבלויזט. דערזעענדיק פייגען מיטן פאַרוויינטן קינד, האָט דער דאָזיקער הער אַ קורצן פייף געטאָן און אויסדרייענדיג זיך אויף איין פוס, פאַרשוואונדן אין שמאָלן זייטנגעסל. ווען דער הער איז פאַרשוואונדן פון זייערע אויגן, האָט די מאַמע אַליין פון זיך נאָכגעלאָזט בוניס הענטל. בוני האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן אויף די בלוט־אָנגעלאָפענע פינגער, ווי ער וואָלט זיי אָפּגעבריט, און ערשט דעמאָלט האָט ער דערזען דער מאַמעס טויטנבלאַס פּנים און אירע ווילדע, אָנגעצונדענע אויגן. די מאַמע איז מיטאַמאָל געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ פרעמדן מענטש, מיט יעדער מינוט האָט זי זיך אָפּגערוקט אין אומבאַקאַנטע ווייטקייטן, נאָך אַ רגע און די מאַמע וועט אינגאַנצן פאַרשווינדן ווערן.



דאַרף מען איר נאָכיאָגן מיט געוויין, מיט געשריי. זאָל זי זיך צוריק אומקערן. „מאַ—אַ—אַמע!!״

דער ווילדער אויסגעשריי האָט פייגען דערמונטערט. זי האָט אַ שאַר געטאָן מיט די הענט איבער דעם שאַנזשאַן־קלייד און פאַרטריבן פון דאָרט די ערשטע אָונטשאַטנס, וועלכע, זוכנדיק אַ געלעגער, האָבן זיך איינגעטוליעט אין די פאַלדן און אָפּגעמעקט פון זיי די שעמעוודיקע זוניקייט. מיט אַ חיהשן אינסטינקט האָט דאָס קינד אַרויסגעפילט, אַז איצט דאַרף מען שווייגן. האָט עס געשוויגן און נאָכגעגאַנגען טריט־פיס נאָך דער מאַמען צו דער פור, ווי אַ קליין קעצל, ווען ס׳האָט מורא מען זאָל עס נישט איבערלאָזן אַליין אינמיטן פעלד. מיד פון פרעמדע מענטשן, גרויסע הייזער, פון וועג און דער שרעק, איז בוני אויף דער פור באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. אינדערהיים האָט מען אים אַריינגעטראָגן אין שטוב, ווי אַ זעקל תבואה.

די אייגענע פיר ווענט האָבן פייגען צוריקגעגעבן דאָס געפיל פון זיכערקייט, וואָס ס׳האָט מיט זיך מיטגענומען דער וואוילינגערישער פייף אין קליינעם שטעטישן זייטנגעסל, יענער פייף, וואָס האָט זי איבערגעלאָזט אויף הפקר פאַר די מענטשלעכע, נייגעריקע בליקן. שלמה איז געזעסן נעבן דער וויג, וואו ס׳האָט געהאַלטן אין אַנטשלאָפן ווערן דאָס ייִנגסטע קינד און זיין גוף האָט זיך נאָכגעגעבן דעם ריטם פון דער וויג, ווי ער וואָלט געווען צוגעבונדן צו איר מיט אַן אומזיכטבאַרן שטריק. דער גאַנצער כעס פאַר איר נישט געראָטענער שטאָט־רייזע און בכלל פאַר איר גאַנץ נישט געלונגען לעבן האָט זיך איצט געעפנט ווי אַ צייטיק געשוויר און זיך אַ גאָס געטאָן איבער שלמהס קאָפּ מיט יאַטרעדיקע ווערטער.

— פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט, אַז דער טראַפּיקאַנטקעס בן־יחיד איז שוין דאָ צוריק אינדערהיים?

נאָר אײדער שלמה, אַ פאַרחידושטער פון פייגעס נישט געוואוינטער באַרעדעוודיקייט, האָט געהאַט צייט צו ענטפערן, זענען שוין ווייטער געפלויגן צו אים ווערטער, ווי שפּיציקע שטיינדלעך און געצילט אין סאַמע מיטן האַרץ: „ער האָט זעך אַפילו נישט געוואָלט אומקוקן אין מיין זייט. אַ סך האָט נישט געפעלט, וואָלט עך עים אַ שליידער געטאָן זיין בענקערט צו די פיס, זאָל ער עים אַליין האָדעווען. איצט ווייסטו שוין וואו דו שטייסט אַין, אַ יאָ? און איצט נעם דעם בענקערט זיינעם און פיר עים אָפּ צו זיין טאַטן. מסתמא שטייט ער אין שידוכים אויך. טאָקע אָט די רגע פיר עים אָפּ, לאָמעך נישט קוקן אויף דעם רויטן ממזר״.

זי איז צוגעלאָפֿן צום שלאָפֿנדיקן קינד און עס אָנגעהויבן צו רייסן ביי די אָרעמס. דאָס פֿאַרשלאָפֿענע קינד האָט זיך נישט געקאָנט אויפֿוועקן, עס האָט געשלאָגן מיט הענט און פֿיס, ווי ס׳וואָלט זיך געווערט פֿאַר אַ כמאַרע בייזע פֿליגן. שלמה האָט אָנגענומען פֿייגען ביי דער האַנט:

— לאָז אָפּ ס׳קינד, וואָס ווילסטו פֿון עים?

שלמהס קול איז אַרויסגעקומען האַלב־דערשטיקט פֿון איינגעהאַלטענעם צאָרן. פֿייגע, וואָס האָט זיך נישט גערעכנט אויף אַזאַ ענטפֿער, איז אָפּגעטרעטן פֿון קינדס געלעגער.

— אַז ער האָט אָנגעטראָפֿן אַזאַ טיפּש. דיר קאָן מען דאָך אָנמאַכן אויפֿן קאָפּ און — גאָרנישט.

זי איז געבליבן זיצן אויף אַ בענקל שטאַר, מיט שלאַף אַראָפּגעלאָזענע הענט, ווי מ׳יט די ווערטער וואָלט אויסגערונען פֿון איר דאָס גאַנצע לעבן.

פֿון יענעם אָוונט פֿלעגט שלמה שטענדיק זוכן אַ געלעגנהייט, ווי צו פּאַקן בונין אין אַן אָפּגעזונדערט ווינקל. ער האָט אַרומגעטראָגן פֿאַר זיינעטוועגן אין די קעשענעס שטיקלעך שפּאַגאַט, צוועקלעך, רויטגע־פֿאַרבטע צוקערלעך:

— נאַ, בוני, נאָר אַנטלויף דערמיט, די מאַמע זאָל נישט זען.

און אַרום די שפּאַגאַטענע שטריקלעך האָט זיך אַרומגעוויקלט אַ נייער סאָרט ליבע צווישן דעם לאַנגן שלמהן מיטן קליינעם בוניעלע.

## XII

איינמאָל איז שלמה געקומען אַהיים אומגעריכט, אינמיטן דער וואָך, בלאַס און צעטראָגן. ער רעדט צו קיינעם נישט. נאָר דער לעפֿל שווימט אַרום איבער זיין טעלער בולבע־גריץ, ווי די וועסלע פֿון אַ צעבראָכענעם שיפֿל. קאָן בשום־אופֿן נישט צושלאָגן צום ברעג פֿון בלעכערנעם טעלער. פֿייגע פֿרעגט נישט. זי וויל נישט מיט פֿראַגן צובינדן איר לעבן צו שלמהן. אַזוי קאָן זי נאָך אַליין פֿאַר זיך שפּילן אַ קאָמעדיע. אַז דאָס אַלץ גייט זי גאָרנישט נישט אָן. אַז זי איז דאָ בלויז אויף דערווייל. אַ גאַסט.

אָבער דער מראַק פֿון אומגעוויסקייט האָט זיך צעטיילט נאָך פֿריער, ווי פֿייגע האָט זיך גערעכנט. אויף צומאָרגנס זענען געקומען צו פֿאָרן מיט אַ געלער, פֿריצישער בריטשקע די צוויי גרעסטע בהמה־סוחרים פֿון שטאָט, זעליק „קלאָץ“ און פֿייוול „באָק“. זייערע אַפּירגעקוואָלענע קאָרקעס האָבן אַריינגעטראָגן אין שלמהס נידעריקער שטוב פֿלאַמיק־גליענדיקן צאָרן. פֿייגע איז געבליבן אינדרויסן, נאָר זי האָט אַלץ געהערט דורך דעם אָפֿענעם פֿענצטער. די ווערטער פֿון די סוחרים קודם גלאַטיקע און איינגעהאַלטענע,



נאָר ס׳האָט שוין אין זיי געברומט דער אָנזאָג פֿון אַ נאָענט געוויטער. שלמהס קול איז נישט דרייסט, עס באַטאַפּט, ווי אַ בלינדס, דעם שמאָלן שטח, אין וועלכן ס׳האָבן עס אַריינגעטריבן די אָנגעדראָלענע שטימען פֿון די צוויי סוחרים.

— שלמה, גיב אָפּ באַצייטנס ס׳געלט וואָס האָסט באַהאַלטן.

— מע זאָגט דיר מיט גוטן.

— ווי לאַנג ס׳איז נאָך צייט.

— נאָר צוליב דייַן שוואָגער יאַנציען וועט מען מאַכן אַ שוואָג.

— בעני־מונעס, כ׳האָב עס נישט.

די עטלעכע פּראָסטע ווערטער האָבן זיך ווי שווערע שטיינער אַראָפּ־געקוילערט פֿון שלמהס ליפּן און אַריינגעפּליוסקעט אין אַ טיפֿן טייך פֿון געלעכטער, פֿון וועלכן ס׳האָט אויפֿגעשפּריצט מיט אַ קייכענדיקן כאַ, כאַ, כאַ.

— כאַ, כאַ, כאַ! קוק עים נאָר אָן, דעם איוואַנעץ. מיט מיר גייט ער זעך שפּילן. דאַרפֿסט אויפֿשטיין אַביסל פֿריער, זאָלסט קאָנען אָפּנאַרן אַ שטאָטסמאַן. קום, פֿייוול, מ׳עט עים שוין אָנלערנען, ווייזן, וואָס אין פּסוק שטייט.

אַ טראַסק מיט דער טיר האָט פֿאַרענדיקט דעם שמועס.

נאָר מיט דעם האָט זיך עס נישט געענדיקט. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט דער שופֿט געבראַנגט שלמהן צום אונטערשרייבן אַן אַמטלעך פּאַפּיר און אין אַ פֿאַראויסבאַשטימטן טאָג האָט שלמה געמוזט אויפֿשטיין מיטן האָנקריי, כדי נישט צו פֿאַרשפּעטיקן אין געריכט. אין אַ לאַנגן, האַלבטונקעלן קאָרידאָר זענען טיילווייז געזעסן אָדער געשטאַנען פּויערן און פּויערטעס פֿון די אַרומיקע דערפֿער. אין אַ ווינקל האָבן זיך געסודעט עטלעכע שטעטלשע מעל־סוחרים. איין פּויערטע, וועלכע איז דאָס ערשטע מאָל געווען אין געריכט, האָט זיך אומגעקוקט מיט דערשראָקענע אויגן. יעדעס מאָל, ווען ס׳האָט זיך אויפֿגעמאַכט אַ טיר, און ס׳איז אַרויסגעלאָפֿן מיט אַ שטויס פּאַפּירן דער וואָזשנע, אָדער אַ פּראַקטיקאַנט, האָט זיך די פּויערטע אויפֿגעהויבן און נאָכלויפֿנדיק אים, זיך געכאַפּט קושן די האַנט. אָט די אַלע מענטשן, אונטערטעניק זייער גאַנץ לעבן די געזעצן פֿון דער נאַטור, זענען איצט, פֿילנדיק אונטער די פֿיס אַנשטאָט ערד, קאַלטע געקעסטלטע שטיינער, געוואָרן ביי זיך קליין און הילפֿסבאַדערפֿטיק.

די, וואָס האָבן אין היימישן דאָרף געשיט מיט עצות, זענען איצט געשטאַנען ווי אַ סטאַדע שעפּסן און זיך הכנעהדיק צוגעהערט צו יעדן פֿרעמדן וואָרט. אין אַלעמענס אויגן האָט זיך אויסבאַהאַלטן חשד צו די פֿאַרשידענע פּאַראַגראַפֿן, וואָס זענען קאַפּריזנע, ווי מערץ־וועטער, און

מיט ווענמענס הילף עס וויקלען די „גרויסע הערן״ אַזוי אַרום דעם מענטש, אַז מען ווייסט נישט ווי אויס ווי איין, און דער אמת גייט דאָ מיטן קאָפּ אַראָפּ. ווען שלמה איז צוגעקומען, האָבן אים אַלע, שעפּטשענדיק, גלייך אַ קינד וואָלט געהאַלטן אין אַנטשלאָפן ווערן, אָנגעהויבן אויסצופרעגן, וואָס פאַר אַ „ספּראַווע״ ברענגט עס אים אַהער. די בהמה־סוחרים זענען אַריינגעקומען, ווי צו זיך אין שטוב, זיך צעלייגט אויף אַ באַנק, און מיט די אויסגעשטרעקטע פיס פאַרנומען אַ האַלבן קאָרידאָר.

— אַז מען שמירט פאָרט מען — האָט זיך צעלאַכט דער גראָבער זעליק, דרייענדיק אַ ציגאַר און געמיינט האָט ער דאָס הינטער־חלק פון פעטן קעלבל, וואָס ער האָט נעכטן געשיקט דעם סענדזעס ווייב.

אַ קליין פאַרשווינדל מיט בלאָנדע, שיטערע האָר און גראָע, שטע־כעדיקע אויגן, וואָס איז געזעסן אויבנאָן פון ריכטער־טיש, האָט קודם אויסגעפרעגט די עדות, און וואו מען האָט געדאַרפט, אונטערגעזאָגט זיי אַ וואָרט:

— אַ יאָ, אַזוי איז עס געווען?

די פויערן, צעחושטע פון דעם שוואַרצן קרוציפיקס און די האַרטע אויגן פון ריכטער, האָבן געענטפערט אויף אַלע פראַגן אַזוי, ווי דער אַדוואָקאַט פון די בהמה־סוחרים האָט עס פאַרלאַנגט.

שלמה האָט אַלץ געטענהט איינס און דאָסזעלבע. ער האָט דאָס געלט נישט צוגענומען. פאַרלוירן אויך נישט, ווייל ער האָט עס שטענדיק געטראָגן פאַרבייט אין אַ גאַרטל אַרום בויך. און דער גאַרטל איז דאָ. אפשר האָט אים ווער דאָס געלט אַרויסגענומען, בעת ער איז געשלאָפן? ער איז חלילה קיינעם נישט חושד, אָבער מען וואָלט געדאַרפט אַ פרעג טאָן ביי די אַקסנטרייבערס. זיי זענען מיט אים צוזאַמען געשלאָפן אין שטאַל. צווישן זיי איז געווען איינער אַ נייער, וועלכן מען האָט ערשט געהאַט געדונגען.

דער ריכטער האָט אַן אומגעדולדיק־נערוועזן ציטער געטאָן מיט איין ברעם. דאָס האָט תיכף באַמערקט זעליק, און אַ געשריי געטאָן צו שלמהן:

— וואָס מוטשעסטו אומזיסט דעם פאַן „ראַדצע״ מיט דיין רעדן! דאָס געלט וועט אַרויסשווימען ווי בוימל אויפן וואַסער, זאָל מען נאָר מאַכן אַן עקזעקוציאָלע.

עס איז אָבער נישט אַרויסגעשוואומען נישט דעמאָלט, ווען דער זשאַנדאַר האָט שלמהן אָפּגעפירט אויף צוויי וואָכן אין דער שטעטלשער תפיסה און נישט דעמאָלט, ווען מען האָט שלמהס שטוב מיטן שטיקל פעלד געלאָזט אויף ליציטאַציע. ערשט אין אַ יאָר אַרום, ווען איינער פון די אַקסנטרייבערס, יולקע דער בלינדער, האָט זיך געקויפט צוויי יאָך



פעלד און אָנגעהויבן צו שטעלן אַ נייע שטוב, איז אַלעמען קלאָר געוואָרן דער צוזאַמענהאַנג מיטן פאַרפאַלענעם געלט.

די צוויי בהמה־סוחרים האָבן אונטערגעשטעלט אַ קויפער, זייערס אַ קרוב, און אַזוי ווי די מענטשן פון דאָרף האָבן אין טאָג פון ליציטאַציע אויסגעמיטן אַפילו דעם וועג, וואָס פירט צו שלמהס שטוב, האָט דער דאָזיקער קרוב אָפּגעקויפט אַלץ פאַר אַ שיבוש. דאַן האָבן די נייע באַלעבאַטים אויפגעהאַנגען אויף דער טיר אַ שלעסל און קאַקנדיק מיט דער בייטש אַוועקגעפאָרן צוריק אין שטאָט אַריין. אויף דער פאָדווירע זענען געלעגן אויף איין הויפן די אַרויסגעוואָרפענע שטובזאַכן. אַן די פיר באַגרענעצנדיקע ווענט און אָן דער מענטשלעכער פירזאָרגלעכקייט האָט אַלץ אָנגעוואוירן זיין אייגנטלעכן זין. די בעטן האָבן אויסגעזען, ווי ברוינע קאָטשן, צו וועלכע מען וועט אַ ליאַדע מינוט צושפּאַנען די פערד. דער טיש איז געשטאַנען, ווי אַ בהמה ביים פאַסן אויף צעשפּרייטע פיס, און דאָס בעטגעוואַנט האָט מיט אַן אומנויטיקער וואָרעמקייט אַרומגענומען די ערד. די וויג האָט געוויגט עטלעכע ליידיקע, פאַריסטע טעפּ. ווען נישט דאָס, וואָס יאַקים, דער שכן, האָט זיי אַריינגענומען אין סטאָדאָלע, וואָלט שלמה געווען מיט ווייב און קינדער געגעכטיקט אינדרויסן.

נאָך צוויי וואָכן זיצן אין תפיסה איז שלמה צוריקגעקומען אַהיים אין אַ רעגנדיקן פאַרנאַכט. פייגען מיט די קינדער האָט ער געטראָפן אין אַן אַלטער האַלב־חרובער שטוב. אין גאַנצן דאָרף איז בלויז די איינע שטוב אַחוץ שלמהס אייגענער, געשטאַנען ליידיק. פעדקע, דעם קאָוואַלס איידעם, וועלכער האָט זיך איצט אויפגעבויט אַ נייע שטוב, אונטער בלעך, אינמיטן דאָרף, לעבן קלויסטער און שקאָלע, האָט געוואַרט, ביז ס׳וועט זיך מאַכן אַ ביסל פרייע צייט, כדי צו צענעמען די אַלטע חרובע געביידע אויף האָלץ צום הייצן. נאָר אַז ס׳האָט זיך געטראָפן אַ קונה, האָט ער זי דערווייל פאַרדונגען.

דער ערשטער, וואָס איז געקומען באַגריסן שלמהן נאָך זיין צוויי־וואָכיקער אָפּוועזנהייט, איז געווען יאַקים. ער האָט זיך געזעצט אַנטקעגן שלמהן, און זיינע גראָע אויגן האָבן זיך צעשפּילט מיט אַ שמייכל.

— האָסט זיך עפּעס דאָס מאָל לענגער ווי תמיד געזוימט אין שטאָט?

— יאָ, באַלד אַ חודש צייט.

— נו, און ווי איז דאָרטען עפּעס? איז דיר וואויל באַקומען די אַרעשטאַנטסקע קעסט?

שלמה האָט אַ שפּיי געטאָן אָן אַ זייט:

— טפו, ווען זיי האַלטן דאָס אין זייערע קרימינאַלן, סאַמע גנבה זיצט דאָרטן.

יאָקים האָט געוואָרט עטלעכע מינוט אויף דעם, וואָס שלמה האָט צו דערציילן, אָבער אַזוי ווי שלמה האָט שוין וועגן דעם מער קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, האָט דער פויער אַרויסגעשלעפּט פון אַ לעדערן בײַטעלע טיטון און אָנגעהויבן צו שטאָפּן די פּייקע.

— כ׳בין אויך אין דער צייט געווען אַ צוויי מאָל אין שטאָט.

— עפּעס געקויפט?

— נ—ניין. כ׳האָב מיר בלויז אָנגעקוקט זעליק קצבס ניי הויז.

— צו וואָס גייסטו אָנקוקן פרעמדע הייזער, יאָקים? ביסט אויף דער עלטער געוואָרן אַ נישט־פאַרגינער?

— זעסט, שלאָמע, כ׳האָב מיר געוואָלט אין זכרון אַרייננעמען, ווי אַזוי עס זעט אויס די קאַמעניצע פון אַזאַ גרויסן פריץ, וועלכער טרייבט אַרויס מענטשן, ווי הינט אויף דער גאַס. און כ׳האָב טאַקע זייער גלייך געטאָן, ווייל איצט איז שוין פון הויז אַפילו קיין זכר נישט געבליבן.

— וואָס הייסט?

— פיו, אַוועק מיטן רויך. און נאָך נישט געווען אַסעקורירט.

— ווער האָט עס געטאָן?

— טיאַ, ביי דער האַנט האָט מען קיינעם נישט געכאַפּט. — דער צופרידענער שמייכל האָט זיך פון יאָקימס אויגן אַראָפּגעלאָזט מיט צוויי שמאָלע ריטשקעלעך צו די וואָנצעס. — אַז וועסט האָבן אַביסל צייט, קום אַריין צו מיר. כ׳מוז שוין גיין. די „באָבע״ מיינע וועט רודערן, אַז די וועטשערע ווערט איר קאַלט.

שלמה האָט איצט צוריק אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף די הויפּישע פעלדער. ער פלעגט אויפשטיין פאַרטאָג און געקומען אַהיים איז ער נאָך זונפאַרגיין. די הויט אויף נאַקן און פּנים איז צעטראַסקעט געוואָרן פון דער היץ, האַרטע מאָזאָליעס האָבן פרעמד געמאַכט די הענט דעם אייגענעם לייב. נאָר די אויגן האָבן איצט אָנגעהויבן צו קוקן שאַרפער, ווי זיי וואָלטן געמאָנט ביי דער וועלט זייער חלק. די פויערן, וועלכע האָבן בהדרגה פאַרדרייט זיין דייטשן צונאָמען נוסדאָרף אויף אַ מער פאַרשטענדלעכן, זענען גראָד אין דער צייט צוגעקומען צו „נוזשדע״*), און דערביי שוין געבליבן. דער דאָזיקער צונאָמען האָט מאָדנע גוט געפּאַסט צו דעם הויכן, מאָגערן ייד און געמאַכט פאַרשטענדלעכער זיין אייביקע אָרעמקייט. אַפילו זיינע אייגענע קינדער האָבן אים נישט גערופן אַנדערש. אַז אַ פאַרבייגייענדיקער ייד פלעגט זיך אָפּשטעלן לעבן זייער שטוב און אַ

*) אוקראַיניש „נוזשדאַ״: אָרעמקייט, דלות.



פרעג טאָן: — וועמעס ביסטו, ייִנגעלע? איז דער ענטפער געווען: — נוזשדעס.

פייגעס באַוועגונגען זענען געוואָרן שווער און טאַפּנדיק, ווי זי וואָלט זיך געמוזט אויפסניי צוגעוווינען צו יעדער זאַך באַזונדער. זי האָט מיט קיין איין וואָרט נישט באַרואיקט די וויינענדיקע, הונגעריקע קינדער, ווי ס׳וואָלט פון איר קול אַרויסגערונען יעדע צערטלעכקייט. אין טיכל אויפן קאָפּ האָט זי זיך כמעט נישט אונטערשיידט פון די אָרומיקע פויערטעס. מיט גלייכגילטיקע באַוועגונגען האָט זי געמאָסטן די לייוונט און די פאַרביקע פערקאַלן פון דער קראָם, וואָס איר ברודער האָט איר איינגעריכטעט אין איין ווינקל פון דער שטוב, כדי מענטשן זאָלן אים נישט באַרעדן, אַז ער קוקט זיך נישט אום אויף זיין שוועסטער.

איוואַשע דער אלמנהס וועלכער איז נאָך לאַנגע יאָרן אָפּוועזנהייט צוריקגעקומען אומגעריכט, איז דעם ווינטער געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער ביי שלמהן אין שטוב. שלמהן האָט ער זעלטן ווען געטראָפן אינדערהיים. דערפאַר האָט ער פאַר פייגען און פאַר די קינדער אויפגעוויקלט ווייטע לענדער, ווי פאַרביקע לעגטעס. ווי אַזוי מענטשן לעבן עס אין די ווייטע מדינות. און געלט קאָן מען דאָרט אָנשאַרן מיט לאָפּאַטעס. נאָר אַ קאָפּ מוז מען האָבן. און פאַר איר, דער פאַניענקע פון הויף, איז דאָ אוודאי נישט דער פּלאַץ, צווישן סאָמע פויערן. אַ, מען דאַרף צורעדן שלמהן, ער זאָל וואָס־גיכער פון דאַנען אַוועק. ער אַליין אַ שטייגער — האָט ער דען אַ שייכות צו די „כאַמעס״? קומען קומט ער אַריין צו די פיינסטע לייט, גראַפן, גוטבאַזיצערס, בכלל צו מענטשן מיט גוטע מאַנירן. ער איז אַריבערגעגאַנגען אויף רוימיש־קאַטויליש, כדי זיך נישט מוזן צונויפטרעפן אין צערקווע מיט דעם פינצטערן המון. איצט דאַוונט ער אין קאָשטשאָל, וואו ס׳קומען זיך צונויף בעסערע לייט.

און שלמה קלערט ביי זיך וועגן איוואַשען. תמיד האָט ער געוואָלט זיין עפּעס בעסערס פון אַנדערע. קיין קי האָט ער נישט געוואָלט פּאַשען. בעת ער האָט נאָך געקערט די פּאָדווירע פון דער שולע און באַדינט די לערערין, איז ער שוין דעמאָלט געוואָרן אַ שטילער שותף צו דער לערערינס יעדן אויפטו. נישט אַנדערש גערעדט, ווי „מיר״. אַ שטייגער: היינט האָבן מיר געהאַט דעם הער אינספּעקטאָר אין דער שקאָלע, אָדער היינט האָבן מיר געהאַט אַ פיין מיטאָג.

נאָר פאַרן וואַלד, לעבן וועלכן ער האָט געמוזט פאַרבייגיין ווען די לערערין האָט אים געשיקט אין שטעטל אָפּנעמען די פּאָסט, האָט ער שטענדיק מורא געהאַט. ביים ערשטן בוים האָט זיך געענדיקט זיין גאַנצע

העלדישקייט. ער פלעגט הנפענען די ייִנגלעך, זיי זאָלן וועלן אים באַגלייטן. און שלמה דערמאָנט זיך, אַז איינמאָל אין אַ פרילינגדיקן טאָג, ווען אַלע זיינע חברים זענען געווען פאַרנומען, איז איוואַש צוגעלאָפן צו שלמהן:

— קום מיט מיר אויף דער פאָסט, כ'וועל דיר ווייזן א ז ו י נ ע שיינע זאַכן!

דער טאַטע איז גראָד געווען אין שטאָט, די מאַמע האָט געוואַשן גרעט, איז טאַקע פונקט גוט. קיינער וועט שלמהן נישט אַרומזוכן. דאָס אַלטע, געשטיפלטע פאָסט־פריילין האָט אַ בייזן וואָרטש געטאָן, אַרויס־געוואָרפן די בריוו מיט צוויי צונויפגעלייגטע ביכלעך און מיט געבייזער פאַרהאַקט דאָס פענצטערל.

איוואַשע האָט אויסגעזוכט אַ טרוקן בערגל אונטער אַ בוים, מען האָט אַראָפגעלאָזט די פיס אין גראָזבאַוואַקסענעם ראָוו, און זיצנדיק איינער נאָענט ביים צווייטן האָבן די ייִנגלעך דורכגעקוקט אַלץ, וואָס דאָס בייזע פריילין האָט זיי צוגעוואָרפן. די בריוו האָט מען אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט. דער עיקר זענען געווען די צוויי דיקע רעקלאַמע־ביכער, איינס פון וואַרנהויז: „האַנס, קאָנראַד, בעמען" און דאָס צווייטע פון מויטנערס זאָמענגעשעפט מיט אַ גענויער פרייז־ליסטע. מיט צעפלאַמטע פנימער האָט מען אָנגעהויבן מישן די בלעטלעך. מעסערלעך האָבן געשניטן פעדערן אין דער לופט, שערלעך האָבן בייז געקוקט מיט מעפיסטאָ־קעפ, זייגערס האָבן זיך אַריינגעצויגן און גאַנצע הייזער מיט טורעמס, באַלקאָנען און וועראַנדעס. בייכיקע פלעשלעך, ווי באַפאַרטעכטע מאַמעס, זענען געשטאַנען ערנסט צווישן צוואַיעוועטן גלעזלעך־קליינוואַרג און אַכטונג געגעבן, אַז וועלכעס פון זיי זאָל זיך נישט צופיל אַראָפבויגן איבערן ראַנד און נישט ווערן צעבראָכן. פון פושקעס האָבן אַראָפגעשמייכלט גיליאָטינירטע פרויענקעפ מיט צעלאָזטע האָר. הייליקע בילדער האָבן דאָכט זיך אויסגעמאָלקן דעם הימל פון זיין גאַנצער בלאָקייט און די זון פון איר רויטקייט. אַרום דער הייליקער משפחה האָבן זיך געשפילט די שטערן, ווי גליווערעמלעך.

און אין צווייטן בוך האָט מען געקאָנט אַוועקלייגן אַ מענטש אַ טויטן מיט איין קלאַפ פון בוראַק, וועלכער איז דאָרט אויסגעמאָלן אויפן פאַפיר. דער אַרבעס האָט דאָרט נישט אויפגעהערט צו בליען מיט זיינע שמעטער־לינגסבליטן, קאַראַפיאָלן האָבן אויפגעהויבן די ווייסע, נאַקעטיקע קעפ איבער די גריבע האַלזקרויזן און רויזן, נאַסטורציעס, סאַמעטקעס, לעווקאָניעס האָבן זיך געגרויסט מיט זייערע לאַטיינישע נעמען. די ייִנגלעך האָבן



אַריינגעאָטעמט דעם ריח פון פרישער דרוק־פאַרב, אַזש די קעפ האָבן זיך זיי פאַרדרייט.

— כ'וועל דאָס אַלץ זען מיט מיינע אויגן, — האָט איוואַשע גערעדט מער צו זיך אַליין, ווי צו שלמהן.

און שלמה האָט אַראָפגעלאָזט פאַרשעמט דעם קאָפ:

— כ'וואָלט דאָס אַלץ געוואָלט ווייזן מיין שוועסטערל, כאָטש אויף איין מינוט, ווען דו וואָלסט מיר געוואָלט לייען די ביכער.

אָבער איוואַשע, ווי ער וואָלט נישט געהערט די שטילע בקשה, האָט געחלומט מיט אָפענע אויגן: ווייסט זען, כ'וועל דאָס אַלץ האָבן. כ'וועל פאָרן אין אַ ווייטן, ווייטן לאַנד. כ'וועל ווערן אַ מענטש, אַזוי ווי מיין „פאַניס" ברודער.

און ער איז טאַקע געוואָרן אַ לייט. אַ גאַנצער קנאַקער. מיט געלע שיך און מיט אַ צוויקער אויף דער קורצער, פאַריסענער נאָז. און ער איז שוין נישט מער איוואַשע דער אלמנהס. ער הייסט זיך איצט רופן יאַן פעמפוש, פאַן יאַן פעמפוש.

עס איז געווען אַביסל חידושלעך, אלמאַי ער רעדט־צו שלמהן אַוועק־צופאָרן אין די ווייטע לענדער, און ער אַליין קלערט נישט וועגן פאַרלאָזן דאָס דאָרף. געהייסן האָט עס, אַז ער איז געקומען בלויז אויף עטלעכע וואָכן, נאָר זיצן זיצט ער דאָ שוין אַ האַלב יאָר. מיט אַ שטויס וואַליזעס, דריי הינט און א פאַפוגע, וועלכע ער האָט מיטגעבראַנגט פון אויסלאַנד, האָט ער זיך אַריינגעצויגן אין דעם חרובן שטיבל, וואָס זיין מאַמע, די אַלמנה, האָט איבערגעלאָזט בירושה. אין דאָרף האָט מען זיך דערציילט חידושים וועגן די פאַרמעגנס, וועלכע ער האַלט באַהאַלטן אין די דאָזיקע וואַליזעס. און ערשט זייט טעקלע דער שכנטעס נייגעריק זונדל איז געלונגען זיך אַריינצוגנבענען אין איוואַשעס שטוב, בעת יענער האָט געבאָדן זיינע הינט אין שמאָלן פאָטעק, איז דאָס דאָרף אויפגערודערט געוואָרן פון אַן אומגעריכטער בשורה.

— זאָגסט אַז ליידיק?

— ביהמע, אַז ליידיק — שווערט זיך דאָס נייגעריקע ייִנגל.

— אַלע?

— וואָרט. כ'מאַך קודם אויף איינע, די פון סאַמע אויבן — ליידיק, דאַן די צווייטע, דריטע, צענטע, אַלע ליידיקע. כ'האָב נאָך געהאַט צו עפענען איינע, די לעצטע, גיט עס מיטאַמאָל איבער מיר אַ הילך מיט אַ מענטשלעך קול: קררררו, אַ גרינער פויגל אַזאַ, און רעדט מיט אַ מענטשלעך קול. כ'האָב זיך אָנגעהויבן צלמען און בין אַנטלאָפן.

נאָר די מענטשן האָבן זיך נישט געוואָלט אַזוי לייכט צעשיידן מיטן גלויבן אין די פרעמדע פאַרמעגנס.

— ער איז קליגער פון אונדז אַלע — האָבן זיי געטענהט — אַהאַ, אויף דער וועלט האָט מען אים געלערנט שכל. ער האַלט די דאָזיקע ליידיקע וואַליזעס פאַר גנבים און טאַקע אין דער סאַמע לעצטער ליגט באַהאַלטן דער גאַנצער אוצר.

— און וואָס טוט ער גאַנצע טעג? — האָט אַ פרעג געטאָן דער טויבלעכער מאַטוועי.

— ער פאָרט צו פריצים — האָט אים אַריינגעשריגן אילקע אין אויער אַריין.

— צו פריצים? — דרייט מאַטוועי מיטן קאָפּ.

— יאָ, צו זיינסגלייכן. קאָנסט נישט פאַרשטיין? אין גראַיעצער הויף האָט אים דערקענט דער לאָקאַי, האָט מען אים אַרויסגעבעטן. איצט חברט ער זיך אַביסעלע נידעריקער מיט זשאַנדצעס, אַקעמאַנס און זשאַנדאַרן.

— אַהאַ, — האָט מאַטוועי געקוקט מיט גלעזערנע אויגן אויף אילקעס ליפּן, ווי ער וואָלט פון זיי געוואָלט אַראָפּנעמען דאָס, וואָס זיינע אויערן האָבן נישט באַוויזן אויפצוכאַפּן.

זייט יאַן פּעמפּוש איז צוריקגעקומען אין זיין דאָרף, איז נישט אַריבער קיין איין טאָג, אַז ער זאָל נישט פאַרחידושן די מענטשן מיט עפּעס נייע, ווילדע אויפטועכצן. אַמאָל איז דאָס געווען אַ שוואַרצע, ברייטע פּעלערינע, אין וועלכער ער האָט שטאָלצירט איבער די פעלדער, אַ גלעזערנע טרומנע, וועלכע ער האָט אויפגעשטעלט ביי זיך אין שטוב, טענהנדיק, אַז טאָמער וועט ער שטאַרבן, וויל ער, מען זאָל אים באַגראָבן, ווי אַ גרויסן פּריץ. אָט די טרומנע האָט פאַרשלונגען דאָס גאַנצע ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט אין די קוילנגרובנס. און טאַקע די גלעזערנע טרומנע מיט דער מעטאַלענער דעק איז געווען די סיבה פון זיין בלייבן זיצן אין דאָרף. ער האָט נישט געהאַט אויף קיין הוצאות צוריקצופאָרן. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז מוטערס האָבן געשראָקן זייערע קינדער מיט פּעמפּושעס גרינער פּאַפּוגע.

איין אינדערפרי האָט זיך איבערן דאָרף פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז אויפן שופּטס סטאָדאָלע זענען אָנגעקלאַפּט גרויסע, באַדרוקטע פּלאַכטעס פּאַפּיר. דער אָפּשיי פאַר יעדן געדרוקטן וואָרט האָט אַריינגעטריבן אין אַנונגען פון עפּעס שרעקלעכן. אָדער דער אַלטער קייסער פראַנץ יאָזעף איז געשטאָרבן, און עס וועט זיין קריג, אָדער מען גייט פּענדן קי און פערד פאַר שטייערן. צום שופּטס סטאָדאָלע זענען פון אַלע זייטן צוגעקומען



וואָס־אַמאָל מער מענטשן, וועלנדיק זיך אויף אייגענע אויגן איבערצייגן וועגן דער נייער גזירה. דער אַלטער מאַקסים האָט געשאָקלט מיטן גרייז גראָען קאָפּ און געבעטן ביי אַ יונג שייגעצל:

— אַנו, לייען עס מיר איבער, זאַזולקע מיינע.

מיטאַמאָל האָבן שווערע דלאָניעס אַ פּאַטש געטאָן איבער די זגרעבנע הויזן, ווי פּראַלניקעס.

— אַ נייער אויפטו פון אונזער „יאַסנע גראַף״!

— אַ יאַסנע כאָלערע זאָל אים שוין אַמאָל צונעמען!

— נאָ, לייען!

אויף צוויי גרויסע, שוואַרצראַנדיקע פּלאַקאַטן איז געווען די מודעה, אַז דעם 15 מאַי, דעם יאָרצייטטאָג פון זייער טויט, וועט אין שטאָט מ. אין קלויסטער פון הייליקן מיכאַל געלייענט ווערן די מעסע פאַר די נשמות פון די גוטבאַזיצער פּיאָטר און אַננאַ פּעמפּוש. אַלע קרובים און פריינט ווערן געבעטן אָנטייל צו נעמען אין די תפילות. געחתמעט: דער טרייסטלאָזער זון יאַן פּעמפּוש.

די פּויערן האָבן געקוקט איינער אויפן צווייטן:

— נאָזשע דיר, דאָמבראָווקע איז מיטאַמאָל באַרייכערט געוואָרן מיט נייע גוטבאַזיצערס.

— כ׳האָב אַפילו נישט געוואוסט, אַז דער אַלטער שיכור האָט איבער־געלאָזט אַ גוט.

— און איך געדענק, אַז אַ העמד צו דער קבורה האָט מען געמוזט פאַר אים אויסבעטן צווישן מענטשן.

ווייזט אויס, אַז עפּעס אַ גוטער פריינט האָט פּעמפּושן צוגעטראָגן די אַלע געשפּרעכן, ווייל אַ גאַנצן טאָג האָט מען נישט געזען זיין ברייטע פּעלערינע. ער איז ברוגז געוואָרן מיטן דאָרף. שכנים האָבן בלויז געהערט דורך דעם אָפענעם פענצטער, ווי ער טענהט זיך אויס מיט דער פּאַפּוגע, ראַט זיך מיט איר און דראָט צום פענצטער אויפן הויכן קול: כ׳וועל זיי שוין ווייזן...

די וועכטערס, וואָס האָבן די נאַכט געהאַלטן דינסט אין עק דאָרף, האָבן דערהערט פון צווינטער עפּעס אַ פאַרדעכטיק גערויש. די פּויערן האָבן זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן. שאָטנס האָבן געשלעפּט דיביימער צו דער ערד מיט אומזיכטבאַרע הענט. אַ סאָווע האָט מיט שווערע פליגל געפּאַטשט די לופט. פון יעדן ערדקנייטש, פון מינדסטן פאַרשאָטנטן אָרט איז אויפגעגאַנגען אַ שווערע, שטיקנדיקע שרעק. די פּויערן האָבן זיך גענומען צלמען. מיט די פינגער געוואָלט פאַריאָגן דאָס אומהיימלעכע.

זיי האָבן אַריינגעהאָרכט אין דער שטילער שטערנפּאַרזייעטער נאַכט. דאָס קלאַפּן אויפן צווינטער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, פאַרקערט, עס איז געוואָרן נאָך שטאַרקער און געדאַכט האָט זיך, אַז מיט יעדער מינוט דערנענטערט עס זיך צו זיי. דער מינדסטער שאָרך פון ווינט־גערירטן בלאַט האָט זיך איינגעגעסן אין בלוט. איבער די אויגן האָבן זיך פאַרשפּרייט שוואַרצע, הייסע טיכער. נאָר די אויערן האָבן איבערגענומען די פירערשאַפט פון די קערפּערס, וועלכע האָבן זיך, ווי צעשעדיקטע שיפן געטראָנקען אין דער צעכוואַלעטער פינצטערניש.

— מען מוז גיין! — הערינקעס קול איז פּלוצים געוואָרן הייזעריק.

מען האָט אָנגעצונדן די לאַמטערנס. די שריט אויף דער אויסגעטאָפּטשעטער סטעזשקע זענען מיט טעמפּן ווידערקלאַנג אַריינגעוואַקסן אין דער אַרומיקער שטילקייט. דאָס טויער פון צווינטער איז געשטאַנען האַלב אָפן. טונקעלע קרייצן זענען אומגעריכט אויסגעוואַקסן פאַר די אויגן, ווי זיי וואָלטן אַנטלאָפן פון אונטער די ברייטע ביימער. לעבן סאַמע פּלויט אויף אַ בערגלדיקן קבר האָבן זיי דערזען אַ געשטאַלט זיך ריטמיש איינבויגן און אויפהויבן. עס האָט אויסגעזען, ווי אַ געשפּענסט וואָלט געדאַוונט לויט אַן אוראַלטן פאַרגעסענעם ריטואַל.

— ה, ה, ה, ווער איז?

די געשטאַלט האָט זיך אויסגעגלייכט, פאַר די אויגן האָט אַ בליץ געטאָן אַ שאַרף פון אַ ריסקאַל, און די גאַווהדיקע שטים פון יאַן פּעמפּוש האָט אַ שיט געטאָן מיט ווערטער:

— וואָס ווילט איר דאָ, האַ?

דאַן האָט ער אָנגעהויבן גיך צו גראָבן און אַריינגעוואָרפן די צעגראָבענע ערד אין אַ ליידיקן זאַק. אַ גרויל איז אַדורך דורך די מענטשלעכע לייבער.

— וואָס טוסטו, איוואַן? ביסט משוגע?

— אוועק גייטס!

— אָבער באַרעכן דיך, שטערסט דאָך די הייליקע רו פון די מתים.

— אוועק האָב איך געזאָגט. ס'איז בלויז אַ חרפּה, אַז אַזוינע מענטשן זאָלן ליגן צווישן אייך. איר פאַרשטייט דען עפּעס אחוץ ברויט און בולבעס?

מען האָט אים אָנגעהויבן אַרויסצורייסן פון די הענט דעם זאַק מיט דער פּרוכנער ערד. יאַן פּעמפּוש האָט געשריגן אויפן גאַנצן האַלז, די נאַכטהיטער האָבן אָנגעהויבן צו פייפן, און ווער ווייסט ווי לאַנג דאָס אַמפּערניש וואָלט געדויערט, ווען נישט דער זשאַנדאַר, וועלכער האָט



גראַד געהאַלטן דינסט אין דעם ראַיאָן, און דערהערנדיק די ווילדע קולות, איז ער געקומען צו לויפן מיט אַן אויפגעשטעלטער ביקס.

— אַך, פּאַניע קאָמענדאַנציע — האָט זיך פּעמפּוש געקלאָגט פאַרן זשאַנדאַר ווי אַ צעפּיעשטשעט קינד — מיינע טאַטע־מאַמע שעמען זיך צו ליגן צווישן אַזעלכע כאַמעס. כ'וויל זיי צונעמען פון דאַנעט און אויסבויען אַ פאַמיליען־קבר, מיט אַ באַזונדערער קאַפּליצע. לאָזן אָבער נישט די כאַמעס, — האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו די וועכטער.

ערשט דעם זשאַנדאַר איז געלונגען אים צו באַרואיקן.

— ס'ברענט דאָך נישט, פּאַניע פּעמפּוש, אַלץ וועט זיך לאָזן דורכפירן, נאָר פאַמעלעך, מיט קאָפּ. מיט געוואַלט קען מען דאָ גאָרנישט אויפטאָן. און איצט וועלן מיר אפשר אַריינגיין צו אייך אויף אַ שנעפּסל?

די וועכטער האָבן אויסגעשיט די ערד פון זאַק, פאַרגלייכט דאָס קבר, נאָר באַשלאָסן האָבן זיי צו וויסן צו געבן דעם גלח וועגן דעם ענין. אפשר וועט מען מוזן די צעגראָבענע קברים אויפסניי שווענצלען?

דעם צווייטן טאָג האָט זיך פּעמפּוש געקלאָגט פאַר פּיגען, און פּייגעס אויגן האָבן אים מיט יעדן בליק געגעבן גערעכט.

## XIII

אָנגעהויבן האָט זיך עס נאָך ביים היי־און־קלעע־קאַסען. בעת קלימקע, דער אויפזעער, האָט געצלמט מיט זיינע שווערע שריט די נאַסלעכע לאָנקע, און אויסגעטיילט דעם שטח, וואָס דאַרף במשך פון טאָג אַוועקגעלייזט ווערן אין פּאַקאַסעס, האָט יאַנטעק פּאַלאַמאַרס, דער מיוחס, אויף זיין שטייגער שטיל אַ פאַנפע געטאָן אונטער דער נאָז, אַז נאָר די נאָענטסטע שכנים האָבן אים געקאָנט פאַרשטיין: פון די שוואָבעס האָט מען היינט גערופן צום קאַסען פאַר אַ קרוין אַ טאָג, און דאָ שוויץ ברודער פאַר פיר זעקסערלעך.

— און עסן גיט מען דאָרט אויך — האָט זיך אָנגערופן יאַנטעק דער „ווייסער”, דער מאַן פון דער גרעסטער שלימאַזלנעצע אין דאָרף, וועלכער ס'איז קיינמאָל גאָרנישט נישט געראָטן. דאָס ברויט איז ביי איר אַרויסגעקומען אָדער רוי, נישט אויסגעיוירן, אָדער פאַרברענט, דעריבער האָט זיך יאַנטעק געשעמט עס מיטצונעמען מיט זיך אין פעלד. ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען הונגעריק און ביי יעדער געלעגנהייט גערעדט וועגן עסן.

— האָסט אַ ברירה? — יוזעק האָט זיך פאַמעלעך געדרייט אַ ציגאַר צווישן די פינגער.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ נאַראַדע, וואָס? נעמטס די קאָסעס און צו דער אַרבעט. מען צאָלט אייך דאָ נישט פֿאַר גוטע עצות. — דער אויפֿזעער איז אָנגעקומען פֿון הינטן, אַזוי, אַז קיינער האָט אים נישט באַמערקט. די ווייכע, נאַסלעכע לאָנקע האָט איינגעזויגן די שריט.

עס האָבן אַ קלונג געטאָן די קאָסעס. די קרימלעכע, שאַרפֿע שנאָבלען זענען געגאַנגען איף רויב. די הילצערנע הענטלעך האָבן זיך אויפֿגעשטעלט ווי אַ יונגער וואַלד. דאָס ראָסעפּייכטע גראָז האָט געסיטשעט, ווי אַן אָנגעטרעטענע שלאַנג. דער יונגער וואַלד האָט זיך ריטמיש באַוועגט פֿאָרויס צו דער זון, וואָס איז אַנטקעגנגעקומען פֿון הינטערן אָלשינע־וועלדל.

ערשט מיטאָגצייט, ווען די קאָסערעס זענען געלעגן אין שאָטן פֿון די אָלשינע־ביימלעך און געקייט דאָס ראַזעווע ברויט, ווער מיט קנאָבל און ווער פֿון די רייכערע באַשמירט מיט קעז, האָט זיך מיקאַלקע, וואָס איז ערשט היי־יאָר צוריקגעקומען פֿון מיליטער, דערמאָנט אָן דעם אינ־דערפֿריאיקן שמועס.

— וועט מען טאַקע אַרבעטן פֿאַר האַלב אומזיסט? מען טאָר דען נישט גיין ערגעץ אַנדערש?

— אַז דו ווילסט, גיי — האָט געחוזקט הרינקע. — ווער האַלט דיך דען?

— אָבער דיין מאַמע קאָן אייער קו באַצייטנס פֿאַרקויפֿן.

— כ׳וועל זיך ביי דיר נישט פֿרעגן, אַז ס׳וועט אויסקומען צו פֿירן די קו אויפֿן יאַריד.

— נאַ, נאַ, נאַ, — האָט באַרואיקט מיט זיין שעפּעלאָווע שטים דער אַלטער מיכאַל. — ביסט דאָך אין אַקרעפּ געבאָדן. נאָר דאָ ביסטו נישט מער דעם „קייסערס" קינד. געדענק.

— געווען שוין אַזעלכע ווי דו, וואָס האָבן געוואָלט פֿירן מלחמה מיטן הויף — האָט צוגעגעבן יוזעק — נו, האָט זיך עס געענדיקט אַזוי ווי תמיד, ווען אַן אָרעמער שטייט אַנטקעגן אַ רייכן.

— גיי פֿרעג ביי יאַשקע „פּאַן", וועט ער דיר זאָגן, ווי אַזויאַרום מען קאָן גיך ווערן פֿון אַן אָרעמען שוסטער — אַ פּריץ, — האָט שלמה אַריינגעברומט אין דעם שטיק שוואַרץ ברויט. הרינקעס אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט כעס:

— צו אַלדי רוחות, לאָמעך שוין אַמאָל הערן.

האָט מען זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען. און יעדער פֿון זיין זייט האָט צוגעגעבן עפּעס נייעס. אַהאַ, שוין לאַנגע יאָרן אין דעם. הרינקע איז נאָך



דעמאָלט געווען אַ קינד. אַרומגעלאָפֿן אין בלויזן העמדל. יאַשקע, דער, וואָס זיצט אין עק דאָרף און לאַטעט די אַלטע שטיוול, האָט זיך דעמאָלט נאָר־וואָס אומגעקערט פֿון שטאָט, וואו ער האָט זיך אויסגעלערנט שוסטעריי, און וואו ס׳האָבן אים ביכלעך מיט צייטונגען פֿאַרדרייט דעם קאָפּ. אים האָט זיך פֿאַרגלוסט פֿירן מלחמה מיטן הויף. פּונקט, ווי הרינקען היינט.

— כ׳בין מיר ביי זיך אין שטוב אַזאַ פּאַן, ווי זיי דאָרטן אין געמויערטן פּאַלאַץ.

פֿון דענסטמאָל איז אים טאַקע איבערגעבליבן זיין צונאָמען „פּאַן". חוצדעם, טאַקע גאָרנישט מער. דער צונאָמען איז ווי אַ לאַטע אויף זיין אָרעמקייט. יאָ, אָבער לויטן סדר. יאַשקע האָט געמוזט אָפּאַרבעטן אין הויף פֿאַר דאָס פּאַסען די קי אויף די הויפּישע לאָנקעס און סטערנעס. ווייל אויף וואָס קאָן מען דאָ אין דאָרף אויסהאַלטן אַ בהמה? אויף דעם שטיקל גראָמאַדסקע בלאָניע, וואָס געגנז מיט עופֿות טליקען אויס און פֿאַרפּאַסקודזען עס, אײדער ס׳באַוויזט זיך נאָך ס׳ערשטע גראָז? און אַזויפֿיל פֿעלד, מען זאָל קאָנען אויף אים זייען, זעצן אַ בולבע און דערצו נאָך איבערלאָזן אויף פּאַסוויסקע, ווייסט הרינקע אַליין, פֿאַרמאָגט קיינער נישט. אַחוץ צוויי, דריי באַלעבאַטים אויפֿן גאַנצן דאָרף. מוז מען טאַקע אָנקומען צום הויף. געלט פֿאָראויס צו צאָלן פֿאַר דער פּאַסוויסקע האָט קיינער נישט. זייט ווינטער איז יעדער פֿאַרשולדיקט אין די געזועלבער פֿאַר רייז און מאַמעליגע, ווייל קיינמאָל קומט מען נישט אויס מיטן ברויט צום נייעם. טוט דאָס הויף אַ „טובה", און מען איז זיך מושווה, פֿאַר איין קו אַזויפֿיל און אַזויפֿיל טעג אַרבעט, פֿאַר צוויי קי דאָפּלט אין יעדער צייט, ווען דאָס הויף טוט אַ רוף. וואָלט כאָטש דאָס הויף גערופֿן אַמאָל צום אַרומשאַרן בולבעס און באָריקעס, צום פּלעווען, אָדער דרעשן. אָבער ניין, דאָס הויף רופֿט דעמאָלט, ווען ס׳ברענט די אַרבעט. צום קאָסען און שניידן. ווען דער טאָג דויערט אַמלענגסטן. ווען מען וואָלט געקאָנט אין אַנדערע הייף עפּעס פֿאַרדינען און אָנשטיקעווען מיט געקויפֿטן מעל דעם ביטערן פּשעדנאָוועק. אַפֿילו די אייגענע תבואה מוז מען איבערלאָזן. אָדער שניידן זי ביי לבנה־שיין. און יאַשקע „פּאַן" האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער וועט אָפּאַרבעטן דעמאָלט, ווען ער וועט וועלן. נו, האָט אים דער פּאָלנע פֿאַרנומען די קו אין הויף אַריין. ווייל אויב ער צאָלט נישט, האָט ער נישט קיין רעכט צו פּאַסען. ווען יאַשקע איז געקומען אָפּנעמען די קו, האָט אים דער פּאַסטעך געזאָגט, אַז דער פּאַן זשאָנדצע איז אַוועקגעפֿאָרן אין שטאָט אַריין און וועט ערשט קומען אין דריי טעג אַרום. דעם דריטן טאָג האָט אים דער זשאָנדצע געהייסן באַצאָלן פֿאַר דריי טעג אויסהאַלטן

די קו. אָנגערעכנט האָט ער צען קראַנען. און אַלס שטראָף דערפאַר, וואָס מען האָט זיין קו געכאַפּט אויפן הויפישן פעלד, וואו יאַשקע האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו פּאַסען, די אַנדערע צען קראַנען. אַן אַנדערן וואָלט דער זשאַנדצע מער גערעכנט, נאָר יאַשקען צוליב, ווייל ער האָט געמאַכט פאַר דעם זשאַנדצעס טאָכטער אַזעלכע פיינע שטיוועלעך, וועט טאָקע זיין נאָר אַ צענערל. יאַשקע האָט נישט געהאַט קיין געלט, ווי געוויינלעך „פּשעדנאָוועק", ערב נייעם. ווען ס'איז געקומען צו אים דער אונטערשופּט מיטן הויפישן פּסק־דין, האָט ער געמוזט פאַרקויפן זיין ביסל תבואה נאָך אויפן שטאָם פאַר האַלב אומזיסט. און אַז ער האָט אָפּגענומען די קו פון הויף, האָט זי אָנגעהויבן צו קרענקען. פון דעם, וואָס מען האָט זי נישט אויסגעמאָלקן צו דער צייט, איז די מילך אין איר פאַרברענט געוואָרן, און זי האָט באַקומען אַ מכה אויפן אייטער. הכלל, לאַנג האָט עס נישט געדויערט און די קו איז געפּגרט. זיין ווייב האָט מען מער אין הויף צו דער אַרבעט נישט גערופן, די קינדער האָבן נישט געהאַט קיין לעפל מילך און די מענטשן זענען אים נאָך געשפּרונגען אין די אויגן:

— עס האָט זיך דיר פאַרגלוסט מיטן הויף מלחמה צו האַלטן, נישט אַנדערש? ביסט דיר טאַקע איצט אַ „פּאַן".

פאַר עגמת־נפש און בושה האָט יאַשקע אַלץ אויספאַרקויפט און זיך אַריבערגעצויגן אין שטאָט אַריין. קאָן אָבער אַ דאָרפישער שוסטער רעדן מיט די שטעטישע? די שטעטישע שוסטערס האָבן עפּעס אַזאַ כוח אין מויל. אַז זיי גיבן אַ לייג אויס די ווערטער, גלאַנצן זיי, און שטעטישע מענטשן האָבן דאָס ליב. יאַשקע „פּאַן" האָט גערעדט אויף זיין דאָרפישן שטייגער, נו, זענען צו אים אַריינגעפאַלן בלויז לאַטעס. נאָך דריי יעראַלעך הונגערן אין שטאָט, האָט ער זיך צוריק אומגעקערט אין דאָרף. אָפּגעדונגען ביי פּאַוולע פונם ווינקל די קאָמער און לאַטעט איצט אַנשטאָט שטעטישע די דאָרפישע שקראַבעס. ווער גיט צו אים איצט אַ נייעם שטיוול? אויס דער מאָדע אַרויס.

האָפּ, האָפּ! — האָט גערופן דער פאָלגע דורך דעם טרייבל פון צונויפגעלייגטע הענט.

מען האָט זיך אויפגעהויבן פויל פון דער קילער וואַלדדעמערונג, און אַרויס אויף דער זונפאַרפלייצטער סטעזשקע. אין די נאָזלעכער האָט אַ שלאָג געטאָן דער ריח פון פרישן האַלבטרוקענעם היי. פון וואַלד האָט זיי נאָכגעפּיפּסט אַ פויגל.

— נישט תמיד קומט עס אויס אַזוי ווי מיט יאַשקע פּאַן. מען קאָן נאָכאַמאָל אַ פּרואוו טאָן. וואָס זאָגסטו, שלאָמקע?



— טיאַ, מען קאָן נאָכאַמאָל אַ פּרואוו טאָן, — האָט שלמה געקייט לאַנג יעדעס וואָרט באַזונדער, ווי פריער דאָס דאַרע ברויט.

— איינער אַליין וועט דאָ גאָרנישט אויפטאָן. מען מוז גיין אַלע צוזאַמען.

— ביסט גערעכט, — האָט געענטפערט יאַקים.

שווייגנדיק האָט מען זיך געשטעלט צו דער אַרבעט.

## XIV

לאַנגדויערנדיקע רעגנס האָבן נישט געלאָזט אַריינפירן טרוקענערהייט דאָס היי און דעם קלעע. אויף פאַרגאָסענע לאָנקעס זענען אַרומגעשוואומען די קאָפּיצעס, ווי קיילעכדיקע שיפלעך. קאַלטע, סלאָטנע טעג האָבן אָפּגערוקט דעם שניט אויף אַן אומגעוויסער צייט. די קליינע פּאַסטעכלעך מיט קאַפּישאָנען פון זגרעבנע זעק איבער די קעפּ, האָבן אַריינגעזונגען אין דער נעפּלפאַרשטעלטער וועלט, ווי זייער „דאַנאָזש מאָיאַ דאָנאָ!" וואָלט געקאָנט דערוואָרעמען די פאַרבלויטע ליפּן און די קרעבסרויטע פיס. די קי האָבן אָנגעוואוירן אַ העלפט מילך, אַנטלאָפן פון די פּאַסוויסקעס אַהיים. צוריקגעיאָגטע מיט שטעקענעס, האָבן זיי אויפגעשטעלט די געדולדיקע רוקנס אונטער די קרומלעכע בייטשן פון רעגן, און מיט אויפגעהויבענע קעפּ געשמעקט די לופט, צי דער ווינט האָט נישט אויסגעדרייט אויף מערב. אין יעדער שטוב האָבן געפּישטשעט יאָמערלעך, געגרילצט אין די אויערן טשערעדעס יונגע הינדעלעך. זיי זענען מחנותוויַיז געפּגרט פון קעלט, אומגעקומען אונטער די שווערע פויערנשטיוול, אָדער צעקוועטשט געוואָרן צווישן דער טיר, בעת זיי האָבן זיך געשטופּט צו דער שוועל. נאָר די קאַטשקעס קיינמאָל נישט זאַט, תמיד באַוועגלעך, האָבן זיך געפּליוסקעט מיט הנאה אין די קאָלוזשעס, צעשאַרנדיק מיט זייערע רויטע שנאָבלען, ווי מיט וועסלעס, דאָס שמוציקע, מוטנע וואַסער.

אין די קלויסטערס האָט מען געבעטן אויף זון, אַרומגעטראָגן דאָס בילד פון דער דערבאַרעמדיקער מוטער, אָבער דער רעגן האָט נישט אויפגעהערט צו גיסן. מען איז אויך געגאַנגען צום אַלטן אַניכרע, זאָל ער עפּעס געבן אַן עצה.

— אַ שטראָף אַזאַ פון גאָט — האָט דער אַלטער אַניכרע געענטפערט שאָקלענדיק מיט די לאַנגע האָר — אַ שטראָף, דערפאַר, וואָס ס'יונגוואַרג גייט נישט אין די דרכים פון זייערע עלטערן. אַנשטאָט אין צערקווע גייט מען אין „טשיטאַלניע", די יונגעלייט באַהאַלטן די העמדער אין די הויזן אַריין, אויפן פּריצישן שטייגער. נו, קאָן זיין גוט אויף דער

וועלט? און נאָך עפּעס. ס'מוז זיין אין דאָרף אַ נייע „זאַווידקע", דעריבער וויינט דער הימל אויף איר פאַרלוירענער מיידלשקייט. מען דאַרף זען וואָס־גיכער צו אַנטדעקן די דאָזיקע פאַרבאָרגענע זינד און צו וויסן געבן דעם גלח. זאָל ער זונטיק אָנווייזן אויף איר פון דער אַמבאָנע, זי פאַרשעמען בקול רם און איר הייסן תשובה טאָן.

נאָר איידער מען האָט נאָך באַוויזן אויפצודעקן די דאָזיקע פאַרבאָרגענע זינדיקערן, האָט זיך מיטאַמאָל דאָס וועטער געביטן. יאַנטעק „פון הינטערן באַרג" איז געקומען מיט אַ פריילעכער בשורה. בעת ער האָט פאַרנאַכט־צו געגראָבן ליים, האָט ער פון שפּיץ באַרג געזען, ווי דורך אַ קליינעם שפּעלטעלע צווישן כמאַרעס איז אַרויסגעפלאָסן אַ דין ריטשקעלע זון. דאָס שמאָלע ריטשקעלע איז געוואָרן וואָסאַמאָל ברייטער, אַרומגעזוימט די רענדער פון די כמאַרעס, און די כמאַרעס זענען אַוועקגעשוואומען ווי לייכטע שיפלעך. איין כמאַרעלע, וואָס האָט זיך ווייזט אויס פאַרשפּעטיקט און אָנגעקומען צולעצט, האָט דער ווינט אַ כאַפּ געטאָן, ווי אַ פלעדערוויש און מיט אים אַ שאַר געטאָן איבערן הימל.

דעם צווייטן אינדערפרי האָט זיך אויף די דעכער געזילבערט געדיכטער טוי, ווי ערשטער פראָסט. די קעלט האָט געשניטן די באָרוועסע פיס, ווי מיט מעסערס. אַ נישט דרייסטע האָט זיך אַרויסגערוקט די זון. ווי זי וואָלט פאַרלוירן דעם וועג צו דער ערד. ערשט מיטאָגצייט האָט זי זיך, ווי אַ גליאיקער דאָרן דורכגעשלאָגן דורך די שווערע, פאַרהילנדיקע נעפּלען. און עס האָבן זיך געשטעלט טעג זוניקע און בלאָהימלדיקע. מען האָט אָנגעהויבן צו צעוואָרפן און צו טריקענען דאָס פאַררעגנטע היי און דעם קלעע. די פאַרדומפּענע קאָפּיצעס האָבן ווי קיילעכדיקע קעסלען געריכערט אין דער זון מיט ווייסער פּאַרע. איידער מען האָט באַוויזן אַריינצופירן די פאַרשפּעטיקטע „אָטאָווע", זענען שוין צוגע־שטאַנען די תבואות, מיטאַמאָל דאָס קאָרן, דער ווייץ און דער גערשטן. ווי שטיקער פון צעגליטער זון וואָלטן זיך אָפּגעריסן פון זייער שורש און געבליבן ליגן אויף דער ערד, אַזוי האָבן אויסגעזען די צייטיקע פעלדער. און אַנטקעגן די ברייטע, איינקאָלירקע הויפישע לאַנעס, האָבן די פויערישע פעלדער, צעטיילטע אויף שמאָלע, מיט פאַרשידענערליי מינים תבואה פאַרזייעטע בייטן, אויסגעזען, ווי לאַטעס, מיט וועלכע מען פּרואווט דאָ און דאָרט צו פאַרדעקן די נויט.

יעדע פאַר הענט האָט באַקומען אַ כמעט מיסטישע וויכטיקייט. יעדער איז אַוועק אין פעלד אַריין. קינדער האָט מען איינגעבונדן אין טלימעקלעך און זיי געלייגט אונטער דעם ערשטן אָנגעשניטענעם סנאָפּ, אָדער אין אַ



ברייזדע צווישן דער תבואה. אינדערהיים זענען בלויז געבליבן די שווער־קראַנקע. אויך די אַלטע לייט, וואָס זייער איינציקע באַשעפטיקונג איז געווען דאָס וויגן פון קינדער, זענען איצט אַראָפּגעקראָכן פון די אויוונס און געהאָלפן בינדן סנאָפּעס. אַפילו די קלענערע קינדער, וואָס זענען ביז איצט אַרומגעלאָפן אין די בלויזע העמדלעך און קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט, האָט מען אָנגעהויבן אָנצוטאָן און אַרויסגעשיקט מיט די קי. דאַקעגן די ביזאַיצטיקע פּאַסטעכלעך האָט מען גענומען צום צונויפטראָגן סנאָפּעס און בינדן שטרויענע פּערעוועסלעס.

יעדן פאַרטאָג זענען פון די אַרומיקע הייף געקומען די פּאָלנעס און ליציטירט איינער דעם צווייטן מיט די פּרייזן.

— פערציק גראָצער — האָט אַריינגעוואָרפן דורך די צעעפנטע פענצטער, ווי אַ זשמעניע אַרבעס דער קריוווניקער פּאָלנע.

— אַ קראָן, אַ גאַנצע קראָן צאָלט דאָס לאַשיקער הויף! — האָט זיך געריסן אַ צווייטער.

נאָר דאָס דאָמבראָווקער הויף האָט זיך נישט געאיילט. געווען זיכער מיט זיינע אַרבעטער. דער חשבון איז אַ קלאָרער. אויף די הויפישע לאַנקעס האָבן זיך געפּאַסעט פופציק פויערישע קי, וואָס האָבן געדאַרפט אַרויסברענגען אויף די הויפישע פעלדער פופציק פאָר הענט.

אין די דאָרפישע שטיבער איז געוואָרן אַ רעש און גערודער. פיבערנ־דיקע דערוואַרטונג איז געלעגן אין אַלעמענס הענט. די לעפל האָבן גיך געקלאַפּט אָן דער בשותפותדיקער שיסל. ווייבער האָבן אַריינגערוקט אין די אויוונס דאָס אויפן גאַנצן טאָג צוגעגרייטע געקעכץ. קרויט, בולבעס, אָדער פּענצאַק. מיידלעך האָבן אַרויסגעשלעפּט פון די קאָסטנס די יום־טובדיקע טיכלעך און בגנבה אַ כאַפּ געטאָן אַ בליק אין די שערבעלעך פון שפּיגלען, אַריינגעקלעפּטע אין די ליימענע ווענט. יונגוואַרג, וואָס האָט היינט צום ערשטן מאָל געזאָלט באַקומען אַ סערפּ אין דער האַנט, האָט געפילט זייערע הערצער כמעט אין סאַמע האַלדז. היינט האָט געזאָלט אין די אויגן פון גאַנצן דאָרף פאַרקומען זייער עקזאַמען אויף דערוואַק־סנקייט. טאָמער וועט מען זיך צעשניידן אַ פינגער, אָדער בלייבן פון הינטן, וועט שוין יעדער האָבן דאָס רעכט צו שפּעטן און צו לאַכן.

ערשט דעמאָלט, בשעת מען האָט שוין געהאַלטן אין פאַרמאַכן די שטיבער אויף די הילצערנע ריגלען, איז אָנגעקומען מיט פּאַמעלעכע שריט וואַסיל „פּאַגאַס", דעם דאָמבראָווקער הויפס שליח. ער האָט מיט איין פאַרקרימטן אייגל אַרומגענומען די אויסגעפּוצטע מיידלעך, די ווייסע,

לניאַנע קאַפּטאַנעס פון די פויערן און אַ פרעג געטאָן ביים ערשטן בעסטן באַלעבאָס:

— וואוהין קלויבט מען עס זיך אַזוי?

— אין פעלד אַריין.

— אויף אייגענעם?

— יאָ.

— אונזער הויף דאַרף האָבן שניטערס. דאָס אייגענע ווײַדאַלע וועט דיר נישט אַנטלויפן. קאָנסט עס אַפילו ביים לבנה־שיין אויסשניידן. די צייט ברענט. ס'איז נישט קיין חכמה. היינט מוז דיין שטוב געבן דריי מענטשן פאַרן פאַסען די קי.

— און וויפל צאָלט דיין פריץ?

— דאָס איז נישט מיין עסק. דאָס וועסטו געוואָר ווערן פון זשאַנדצע.

פאַר די אַרעמסטע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין קו אויף די הויפישע פעלדער, האָט וואַסיל געהאַט אַן אַנדערע בייטש:

— קיינער צווינגט אייך נישט, גייטס וואוהין איר ווילט, נאָר ווינטער, דעמאָלט ווען ס'איז נישטאָ קיין אַרבעט און עך וועט שטאַרבן אויפן פּיסק, אַז עמעץ פון אייך וועט מיר קומען צום דרעשן, נו, דאַן געדענקטס, מ'עט אייך מיט הינט אַרויסטרייבן פון הויף.

פון אַלע אַרומיקע הייף האָט דאָס דאָמבראָווקער הויף געהאַט אַממייניסטן שניטער. די פאָלגעס זענען אַרומגעלאָפן פון איין שטיקל פעלד צום צווייטן, אויסגעשטעלט די שניטערס און זיי אַנגעיאָגט צו דער אַרבעט.

— דו, זאָשקע, האָסט ליב אַ סך צו לאַכן, וועט מען דיך שטעלן לעבן דער אַלטער פאַראַנקען.

— דו, יאַקים, ביסט מיר געוואָרן אַ צו־גרויסער פילאָזאָף. וועסט שטיין אין סאָמע עק.

— און דו, מאַרטע, ווייז זיי נאָר וואָס דו קענסט. אַז וועסט זיין די ערשטע, וועסטו אויך הײַ־יאָר טראָגן סוף־שניט דעם תבואה־קראַנץ צום פריץ.

— און האַנקע, אָ, האַנקע. —

יעדער האָט זיך געחידושט דערזעענדיק צווישן די שניטערס האַנקען, די רייכע, באַלעבאַטישע טאָכטער. מען האָט געוואוסט, אַז האַנקעס פאָטער קוקט נישט אַרויס אויף זיין טאָכטערס פאַרדינטן גרייצער. פאַרקערט, ער אַליין דינגט־צו מענטשן, אַזיסטן וואָלט ער זיך נישט געקאָנט אַרום־אַרבעטן. און ער איז אויך איינער פון די געציילטע באַלעבאַטים, וואָס



קומען נישט אָן אין הויף מיט פאַסען די קי. ער האָט גענוג פעלד און פאַסעט אויף אייגענעם דריי שטיקלעך בהמות מיט אַ פּאָר פערד.

נאָר האַנקע, די גבירישע טאָכטער, האָט זיך געהאַט דערבײַ איר אויסרעכענונג. מען האָט איר געמאַכט אין דאָרף אַ שם פון אַ פוילער, זיך דערציילט, אַז זי שלאָפט ביזן ווייסן טאָג, אַז זי קאָן נישט אָפּבאַקן קיין ברויט, אַז אין פעלד שפּילט זי זיך בלויז מיטן סערפּ, און אַז די מאַמע גייט איר נאָך און אַרבעט פאַר צוויי, כדי נישט אַרויסצושטעלן די טאָכטער אויף לייטיש געלעכטער. אָבער אַזאַ זאַך לאָזט זיך נישט באַהאַלטן, און מענטשן ווייסן מער ווי מען דאַרף. צוליב דעם טאַקע האָט מען זי אויף דאָרפס־חתונות נישט גענומען צום טאַנץ, און הגם זי איז דאָס רייכסטע מיידל אין דאָרף, פונדעסטוועגן האָט קיין איין בחור נישט געוואָלט שיקן צו איר „סוואַטעס" מיט בראַנפן.

— וואָס טויג מיר איר פאַרמעגן, אַז זי אַליין איז נישט קיין באַלע־באָסטע. — האָבן זיי געטענהט.

איז זי דעריבער אַרויס אויפן הויפישן פעלד, כדי אַלע זאָלן זען, אַז זי קען יאָ שניידן אָן דער מאַמעס הילף.

מען האָט איבערגעצלמט זיך און דאָס פעלד. — שש־שאַר, שש־שאַר — האָבן געשפּילט אויף די גלאַטע סטרונעס פון געלן שטרוי די שאַרפע סערפּן. — שש־שאַר, שש־שאַר — האָט עס אָפּגעענטפערט פון ווינט־צעכוואַלעטן פעלד. קליינע, גרינע זשאַבקעלעך, וואָס האָבן אומגעריכט אַנגעוואוירן זייער באַוואָרנט באַהעלטעניש, זענען אַפּירגעשפּרונגען פון אונטער די סערפּן גלייך אין די מענטשלעכע פנימער אַריין.

— העי, געפלויגן וואָלט איך, העי, ווי אַ טויב אַ ווייסע,

העי, כ'זאָל נאָר קאָנען קושן, העי, דיינע ליפּן הייסע —

האָט געזונגען האַנקע די נגידישע טאָכטער. און אָפּגעענטפערט האָט איר אַ קול העט, פון צווייטן עק פעלד:

— העי, כ'וואָלט צו דיר געפלויגן, ווי זומער די זאַזולע,

העי, ס'זאָל מיך נאָר נישט זידלען מיין בייזע מאַטולע.

אויף די לניאַנע העמדער האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פאַסן שווייס. די זון האָט זיך אויפגעהויבן וואַסאַמאָל העכער און געבליבן הענגען אין דער לופט, איבער די געבויגענע מענטשלעכע רוקנס, ווי אַ יאַסטרוב מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען.

— מיר, דעם „קייזערס קינדער", מיר קענען זיך באַרימען,

ס'וואַרט אַ בעט, אַ מיידל דאָרטן, וואו מיר קומען.

ווי אויף צו להכעיס זיך אַליין האָט פּעטרע, דאָס „הויקערל״, געזונגען מיט זיין פּישטשענדיקער מיידל־שטימע דאָס דאָזיקע זעלנע־רישע לידל.

פּייכטע ראָסע האָט שוין באַדעקט די ברייטע לאָנקעס אַרום הויף, ווען די שניטערס האָבן זיך אויסגעשטעלט צום אויסצאָל לעבן זשאַנדצעס שטוב. דער זשאַנדצע האָט אויסגעשטעלט באַזונדער די אַלע, וואָס דאַרפן אָפּאַרבעטן טעג פאַר דער פּאַסוויסקע. ער האָט אין אַ געקעסטלט, דיק ביכל פאַרשריבן די נעמען און אונטער יעדן געשטעלט אָן איינס. די איבעריקע האָט ער איינגעטיילט צו צען און יעדן צענטן איבערגעגעבן דאָס געלט פאַר די איבעריקע.

— דאָ פעלט נאָך מאַרטע — האָט זיך אָנגערופן פּעטרע דאָס הויקערל.

— איך נעם פאַר איר דאָס געלט.

דער זשאַנדצע האָט צונויפגעצויגן די ברעמען:

— אַ נייע מאָדע איינגעפירט, מען זאָל קאָנען בעסער באַגנבענען.

— זי האָט אַ קליין קינד — האָט זיך אַרויסגערוקט יאָקים.

— איז דאָס אמת, פּאָלנע?

— יאָ, פּראָשו פּאַנאַ — האָט יענער באַשטעטיקט.

— היינט ווערט איר נאָך אויסגעצאָלט, אָבער דאָס איז דאָס לעצטע מאָל. אפשר זאָל איר נאָך דאָס הויף צונעמען אַ ניאַנקע צו אירע בענ־קערטעס? ביים אויסצאָל מוז יעדער זיין אַליין. און מאָרגן קומטס אַרויס אַביסל פריער. ווינטער וועט איר געווּג ליגן מיט די בייכער אַרויף.

אויפן וועג, ווען מען האָט אָנגעהויבן אויפצעוויקלען די געלט־רולאָנען און זיי ציילן, האָט איינער געקוקט אויפן צווייטן אומגלויביק. עס איז אויסגעקומען אויף יעדן איינעם צו דרייסיק גרייצער.

— וויפל־זשע וועט מען ערשט צאָלן ווינטערצייט?

— ס׳מוז זיין אַ טעות, ווי קלערסטו, האַ?

נאָך אַ לאַנג ישובן זיך און קנייטשן מיט די ברעמען האָט מען באַשלאָסן צו שיקן עמעצן צום זשאַנדצע אַ פרעג טאָן. אָבער די דינסט האָט קיינעם צום זשאַנדצע נישט אַריינגעלאָזט:

— דער פּאַן זיצט ביי דער וועטשערע. — אַרויסגעקומען צו זיי איז בלויז דער פּאָלנע.

— ס׳איז דאָ עפּעס אַ טעות ביים אויסצאָל.

— קיין שום טעות. אונדזער הויף צאָלט נישט מער. גייטס אייך רואיק אַהיים און מאָרגן געדענקטס, קומטס אַביסל פריער.



אַ גאַנצן וועג האָט מען געשמועסט וועגן דעם היינטיקן אויסצאָל. די גאַנצע פרייד און דערוואַרטונג פון היינטיקן אינדערפרי זענען פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין טעמפּן, הייסן כעס. מיטאַמאָל האָט מען דערפילט אַ שאַרפן ווייטיק אין די פּלייצעס און מידקייט אין אַלע גלידער.

— כ׳האָב אַן עצה — יאָקים האָט געקייט פּאַמעלעך די ווערטער — מ׳עט מאָרגן נישט גיין צו דער אַרבעט.

— וואָס־זשע וועט מען אויפטאָן?

— אַז דאָס „הויף״ גיט אַ רוף, מוז מען דאָך גיין. וויאַזוי־זשע וועט מען זיך דאַן קאָנען ווייזן דעם זשאַנדצע פאַר די אויגן? און וואָס וועט זיין מיט די קי?

יאָקים האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן וועג און זיך אַזש זאַכליסנעט מיט זיינע אייגענע ווערטער:

— וואָס גיין? ווער גיין? קיינער וועט נישט גיין! היינט נאָך דער וועטשערע וועט מען צו־וויסן געבן אין אַלע שטיבער. קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן רירן פון דאָרף. כ׳נעם אויף זיך צען שכנותדיקע שטיבער, יעדער פון אייך דעסגלייכן.

די ווייבער, נישט צופרידענע, האָבן זיך אָנגעהויבן צו סודען, ביז ס׳האָט זיך צווישן אַלעמענס קעפּ אויפגעהויבן פּעשקע דער אלמנהס הייזעריק קול:

— עי, שפּילט אייך נישט מיטן טייוול, דער טייוול האָט הערנער אויך. איר ווילט ברענגען אומגליק איבער אונז אַלע. און ווער וועט מיר ווינטער געבן צו עסן? אפשר וועט מיר מיין מאַן עפּעס אַריינברענגען אין שטוב?

נאָר יאָקים האָט אויף די אַלע טענות געהאַט בלויז איין ענטפער:

— מאָרגן וועט מען שטיין ביים וועג און קיינעם נישט דורכלאָזן. ווער גייט מיט מיט מיר?

— עך — האָט שלמה אַ פּאַטש געטאָן מיט די פאַרברענטע ליפּן.

נאָך דער דאָזיקער שלאָפלאָזער, אומרואיקער נאַכט האָט זיך די זון איבערן דאָרף געשטעלט, ווי איינגעהילט אין אַ ווייסער פּאַרע און פאַראויסגעזאָגט גרויסע היצן. שוין גאַנץ פרי זענען די פייגל אַנטשוויגן געוואָרן. קיין ווינטל האָט נישט גערירט מיט אַ צווייגל. נאָר פון צייט צו צייט האָט צווישן די בלעטער אַ שאָרך געטאָן אין סאָד דאָס קערל פון אַ קאַרש, דורך פייגל אויסגעפּיקט און פאַרפאַלן געוואָרן צווישן גראָז. אַרום מיטאָגצייט האָט אַ ברי געטאָן די אויגן, ווי אַ פלאַם, דער רויטער, אויסגעשטרעקטער גוף פון אָקעמאַנס פערד. טאָך, טאָך, טאָך — וויכער

שטויב האָט ווי אַ גראָע פערענע פאַרטויבט די פערדישע שריט. באַלד האָט שוין ס׳גאַנצע דאָרף געוואוסט, אַז דער אַקעמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים שופטס שטוב, וואו ס׳האָט זיך פון אינעווייניק געהערט זיין שאַרפע שטים און דאָס בערוועזע פּאַטשן מיטן רייטשטאָק איבער די שטיוול. דער סך־הכל פון דעם שמועס איז געווען דער, וואָס דער שופט האָט צוגעזאָגט צוצושטעלן אויף צומאָרגנס אַזויפיל אַרבעטער, וויפל דאָס הויף פאַרלאַנגט. אָבער אין דאָרף האָט קיינער דערפון נישט געוואָלט הערן.

— ס׳איז לייכט צו רעדן פאַר די, וואָס זיצן אויף אייגענע פינף, זעקס יאָך און מוזן נישט אָנקומען צום פּריץ.

יאַן פעמפּוש איז געווען איבעראַל פול. צוליב גרעסערער וויכטיקייט האָט ער זיך אָנגעטאָן זיין שוואַרצע פעלערינע, און פאַר אויפרעגונג האָט זיך דער צוויקער שטענדיק אַראָפּגערוקט פון זיין קורצער, פאַריסענער נאָז. ער האָט געפּרואווט איבערצייגן די פּויערן, אַז זיי טוען אַ גרויסע עוולה דעם פּריץ, וואָס איז שטענדיק פאַר אַלע, ווי אַ געטרייער טאַטע.

אַמלענגסטן איז ער געזעסן אין שלמהס שטוב.

— עך, נישטאָ מיט וועמען צו רעדן. די כאַמעס פאַרשטייען דען אַן אידל באַנעמען? אַ לאַ, לאָ פּאַידזיו, ווען איר וואָלט געזען מענטשן אויף דער וועלט. — פייגע אַ פאַרטראַכטע האָט געשאַרט מיט די פינגער אין דער לופט, ווי זי וואָלט געגלעט די פרעמדע טעג, וואָס בליען אויף יאַן פעמפּושעס ליפּן און לייגן זיך איר אונטער די הענט. און פייגען פלעגט זיך דאַכטן, אַז זי שווימט און די פרעמדע רייד טראָגן זי אַוועק צו אַ ווייטן, אומבאַקאַנטן ברעג.

— רעדטס איבער מיט אייער מאַן, פּאַני פּאַידזיו, כ׳וועל אים געבן אַדרעסן צו גרויסע לייט. כ׳בין אייך טאַקע אַ גוטער פריינט. דעריבער אַרט עס מיך, וואָס אייער מאַן שלעפּט זיך שטענדיק אַרום מיט די פּויערן. און דערצו איצט אין אַזאַ צייט. ווי גייט מען זיך פאַרייסן מיט אַ פּריץ, מיט אַ הויף? האָט אייך אייער שלמה נישט געזאָגט, וואָס זיי האָבן באַשלאָסן אויף דער „נאַראַדע״ אין יאַקימס סטאָדאָלע?

אָבער פייגע האָט פון גאָרנישט נישט געוואוסט. נו, עס מאַכט נישט אויס, אויב זי ווייסט עס טאַקע נישט, אָדער אויב דאָס איז בלויז אַן אָנשטעל. דאָרט וואו מען דאַרף, וועט מען וועגן אַלץ געוואָר ווערן צו דער רעכטער צייט אויך אָן איר.

זיין זונטיקדיקע דרשה האָט דער גלח אָנגעהויבן מיט אַ משל וועגן אַן אַרבעטזאַמען פּאָטער און נישט געטרייע זין, וואָס האָבן נישט בלויז



צעטרענצלט דאָס גאַנצע שווער פאַרהאָרעוועטע פאַרמעגן, נאָר אויך דעם פאָטער אַריינגעטריבן אין אַ פריצן טויט.

— איר פאַרשטייט אַליין, מיינע קינדער, קעגן וועמען ס׳איז געווענדט אָט דער משל. עס זענען דאָ צווישן אייך אַזעלכע, וואָס ווילן אַריינפירן קריגערייען אין דעם שטילן, רואיקן דאָרף. איך בין אָבער דאָ דער פּאַסטעך צווישן אייך, פון גאָט באַשטימט צו עפענען די פאַרבלענדטע די אויגן און זיי מאַכן זעעוודיק. און צולעצט וויל איך אייך נאָך זאָגן, מען טאָר נישט פאַרשעמען דאָס הייליקע ברויט, צו וועלכן איר טוט תפילה יעדן טאָג, דאָס ברגִ׳ס, מיט וועלכן אונזער ליבער פאָטער האָט געבענטשט די זינדיקע ערד. גייטס אַהיים אין גאָטס נאָמען און טוטס נישט אָן קיין בושה אייער קירכע און איר הכנעהדיקסטן דינער, מען זאָל נישט טייטלען אויף מיר: אָט דאָס איז דער שלעכטער פּאַסטעך פון אַ צרעתדיקער סטאָדע.

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָט מען אויף דער בלאָניע איבערגעשמועסט דעם גלחס היינטיקע דרשה.

— ער רעדט דאָך, ווי אַ טאַטע — האָבן געכליפּעט די עלטערע ווייבער, — ווי אַן אייגענער טאַטע. וואַרט, ווי האָט ער עס געזאָגט?

יאַקים האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ:

— און אַז דאָס ברויט פאַרשעמט אונדז, איז נישט קיין חרפּה, וואָס? יאָ, דאָס ברויט האָט ליב צו שפּילן די ראָלע פון אַ באַליידיקטן. וויפל וואָכן ווייזט זיך עס דיר נישט פאַר די אויגן, בעת׳ן פּשעדנאָוועק?

— ברויט איז אַ גאָט־זאַך — האָט געמורמלט מיט די ציינלאָזע ליפּן די אַלטע פעשקע — עס קומט צו דעם, ווער עס איז עס ווערט.

יאַקים האָט זיך צעלאַכט בייז און הילכיק:

— הייסט עס, אַז דו, וואָס דו ליגסט איבער אין צערקווע און פאַרפעלסט נישט קיין שום קאַלוואַריע, ביסט נישט זוכה ביי גאָט זאָלסט עסן יעדן טאָג ברויט, אָבער אונזער פּריץ, וואָס פאָרט זיך זונטיק אויף פּאָלאָוואַניעס, עסט פליש יעדן פרייטיק, און אַפילו אין די גרעסטע פּאַסטטעג, איז יאָ פון גאָט געבענטשט. פאַרוואָס? ווייל ער שפּילט מיטן גלח אין קאָרטן, קומט אים דערפאַר, אַז זיינע הינט און חזרים זאָלן עסן מער ברויט, ווי די מענטשן אין דאָרף? זענען דאָך דעם פּריצס הינט און חזרים ביי גאָט מער ווערט פון דיר, ווייל זייער קאָריטע איז תמיד פול.

פעשקע האָט זיך גיך איבערגעצלמט מיט די שוואַרצע, צעדרייטע פינגער: עפּעס אַ נישט־גוטער האָט אים אַרומגעפּלאָנטערט, נישט אַנדערש.

דאָס דאָרף האָט זיך איינגעעקשנט, און נישט דעם גלחס מוסר, נישט דעם אָקעמאַנס דראָען, האָבן נישט געקאָנט גורם זיין די פּויערן זאָלן אַרויסגיין צום שניט. די שכנותדיקע דערפער זענען געווען פאַרנומען מיט אַרבעט אין זייערע הייף, אָדער אויף אייגענע פעלדער. די איבערצייטיקע תבואות האָבן זיך געבויגן וואָס־טיפער צו דער ערד, דאָס שטרוי איז שוואַרץ געוואָרן און די קערנער האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצושיטן. ערשט דעמאָלט איז געקומען אין דאָרף דעם הויפס שליח, וואַסיל, און אונטער־הוסטנדיק, צוגעזאָגט אַ קראָן פאַר אַ טאָג שניידן. פאַר די, וואָס פּאַסען זייערע קי אויפן הויפישן פעלד וועט מען די גאַנצע וואָך רעכענען איין טאָג אַרבעט פאַר אַנדערטהאַלבן טעג.

— כ'האָב דען נישט געזאָגט, אַז אויב מען נעמט זיך שאַרף צו דער זאַך מוז אַלץ געלינגען — האָט זיך יאַקים באַרימט.

— האָסט זיך נאָך נישט מיט וואָס צו פרייען! — יאַן פּעמפּושעס אייגלעך האָבן געבליצט מיט אַ פאַרבאַהאַלטענעם שפּאָט. זיין צופרידן שמייכלע האָט מיט אומרואיקייט אָנגעפילט די מענטשלעכע הערצער און פאַרטונקלט די פרייד פון נצחון. איינס איז געווען קלאָר: יאַן פּעמפּוש, וועלכער דרייט זיך אַרום די הויפסלייט, ווייסט מער פון זיי אַלע.

ווי מאַראַזשקעס האָבן זיך די מענטשן צעשיט איבער די פעלדער, און אין די אָוונטן האָט מען ביים שייך פון קיכפייער באַקוקט פון אַלע זייטן די זילבערנע מטבעות. מען האָט שוין אויסגערעכנט באַצייטנס, וואָס מען וועט מוזן קויפן אויפן ווינטער: אַ ניי מלבוש, אַן אונטערגעניי פאַר די שטיוול, פאַריכטן די שטאַל.'

אָבער לאַנג האָט די פרייד נישט אָנגעהאַלטן. מען האָט נישט געוואוסט, ווער ס'האָט געלאָזט פאַלן דאָס ערשטע וואָרט, נאָר באַלד האָט די ידיעה אַרומגעכאַפּט ס'גאַנצע דאָרף, ווי אַ שרפה בעת אַ ווינט.

— דאָס הויף ברענגט אַראָפּ צו דער אַרבעט „באַיקעס".(*)

מען איז זיך צונויפגעקומען ביי שלמה נוזשדען, איבערצושמועסן דעם ענין. נאָר קיינער האָט נישט געוואָלט אָנהייבן דער ערשטער. מען האָט געדרייט ציגאַרן, געביסן די ציביקלעך פון די קורצע פייקאַלעך, געריסן די וואָנצעס. יאַן פּעמפּוש האָט זיך דער ערשטער אַרויסגעריסן מיט אַ פראַגע:

— וואָס קלערט איר טאַקע צו טאָן, אַז דאָס הויף וועט אַראָפּברענגען די געבערגסלייט?

---

*) געבערגס־פּויערן.



קיינער האָט אים נישט געענטפערט. פילנדיק דעם חשד, וואָס האָט זיך געטשאַיעט אין אַלעמענס אויגן, האָט זיך פּעמפּוש צוגעבויגן צום אויער פון זיין נאָענטסטן שכן און אומקוקנדיק זיך מיט אומרו, ווי הינטער די פענצטער וואָלט עמעץ אונטערגעהאָרכט, אַריינגעשעפּטשעט.

— כ'בין געקומען אייגנס צו אייך מיט דעם, נאָר זאָל גאָט היטן, אַז מען זאָל זיך „דאָרט" וועגן דעם דערוויסן. כ'האָב געהערט ביים אָקעמאָן, אַז נאָך נעכטן זענען פורן אַרויסגעפאָרן אין דער איסטריקער געגנט נאָך אַרבעטער. זיי זענען ביליקער און אַרבעטן ווי די פערד טאָג און נאַכט פאַר דעם ביסל תבואה, וואָס מען גיט זיי מיט אַהיים.

פּאַמעלעך און שווער האָט זיך יאַקים אויפגעהויבן פון דער באַנק, ווי אַ קלאָץ וואָלט אָנגעהויבן וואַקסן אינדערהויך — אַז דאָס הויף וועט אַראָפּברענגען „באַיקעס", וועט מען שוין וויסן ווי צו ענטפערן.

פּעמפּושעס אויגן האָבן אַ פלאַטער געטאָן פון איין פּנים צום צווייטן:

— וואָס הייסט? רעד קלאָרער, יאַקים.

— מ'עט זיי אַראָפּטרייבן פון פעלד, און פאַרטיק.

— יאָ, אַזוי וועט מען טאָן — האָבן זיך געקרייצט אין דער לופט די שטימען.

— זיי זענען דאָך אויך אָרעמע מענטשן, מוזן פאַרדינען.

— יאָ, דאָס הויף זאָל אויסנוצן זייער אָרעמקייט קעגן אונז? אָבער וואָס פאַרשטייסטו פון דעם, ביסט דאָך אַ „פּאַניטש", איז וואָסזשע מישסטו זיך אין פּויערשע ענינים?

פּעמפּוש האָט אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט איבער דער טשופרינע:

— כ'על מיך שוין טאַקע מער נישט אַריינמישן. גיי טו ווען אַ טובה.

יאַקים האָט אָנגעהויבן צו זוכן זיין קאַפּעלעטש.

— קומט אַהיים, כלאָפּעס, ס'איז צייט, די שלאָמעכע קוקט שוין מיט איין אייגל צום בעט.

ביי דער שוועל האָט זיך שלמה אָנגעבויגן צו יאַקימען:

— אפשר נישט גלייך געווען אַזוי אָפּצופאָרן פּעמפּושן. די נבלה האָט ליב צו געדענקען. ציט בלויז ווערטער ביי מענטשן.

— ע־ע, זאָל ער מיך לעקן, ער איז סיווי צו דעם צוגעוואוינט.

דעם דריטן טאָג, גייענדיק צו דער אַרבעט, האָט זיך הרינקע אָפּגע־שטעלט אויף אַ בערגל, צוגעלייגט די האַנט צום שטערן, ווי אַ דאַשעק,

און זיינע שפּאַרבערשאַרפע אויגן האָבן לאַנג אַרומגעבלאָנקעט איבער דעם כוואַליעדיקן פעלד.

— העי, הרינקע, וואָס ביסטו מיטאַמאָל אַזוי שטיל געוואָרן? ביסט שטום?

— ס'וועט אייך בעסער זיין, אַז כ'וועל אייך זאָגן, אַז — ז י י זענען שוין דאָ?

— גיי, רעד נישט קיין נאַרישקייטן — האָט יאָקים אַרויסגעקוועטשט צווישן די ציין.

— גיטס אַ קוק, אָ, דאָרט, ווי דער וועג בייגט זיך אויס קיין יאַבלעווקע.

נאָר קיינער האָט נישט געהאַט הרינקעס שאַרפע אויגן. באַלד האָט זיך דער וועג אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער און זיך געשלענגלט צווישן צוויי הויכע תבואה־ווענט. פון דאַנען האָט אויך הרינקע מער גאָרנישט געקאָנט זען. ערשט ביים ראַוו, וואָס טיילט אָפּ פון וועג די הויפישע וועלדער, האָבן די דאָמבראָווקער שניטער דערהערט דאָס שושקען פון תבואה און דעם געקלאַנג פון סערפּעס. נאָכן אַריבערשפּרינגען דעם ראָוו האָבן זיי דערזען אַ לאַנגע שורה איינגעבויגענע גופים, ווי סנאָפּעס איינגעבראָכענע אינדערמיטן. מיט ווילדער עקשנות, וואָס האָט זיי בלינד געמאַכט פאַר אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום זיי, האָבן זיך די דאָזיקע מענטשן געוואָרפן אויף יעדער זשמעניע תבואה, ווי זיי וואָלטן געוואָלט פאַרכאַפּן מיט אייגענע הענט וואָס־מער פון דער גילדערנער שפע.

די דאָמבראָווקער זענען געבליבן שטיין פאַרגאַפט, געקוקט אויף די פרעמדגעקליידטע מענטשן, וואָס זענען דאָ אַזוי אומגעריכט אויסגעוואַקסן אויף די פעלדער, וועלכע זיי האָבן באַאַרבעט פון דור־דורות.

— געלויבט איז יעזוס קריסטוס — האָט זיך אָנגערופן צו זיי אַלס ערשטע די אַלטע פעשקע.

— אין אַלע אייביקייטן אָמן — האָט עס אַ קלונג געטאָן, ווי ס'וואָלטן נישט געענטפערט מענטשלעכע מיילער, נאָר די געלע תבואה־וואַנט.

צעפּאַטלטע קעפּ האָבן זיך אויסגעדרייט צו די דאָמבראָווקער. נייגעריקע בליקן האָבן געוואַנדערט פּאַמעלעך פון הינטן אַרויף, ווי זיי וואָלטן זיך געדאַרפט צוגעוויינען צו יעדן פּרט פון די באַשטיוולטע, אָדער באָרוועסע פיס. נאָך איידער זיי זענען צוגעקומען צו דער אויבערשטער העלפט גופים, האָט זיי, ווי אַ דונער אָפּגעשטעלט דעם אָקעמאַנס קול.

— סאַקראַמענצקאַ כאָלעראַ! זע נאָר, ווי דאָס ניאָכעט זיך שוין אַרום איינס מיטן צווייטן, ווי הינט. מען האָט אייך דאָ אַראָפּגעבראַנגט צו אַרבעט, נישט צום שפּילן זיך.



די סערפּן האָבן אַ ציטער געטאָן אין די הענט, דערשראָקענע אויגן זענען הכנעהדיק צוגעפאַלן צו דער ערד, די פּלייצעס האָבן זיך איינגעבויגן אַזוי טיף, אַז מען האָט געקאָנט זען, ווי ס'שטאַרן אַרויס פון אונטער די זגרעבנע, געלאַטעטע העמדער די שמאָלע, האַרטע בייטשן פון די חוט־השדרות.

יאָקים האָט לאַנג געקנייטשט דעם שטערן, זיך ענדלעך אויסגעדרייט צו די דאָמבראָווקער, וואָס האָבן אַלץ געקוקט אויף די ברוינע, ציגיינערישע, ווינטגעגאַרבטע פּנימער פון די „באַיקעס״.

— נישט געזען קיין מענטשן, וואָס? שטעלט אייך בעסער שניידן, יעדער אויף זיין בייט.

די מענער האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצוואַרפן די קאַפּטאַנעס, ווייבער די בלוזקעס, צונויפגעלייגט זיי אין בינטלען און אַוועקגעלייגט ביים ראַנד פון תבואה־פעלד. ווען זיי זענען שוין געשטאַנען אין די בלויזע העמדער, האָט זיך צו זיי געלאָזט דער אָקעמאַן, וועלכער האָט זיך ביז־אַהער צוגעקוקט רואיק צו אַלץ פון הינטער די רוקנס פון די „באַיקעס״.

— וואָס איז דאָס, האַ? איר גייט שוין באַלעבאַטעווען איבער פרעמדע פעלדער? ווער האָט נאָך אייך געשיקט? שטרייקטס ווייטער, פּאַנעס שטרייקערס.

ביי יאָקימען איז אויפגעלאָפן די אָדער אויפן שטערן און ווי אַ געטרעטענער רעגנוואָרעם זיך געקאָרטשעט אונטער דער פלאַם פון אויפשטייגנדיקן כעס.

— זייט מוחל, פּאַניע עקאָנאָמיע, דאָס הויף האָט אונדז גערופן און אונדז אַפילו צוגעזאָגט אַ קראַנע אַ טאָג, דאָס ווייסט איר דאָך אַליין אַמבעסטן.

— און וואָס האָט איר געוואָלט, אַז די תבואה זאָל זיך אויסשיטן אין מיטן פעלד? מען האָט אייך טאַקע גערופן, און טאַקע צוגעזאָגט, אָבער דאָס איז געווען מאָנטיק און היינט האָבן מיר פרייטיק. היינט דאַרף מען אייך נישט. עס האָט זיך אייך פאַרגלוסט צו וואַיעווען מיטן הויף, טאָ לעקט־זשע איצט אויס, וואָס איר האָט אַליין אָנגעמאַכט.

מען האָט אָנגעהויבן צוריק אַרויפשלעפּן אויף זיך די קאַפּטאַנעס און בלוזקעס. די מענער האָבן פון פאַרלעגנהייט געשפּיגן קרום אָן אַ זייט, די ווייבער האָבן פאַרראַכטן די טיכלעך אויף די קעפּ, געשנייצט אין די פאַרטוכער. מיטאַמאָל האָבן אַלע אויפגעשטעלט די אויערן. אַ כליפּען האָט זיך געטראָגן מיטן שמאָלן, שטויביקן וועג, געוואָרן וואָס אַמאָל שטילער, ווי ס'וואָלט דערשטיקט געוואָרן צווישן אייגענע טרערן, כדי דאַן מיטאַמאָל

אויסצושיסן מיט אַ יאָמערלעך געוויין. באַלד האָט זיך צווישן די תבואות באַוויזן אַ קיילעכדיקער, קורצגעשוירענער ייִנגלשער קאָפּ, וואָס איז ווי אַ באַל אונטערגעשפּרונגען אויף דעם כליפּענדיקן קערפּער. דערזעענדיק די דאָמבראָווקער, איז דאָס ייִנגל צוגעפאַלן צו אילקען און אַריינגעהעשעט אין זיינע קניען:

— טאָטו־ניאַ, טאָ־טו־ניאַ!

— וואָס איז? רעד!

טרערן אויסגעמישט מיט שטויב האָבן אויסגעריסט דאָס פּנים, בלויז דאָרט, וואו די האַנט האָט אַ שאַר געטאָן איבער דער נאַסקייט, איז געבליבן אַ ווייסע בריזדע. דורך דער גאַנצער ברייט פון דער לינקער באַק האָט זיך, ווי אַן אָנגעזויגענע פּיאַווקע געצויגן אַ בייטש פון רויטן געשווילעכץ.

— טאָ־טו־ניאַ, די קו...

— וואָס איז געשען מיט דער קו, וואָס? אויפגעבלאָזן, איך וועל דיר ווייזן!

— נ־ניין, מ׳האָט די קו אַרויסגעטריבן פון דער פּאַסוויסקע.

— וועמענס קו?

— נו, אונדזערע — און אַלעמענס. אַז כ׳האָב נישט געוואָלט גיין, האָט מיר איינער פון די הויפישע אַרויסגעריסן די בייטש און אַ שמיץ געטאָן איבערן פּנים, דאָ, אָ.

— ווער האָט עס געטאָן? — האָט אילקע אַ קריץ געטאָן מיט די ציין.

— איינער אין אַ פּריצישן אַנטון, פון הויף.

— און וואו זענען די קי?

— אין שטאַל.

— פּאַניע עקאָנאָמיע, זאָגט ער נישט קיין ליגן?

די רייטבייטש האָט זיך אַ שפּיל געטאָן מיט דער גלאַנציקער כאַלעווע.

— פרעג ביים פּאַן זשאַנדצע. ס׳איז נישט מיין עסק. איך האָב צו היטן די אַרבעט אין פעלד.

אַ שווערער זייל שטויב האָט זיך דערנענטערט אויף פיר ווייסע, פערדישע פיס. פון דער גראָער כמאַרע האָט זיך אַרויסגעשיילט דער שווערער גוף פון דאָמבראָווקער זשאַנדצע.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרזאַמלונג? וואָס? אויף אייער בלאַניע האָט איר ווייניק פּלאַץ?

אילקע האָט אַראָפּגענומען דעם צעלעכערטן שטרויענעם קאַפּעלעטש.

— כ׳בעט איבער אייער כבוד, פּאַניע זשאַנדצע, אָבער מיין ייִנגל איז געקומען צולויפן מיט אַ געוויין, אַז מען טרייבט אונדזערע קי פון הויפישן פעלד.



— איז וואָס־זשע, וואָס?

— כ׳מיין, מיר האָבן משוה געווען די פּאַסוויסקע אויף אַ גאַנצן זומער.

— און אַז משוה געווען, איז וואָס? אַז מען צאָלט נישט, העלפט נישט קיין שום משוה זיין. פון אַ פרעמדן פערד, ברידער, איז קריך אַראָפּ אין סאָמע מיטן וועג. כאַ, כאַ, כאַ.

— מיר זענען דאָך געקומען אָפּאַרבעטן.

— צו שפּעט, ברידערקע, צו שפּעט. אונדזער „הויף" קען נישט צאָלן אַ קראַנקע אַ טאָג. אונדזער הויף „דאָסט" נישט מיט קיין קראַנקעס.

— מען טאָר נישט אָפּטרעטן פון דאַנען — האָט יאַקים אַרויסגעוואָרפן פון צווישן די צונויפגעביסענע ציין. — שטעלט אייך צו דער אַרבעט.

און בעת דער זשאַנדצע האָט גערעדט מיט אילקען, האָבן זיך אַלע דאָמבראָווקער אויסגעשטעלט אין איין שורה, און די ערשטע זשמעניעס תבואה האָבן אַ טרעשטש געטאָן אונטער די שאַרפע, קליינע ציינדלעך פון די סערפּן.

דעם זשאַנדצעס שטערן האָט זיך אָנגעצונדן מיט כעס.

— ווער האָט אייך ערלויבט צו שניידן? וואָס?

— פּאַניע זשאַנדצאָ, די קי קענען נישט שטיין אין אַזעלכע היצן אין די שטאַלן. מיר ווילן אָפּאַרבעטן ערלעך פאַר דער פּאַסוויסקע.

— אַוועק פון דאַנען, האָב איך געזאָגט! דאָ איז נישט קיין יאַריד!

קיינער האָט זיך נישט גערירט.

עפּעס אַ געדאַנק האָט דורכגעשניטן דעם זשאַנדצעס שטערן און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שפּור פון אַ חוזקדיקן שמייכל.

— פון מיינעטוועגן, אַז איר ווילט — שניידט. אָבער, דאָ הערן מענטשן, קיינער וועט אייך נישט באַצאָלן פאַר דער אַרבעט.

די לעצטע ווערטער זענען געקומען שוין דאַן, בעת דעם זשאַנדצעס פוס האָט געזוכט דעם אייזערנעם הענגער פון זאָטל. דער שאַרפער פערדישער גאַלאָפּ האָט זיך פאַרלוירן אין דער פרישׁ אָפּגעדעקטער ווייכער ערד.

מען האָט געווישט דעם שוויס פון די שטערנס. עס האָט זיך געדוכט די מענטשן, אַז דער טאָג האָט זיך מיט דער גאַנצער מאַסע זון אַראָפּגעלאָזט אויף זייערע פּלייצעס און דריקט זיי צו צו דער ערד.

— וואָס וועט איצט זיין? — האָבן געפרעגט פאַרזאָרגטע אויגן און ליפּן.

שלמה האָט עטלעכע מאָל אַרויף־ און אַראָפּגערוקט דעם קאַשקעט.

— מ׳עט נישט אַראָפּגיין און — גענוג.

— ווי אַזוי גאָך?

— שלאָמאָ איז גערעכט — האָט צוגעגעבן יאָקים.

— און אַז מ'עט נישט באַצאָלן?

— און אַז מ'עט אַראָפּטרייבן?

— וועט מען גייך, אָבער די באָיקעס וועלן מיטגיין מיט אונדז.

— ער איז גערעכט, ביהמע.

— טאַקע —

— מען מוז פריער מיט זיי איבערשמועסן.

— וועלן דיך האָרכן ווי דעם מאַרצאָווע שניי.

— דאָס וועט זיך ערשט לאָזן זען.

— העי, מענטשן, — האָט יאָקים אַריבערגעשריגן צו די געבערגס־פויערן — הערטס אויף די רגע צו אַרבעטן, אויב נישט, וועט איר האָבן מיט אונדז צו טאָן, מיט דער גאַנצער הראָמאַדע. אויב אַרבעטן איז אַלע צוזאַמען. מען וועט זיך דאָ מיט אייך נישט שפּילן, געהערט?

די באָיקעס האָבן אויסגעגלייכט די פּלייצעס. ס'האָבן אויף אַ ווײַלע אַ כוואַליע געטאָן די מענטשלעכע קערפּערס, ווי זאַנגען אין ווינט. דער אָקעמאַן איז געקומען צו לויפן, פאַרשטעלט די פרעמדע שניטערס פאַר יאָקימען.

— וואָס האָט איר דאָ צו זוכן? האַ? נישט געהערט, אַז איר דאַרפט זיך פון דאַנען אָפּטראָגן?

— דאָס וועט זיך ערשט לאָזן זען, פּאַניע עקאָנאָמיע.

נאָך יאָקימען זענען צוגעקומען די איבעריקע דאָמבראָווקער, און זיך אויסגעשטעלט לעבן אים. קיין איין וואָרט איז נישט געפאַלן פון די פאַרביסענע ליפּן. דאָס שווייגן, וואָס האָט, ווי אַ בלאָטער אַרײַנגעזויגן די גאַנצע שנאה, איז געוואָקסן פון מינוט צו מינוט, ביז ס'האָט עס אויפגעשניטן דער מעסערשאַרפער פייף פון אָקעמאַן.

די „באָיקעס" האָבן זיך צונויפגענומען אין איין קופּע, ווי אַ טשערעדע דערשראָקענע שאָף, גרייט צו אַנטלויפן יעדע רגע.

מסתמא איז דאָס אַלץ געווען צוגעגרייט און זיי האָבן דאָ ערגעץ אין דער נאָענט געוואַרט אויף דעם סיגנאַל, ווייל איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, זענען צווישן זיי געשטאַנען צוויי זשאַנדאַרן מיטן קאָמענדאַנט. די באַיאָנעטן האָבן ווי שאַרפע, גרויסע נאָדלען אײַנגעפעדעמט דעם צעשטראַלטן טאָג, און מיט די גילדענע זונענפעדים ביי יעדער באַוועגונג אויסגענייט נייע מוסטערן אויף דעם העלבלאָען הינטערגרונט.



דער קאָמענדאַנט מליטשקאָ, אַן אויסגעדינטער עסטרייכישער פעלד־פעבל, האָט זיך אַ ריס געטאָן ביי דער אויפגעשטעלטער, פאַרדריי־טער וואָנצע.

— יאָ, לייטע — יאַק טאָ בילאָ?

ער האָט זיך נישט געקאָנט און נישט געוואָלט אויסלערנען די שפּראַך פון די פאַרשאָלטענע „פּאָלנישע שווינע", ווי ער האָט גערופן די פויערן און שטענדיק גערעדט בעמיש. הייַנט איז ער דווקא געווען אין אַ גוטן הומאָר. דאָס פרישטיק און דער קאָניאַק ביים זשאַנדאַרן האָבן אים צעוואָרעמט דאָס בלוט. האָט ער בלויז מיט גוטמוטיקער פאַראַכטונג געקוקט אויף דעם לייוונטבאַקליידטן פויערנפאָלק.

פון אונטערן קאָמענדאַנטס פּלייצע האָט זיך אַרויסגעשאַרט יאַן פּעמפּוש.

— כ'בין אייך אַ גוטער פריינט, דערפאַר וויל איך אייך עפּעס זאָגן. איר וועט דאָ גאָרנישט פועלן, גייטוזשע בעסער אַהיים. יעדער אין זיין שטוב. וואָס דאַרפט איר אומזיסט אויפרעגן אונדזער פאַן קאָמענדאַנט?

— טאַקע, וואָס וועט מען דאָ אויסשטיין — האָט אַ מאָל געטאָן צווישן די יאָסלעס די אַלטע פּעשקע. — פריער האָבן זיי געפּילדערט, אונזערע פאַרזאָרגערס, און איצט שטייט מען שטיל, ווי די מייז. אונטער דעם ווייבס פאַרטעכער זענען זיי אַלע גרויסע העלדן.

עטלעכע מאַנסבילן, ווי אַנגעיאָגטע פון דער אַלטערס ווערטער האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן פאַרויס.

דער קאָמענדאַנט, וואָס איז אינצווישן אַרויס פון חידוש, האָט אַ בייזן וואָרטש געטאָן צו די זשאַנדאַרן:

— וואָס שטייט איר, ווי אָנגעמאָלענע פּאַנעס, האַ?

די זשאַנדאַרן האָבן אַראָפּגעריסן פון די פּלייצעס די ביקסן.

— צוריק —

יאַן פּעמפּוש, וואָס האָט זיך געוואָלט באַרימען פאַרן דאָרף מיט זיין פריינטשאַפט מיט „גרויסע לייט", האָט וואָוילעריש אַ וואונק געגעבן צום קאָמענדאַנט:

— אָבער פּאַניע קאָמענדאַנציע, איך קאָן דאָך די מענטשן, זיי וועלן זיך רואיק צעגיין, אַ יאָ, כלאָפּצי?

— זיי בעסער שטיל, דו הונט. מען דאַרף דיך נישט פאַר קיין מעקלער, האָסט שוין גענוג געמעקלערט. גיי דיר בעסער לעקן דאָס הויף מיט די פּריצים.

פּעמפּוש איז געוואָרן בלאַס, זיינע לאַנגע, געדיכטע וויען זענען אויף אַ ווײַלע אַראָפּגעפאַלן, און נאָך בולטער אונטערגעשטראָכן די בלאַסקייט פון פּנים. ער האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט מיט אַ

קאַראַמעסלע געוואָלט אַרויסשלעפּן פון אַ טיפן ברונעם אַ שווער, פאַרגעסן וואָרט. דאַן האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, גלייך די טרחה וואָלט געווען אומזיסט. עס לוינט פשוט נישט די מינדסטע אָנשטרענגונג.

— פּאַניע קאָמענדאַנציע, מיר זענען געקומען צו דער אַרבעט, אַזוי ווי יעדן טאָג.

— אָבער דעמאָלט, אַז מ׳האָט אייך גערופן האָט איר איינגעפירט אַ נייע מאָדע, אַ מאָדע פון שטרייקן. איצט דאַרף מען אייך נישט, קוקטס וויפל שניטערס עס קומען אַרויס, אַז מען גיט בלויז איין פייף.

שלמה האָט זיך צוגעבויגן צו יאַקימען:

— זיי האָבן אין הויף געמאַכט אַ נישקשהדיקע כוסה, אַז זיי בילן אַזוי הויך.

— נו און איצט פּשיאַקרעוו, אַהיים!

יאַקים האָט זיך מיט די שטיוול איינגעגראָבן אין דער ערד. אייך ברעם האָט ביי אים געצוקט, ווי שטענדיק, ווען ער פלעגט אַריינפאַלן אין כעס.

— מיר זענען נישט געקומען אַהער רויבן און גנבענען, וואָס איר שטעלט אויף אַנטקעגן אונדז ביקסן.

— טי מניע בענדזיעס אוטשיט? טי כלאָפּאַ זאַסראַנאַ — האָט געדונערט דער קאָמענדאַנט.

נישט קאָנענדיק געפינען קיין פּאַסיקע פוילישע ווערטער, האָט ער זיך נאָכמער געבייזערט אויף דער האָלאָטע, וואָס פאַרשטייט נישט קיין דייטש, און צווינגט אים קאָליע צו מאַכן זיין שיינע, בעמישע מוטערשפּראַך.

— אַז דו קענסט יאָ אַזוי שיין רעדן, וועסטו זיך אויסטענהן מיטן ריכטער, אַז ער וועט דיר צוקלעבן דעם פּאַראַגראַף 81. נעמט אים!

די זשאַנדאַרן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף יאַקימען. קייטעלעך האָבן אַ קלונג געטאָן. איידער ער האָט זיך געהאַט צייט אומצוקוקן, האָט ער דערפילט אויף זיינע געלענקן דעם קאַלטן ביס פון אייזן.

דער קאָמענדאַנט האָט זיך געשטעלט לעבן יאַקימען. די זיכערקייט פון אַן אַמטספאַרשוין האָט געמאַכט זיינע ווערטער שאַרף און שפּיציק, און זיין שמייכל חוזקדיק.

— אַזוי וועט אויסזען יעדער, ווער ס׳וועט גיין אין זיינע דרכים. קוקטס אים גוט אָן! און איצט אַלע אַהיים! כ׳זאָל נישט דאַרפן נאָך אַמאָל אַ קלונג טאָן מיט די קייטאַלעך.

יעדער האָט געקוקט אויף יאַקימען, ווי אויף אַ בייז וואונדער. ער איז מיטאַמאָל פאַרפרעמדט געוואָרן, גלייך די דינע קייטעלעך וואָלטן אים



אָפּגערוקט אין אַן אַנדערווירקלעכקייט, אים צוגעשמידט צו יענע געזעצן, וואָס קלינגען אַזוי מאָדנע אומפאַרשטענדלעך אין די פּויערשע אויערן. עס האָט זיך זיי אַלע געדאַכט, אַז יאַקים ווערט אַ טייל פון יענער ווייטער, בייזער וועלט. האָט מען זיך פון אים אָנגעהויבן אָפּצורוקן, אים איבערגעלאָזט מיט די זשאַנדאַרן און מיט זיין אייגן גורל. מען האָט זיך אָנגעהויבן אויסצוקערעווען אַהיים. די אויגן האָבן זיך צוריק אָנגענומען מיט הכנעה, די פאַרקלעמטע ליפּן האָבן זיך אויפגעבונדן דורך אַ תפילהדיק וואָרט. יעדע רגע האָט מען זיך אָפּגעשטעלט, געוואַרט אויף עפּעס, געוואָרפן אַ בליק אויף יאַקימען, וואָס שטייט אין דער רעם פון צוויי אויפגעשטעלטע באַיאָנעטן, און ווידער געשטעלט אַ פּאָר טריט פאָרויס.

אָט גראָד אין דער איינער מינוט האָט זיך ווי אין אַ פּריזמע צונויפגעזאַמלט שלמהס גאַנץ לעבן. ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס עס האָט צו אים אַ זעץ געטאָן מיטן ריח פון זיין פריער קינדהייט, פון זיין פאַרוואָרלאָזט, באַעוולהט לעבן. עס האָט זיך אַלץ צונויפגעגאָסן אין איין שטיק גליענדיק פייער פון די ערשטע גלאָווניעס, וועלכע ער האָט צעוואָרפן מיט זיינע קינדערהענט אויפן ליימבאַרג, ביז צו די זונצעברענטע, שטאָלענע באַגנעטן, און זיך אָנגעהויבן צו דרייען אַרום אים אין אַ ראָד. זיין הייזעריק דערשטיקט קול האָט אַ קלונג געטאָן, ווי אַ פאַרזשאַווערטע קייט:

— פּאַניע קאָמענדאַנציע, לאָזט עים אָפּ!

שלמה האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַרן קלאַנג פון זיינע ווערטער, נישט געקאָנט גלויבן, אַז דאָס האָט ער אַרויסגעברענגט אין זיך אַזויפיל דרייסטקייט.

דער קאָמענדאַנט האָט אים אָנגעכאַפּט ביים לאַץ:

— נאָך דיך האָט מען דאָ נישט געזען. מאַרש צו ווייב און קינדער!

ווערטער האָבן זיך געקנוילט אין דער קעל, נאָר בשום־אופן נישט געקענט געפינען דעם וועג אַרויס. נישט קענענדיק געפינען קיין ווערטער, האָט שלמה אָוועקגעשאַרט מיט די הענט, ווי מיט וועסלעס די דערבייאיקע און געבליבן שטיין פאַרן קאָמענדאַנט.

— צוריק! — האָט אַ קנאַל געטאָן דעם קאָמענדאַנטס שטימע. אָט דאָס קול האָט שלמהן אינגאַנצן צעטומלט. ווי אַ בלינדער האָט ער זיך געוואָרפן פאָרויס אויף דעם קול, וואָס שניידט שאַרפער פון אַ רימען.

די שטאָלענע באַגנעטן האָבן אויפגעבליצט, זיך אַראָפּגעבויגן און פאַרלאָשן געוואָרן דורך שלמהס לאַנגן קערפּער. נאָך אַ ווײַלע האָט זיך שלמהס גוף געהאַלטן אין דער לופט, איידער ער איז געפאַלן צו דער ערד, מיטשלעפּנדיק מיט זיך דעם באַיאָנעט מיטן זשאַנדאַר.

ווי באַפרייטע פון אומזיכטבאַרע פענטעס האָבן די דאָמבראָווקער אַ שפּאַר געטאָן פאַראויס. אַ שאָס האָט אַ טרעשטש געטאָן, ווי טרוקן האָלץ וואָלט זיך אָנגעצונדן. נאָר קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אַפילו.

— יאַקים, ווייז נאָר די הענט, יאָקים!

— אַ האַק דערלאַנגטס!

עס האָט אַ גרילץ געטאָן אין די אויערן דאָס אייזן, איידער ס'איז געבליבן ליגן ביי די פיס, ווי אַ צונויפגעקאָרטשעט שלענגעלע, גרייט צום שפרונג פאָרויס.

יאַקימס באַפרייטע האַנט האָט אַ כאַפ געטאָן עמיצנס סערפ. ווי האַלב־לבנהס זענען אויפגעגאַנגען איבער די קעפ די סערפן. איבער יעדן קאָפ אַ שאַרפע האַלב־לבנה.

אין די אויערן האָט אַ קלונג געטאָן דאָס אייגענע בלוט, שווייס האָט זאַמאַראָטשעט די אויגן. פיר קערפערס האָבן געשניטן דאָס פעלד אין דער קווער. דריי פילקלהויבן מיט גלאַנציקע שפיצן האָבן געעקבערט די לופט, אַ ווייס, לייוונטן היטל איז אונטערגעשפרונגען, ווי אַ באַל. אָנגעלאָפן אַ שטיק וועגס האָבן זיך די זשאַנדאַרן אויסגעדרייט מיט די פנימער צו די דאָמבראָווקער. זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד מיט איין קני, צוגעשטעלט די ביקסן צו די אויגן. הינטער זיי, רויט פון אָנשטרענגונג, שטאָמלענדיק פון שרעק אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, האָט זיך צוגעטשאָיעט דער אָקעמאַן. זיין ראַפניק איז אים אַראָפגעהאָנגען ווי אַ קראַנק אבר.

די דאָמבראָווקער זענען געבליבן שטיין פאַר דער תבואה־וואַנט. מיט־אַמאָל האָבן זיך אַלע איינגעבויגן, גלייך יעדע באַוועגונג וואָלט געווען אַ תפילה צו אָט די פולע, שטומע זאַנגען. יעדער האָט אָנגענומען בלויז איין זשמעניע תבואה, און יעדער האָט זיין אָנגעשניטענע זשמעניע תבואה צונויפגעלייגט אויף איין קופע, צונויפגעבונדן זי אין איין גרויסן, שווערן סנאָפ. דאַן איז מען אויף שפיץ פינגער, ווי מען וואָלט מורא געהאַט אויפצואוועקן די ערד אונטער די פיס, צוגעקומען צו שלמהן און אים אַרומגעשטעלט אין אַ האַלבראָד.

— ווי טוט עס וויי, שלאָמאַ? — האָט זיך פעדקע אָנגעבויגן.

אַ שמייכל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון שלמהן ליפן, ווי אַ לאַסיצע פון אַ שטייג.

— ס'איז מיר נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי גוט, ווי איצט. כאָטש איין מאָל אין לעבן עפעס אויפגעטאָן.

יאָקים האָט געפרואווט די צוויי גרויסע טרערן, וואָס האָבן געבריט די אויגנווינקלען, אָפנאַרן דורך אַ האַפערדיק לאַכן.



— אַמשווערסטן איז ס'ערשטע מאָל. וועסט נאָך אַ סך אויפטאָן אין לעבן, שלאָמאַ.

יאָקים האָט אַ וואונק געטאָן צו די פויערן. זיי זענען צוגעקומען נענטער, אַרונטערגעלייגט די אָרעמס אונטער שלמהס קערפער, און פאַמעלעך, היטנדיק יעדן טראָט, ווי דער דאָזיקער לאַנגער גוף אויף זייערע הענט וואָלט געווען פון סאַמע גלאָז, אים צוגעטראָגן צו דער פריש אָנגעשניטענער תבואה, און אים אַרויפגעלייגט אויפן גרויסן, שווערן סנאָפ. די דאָזיקע באַוועגונג האָט נאָך איין מאָל אויפגעריסן שלמהס גוסטדיקע אויגן. דאָס העמד האָט זיך צעעפנט, אויף דער דאַרער ברוסט, און פרייגעלאָזט די, מיט טונקלעם גערינענעם בלוט פאַרקלעבטע האָר. פון אונטערן סאַמע ברוסט־וואָרצל האָבן אַרויסגעשטאַרט די צוויי גראָבע, אָפענע ליפן פון דער וואונד. מיט אַ דין שנירעלע איז געפלאָסן רויטער, הייסער זאָפט. און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז פון אָט דער דאָזיקער וואונד קומען די לעצטע, שטילע ווערטער:

— אַז עך וועט שניידן דעם צווייטן זומער...

— וואָס זאָגסטו, שלאָמאַ?

שטיל. די אויגן צו.

נאָר די ליפן פון דער וואונד, אָפענע און ווילדע און דאָס שנירל בלוט, ווי דאָס לעצטע נישט דערזאָגטע וואָרט.

1934